STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06120

ARISHE PAPIRN

Michal Borwicz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל באָרוויטש

אָרישע פּאַפּירן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

106

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מיכאל באָרוויטש

אַרישע פּאַפּירן

באַנד צוויי

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1955 — תשט״ו

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס.

א י נ ה אַ ל ט :

וו טייל :

בונקערס, מעלינעס און וואַלד־באַהעלטענישן

פון די באַהעלטענישן אין געטאָ ביז צו די באַהעלטענישן אויף דער „אַרישער זייט". — באַהעלטענישן און „פּאַפּירן". — אַ נאַכט אין וואַלד. — אין דער דירה פון ליטווישן שרייבער רוזגעס. — אַ גלח וואָס האָט געטרייסט. — פּראָבלעמען מיט אַ מת. — אַ קוק, אַ פּאַר־ווײלונג־שטוב און אַ קימפּעט אין אַ קאַנאַל. — ביי דער „באָבען", אין תפיסה און אין שפּיטאָל. — אַן אויסבאַהאַלטענער דורך זיין נייעט־יידישער פרוי. — צווישן דער באַהעלטעניש און די ירידן. — ער האָט אויך געשפּילט די ראָלע פון אַ טויבן. — אַפּוטרופּסים מיט אַן איבער־געטריבענער פאַנטאַזיע. — פּראָבלעמען, קאָנפליקטן, פּאַרדרוסן און שטימונגען. — פונעם אויפשטאַנד אין אויגוסט, אין אַ ברענענדיק הויז אָן דער טויט פון אַ שטאָט. — די טעג און נעכט פון די יידישע קעמפער אין דער מעלינע אויף פּראַמיק־גאַס. — צווישן געטאָ, לאַגער און וואַלד — — — — — — — — — — — — — — — — 9

ווו טייל :

„אַרישע פּאַפּירן" אוןווידערשטאַנדבאַוועגונג

א) פאַרן חורבן פון די געטאָס

1. אַ טראַגישע דילעמע :

דער בונד מיטן געטאָ. — שליחים פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַ־ניזאַציע אויף דער „אַרישער זייט" — — — — — — — — — — 73

2. קאַמפּס־אַקטן אויף דער „אַרישער זייט" :

די קראָקעווער יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. — דאָס „פּאַבריקל פון דאַלטקן. — דער קאָנפליקט צווישן די קעמפער און סימפּאַטיקער. — אין אַנדערע שטעטלעך (קאָברין, בריסק, קרעמעניעץ). — די אויס־שטראַלונג פון געטאָ — — — — — — — — — — — — — 85

3. אין פּאָליציאַנטישן מונדיר אין דייטשער דינסט — — — — 102

4. אויף דער „אַרישער זייט״ צוליב דעם אויפשטאַנד פון וואַר־שעווער געטאָ:

צי בלויז אַ קאָשמאַר? פון אַ קלויסטער אַרום ווילנע. — אויף אַרבעט אין וואַרשע. אריה ווילנער. — קאָנטאַקט־פונקטן. — ביי אַ טישל אין גאָרקיך. — געווער פאַרן געטאָ — — — — — — — — — — — — — — 115

5. בעת דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ:

דער אויפרוף פון קעמפנדיקן געטאָ. — די שליחות פון קאַזשיקן און זיגמונטן אויף דער „אַרישער זייט״. — אין די רעלאַציעס פון פוילישע שרייבער. — דער ראַפּאָרט פון דייטשן גענעראַל י. סטראָאָפּ. — די פלוגבלעטלעך פון פוילישע אָרגאַניזאַציעס וועגן געטאָ אויפשטאַנד. — די פּובליקאַציע פון רעגירונגס־דעלעגאַטור. — דער בריוו פון גובער־נאַטאָר פראַנק אין דער רייכס־קאַנצעלאַריע — — — — — — — — 127

6. דער גורל פון די פאַרבליבענע קעמפער — — — — — — — 152

IV טייל:

ב) נאָך דעם ענדגילטיקן חורבן פון די געטאָס

1. אין דער נייער סיטואַציע:

דאָס אָפּגעפינען זיך אויפן בית־עולם. — די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע. — 161

2. צווישן לאָנדאָן און וואַרשע — — — — — — — — — — — 166

3. דער גורל פון ייִדן און פוילישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַקטאָרן אין לאַנד גופא — — — — — — — — — — — — — — — — 177

4. דער ראַט פון הילף פאַר ייִדן — — — — — — — — — — — 194

5. זכרונות און אַרכיוון — — — — — — — — — — — — — — 202

6. וועגן ייִדן אין פוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס — — 208

צווייטער טייל:

בונקערס, מעלינעס
און וואלד־באהעלטענישן

I

פון די באַהעלטעונישן אין געטאָ ביז צו די באַהעלטעונישן אויף דער „אַרישער זייט״. — באַהעלטענישן און „פּאַפּירן״. — אַ נאַכט אין וואַלד. — אין דער דירה פון ליטווישן שרייבער רוזגעס. — אַ גלח וואָס האָט געטרייסט. — פּראָבלעמען מיט אַ מת. — אַ קיך, אַ פאַרוויילונג־שטוב און אַ קימפּעט אין אַ קאַנאַל. — ביי דער „באבען״, אין תפיסה און אין אַ שפּיטאַל. — אַן אויסבאַהאַלטענער דורך זיין נישט יידישער פרוי. — צווישן דער באַהעלטעניש און די ירידן. — ער האָט אויך געשפּילט די ראָלע פון אַ טויבן. — אפּוטרופּסים מיט אַן איבערגעטריבענער פאַנטאַזיע. — פּראָבלעמען, קאָנפליקטן, פאַרדרוסן און שטימונגען. — דער גורל פון וו. שפּילמאַן און... „אויפהענגען זיך צו נישט״. — דער אויסברוך פונעם אויפשטאנד אין אויגוסט. — אין אַ ברענענדיק הויז און דער טויט פון אַ שטאָט. — די טעג און נעכט פון די יידישע קעמפער אין דער מעלינע אויף פּראַמיק־גאַס. — צווישן געטאָ, לאָגער און וואַלד.

אַרומרעדנדיק די איבערלעבענישן פון יידן, וועלכע ס׳איז געלונגען אַרויסצורייסן זיך אויף דער אַרישער זייט, איז אָפּט אויסגעקומען צו דערמאָנען צ. א. וועגן זייער לעבן אין פאַרשידענע באַהעלטעונישן: אין פאַרמאַסקירטע קעלערן און בוידעמס א. א.

אייניקע מחברים, וואָס האָבן באַזונדער ליב אַבסטראַקטע באַצייכענונגען, האָבן פאַר דעם מין איבערלעבענישן אַפילו געשאַפן אַ ספּעציעלן

נאָמען, דאָס וואָרט „בונקראָלאָגיע" (דאָס הייסט די „לערע וועגן באַהעל־טענישן"). נישט וויכטיק זענען אָבער די באַצייכענונגען און דער גאַנצער שפּיל מיט „וויסנשאַפטלעכע" טערמינען. מיר וועלן דעם ענין אויפקלערן מיט פּשוטע ווערטער:

די דערפינדונג פון באַהעלטענישן (פאַר מענטשן) האָט זיך פאַר־שפּרייט שוין אין די געטאָס. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מבול פון די, וואָס אַמאָל אַנדערע, באַשטעטיקונגען (וואָס האָבן כלומרשט געדאַרפט אָפּהיטן זייער באַזיצער פון אַלעם בייזן) איז בלויז געווען אַ נידערטרעכטיק מיטל אָפּצונאַרן און דעזאָריענטירן די קרבנות, האָט מען פאַרשטאַנען אַז דער איינציקער אופן אויסצומיידן די בלוטיקע „אַבלאַ־וועס" איז דאָס אויסבאַהאַלטן זיך. אַגב פלעגן, אַפילו די ציווילע דייטשן, אָנפירער פון פאַרשידענע פאַבריקן (די זעלבע וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די דערמאָנטע באַשטעטיקונגען) דערקלערן אין פריוואַטע געשפּרעכן, ענטפערנדיק אויף דער פראַגע וואָס מען האָט זיי געשטעלט, פראַגן וועגן דער וואָגיקייט פון די באַזונדערע באַשטעטיקונגען: — „אַ גוט באַהעלטע־ניש איז דיווירקזאַמסטע באַשטעטיקונג".

אַפילו אין די קלענסטע געטאָס האָט מען גענומען בויען וועגטלעך, וואָס האָבן פאַרשטעלט די באַהעלטענישן (איינגעאָרדנטע אין די דירות, אין די קעלערן און אונטער די דעכער). די אַריינגענג צו די באַהעלטע־נישן האָט מען מאַסקירט אויף הונדערטער אופנים. פון די פרימיטיווסטע צו די צומייסטן ראַפינירטע. טיילמאָל פלעגט זיך דער אַריינגאַנג געפי־נען אונטער דער בלעך פון אַ קיך, אונטער אַ קעסטל אויף מיסט, אָדער אונטער אַ מעבל־שטיק. אַמאָל פלעגט מען אַריינגיין אין דער באַהעלטע־ניש דורך די טירלעך פון אַן אויוון.

בעת צאָלרייכע „אַקציעס" פלעגן די באַהעלטענישן באמת העלפן. דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ צייטווייליקע הילף, אַן ערזאַץ. ווען עס פלעגט זיך דערנענטערן די „ליקווידאַציע" פונעם געגעבענעם געטאָ, פלעגן די דייטשן צענעמען מויערן און געברענט גאַנצע הייזער. די באַהאַלטענע מענטשן פלעגן אומקומען אין די פלאַמען. די שעהן וואָס מען פלעגט איבערלעבן אין די באַהעלטענישן זענען געווען באַזונדער דראַמאַטישע און שוידערלעכע. די צונויפגעפּרעסטע אויף אַן אומוואַרשיינלעך קליינעם

שטח האָבן זיך די מענטשן געשטיקט צוליב מאַנגל אין לופט. עס האָט געמאַטערט דער דורשט, דער הונגער, דער עיפּוש און די אומריינקייט, וועלכע מען האָט נישט געקענט אויסמיידן. אַזוי ווי אויף אַלע אָפּשניטן פון יידישן פּיין האָבן זיך דאָ אויסגעצייכנט די ליידן פון יידישע קינדער. דאָס קליינוואַרג ווענען עס איז נאָך נישט געווען באַשערט צו באַזיצן די קונסט פון רעדן, האָבן זיך דאָ געלערנט שוייגן אין מאָמענטן פון טויט־געפאַר. וואָס האָט מען אָבער געקענט טאָן מיט זויג־קינדער, וועלכע האָבן — אין די דאָזיקע באַדינגונגען — געקאָנט אָנהויבן וויינען, פאַראַטן אַזוי אַרום די עקזיסטענץ פונעם באַהעלטעניש און גורם זיין דעם טויט פון אַלע מענטשן, וואָס זענען דאָרט געווען באַהאַלטן?

מען פלעגט די דאָזיקע עופהלעך געבן שלאָף־מיטל׳ען; עס פלעגט אָבער געשען, אַז אַ זויג־קינד, וואָס האָט נאָך נישט געקענט די מאָס פון מענטשלעכער נידערטרעכטיקייט — איז אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין אין מאָמענט ווען מען האָט אין נאָענטער שכנות געהערט די טריט פון די דייטשע מערדער. עס פלעגט אויך געשען, אַז אַ מוטער האָט אין אַזעלכע מאָמענטן פון העכסטער דראַמאַטישער שפּאַנונג, געמוזט אויסקלייבן צווישן דער ליבע צו איר אייגן קינד און דאָס לעבן פון אַלע אַנוועזנדיקע, ווייל זי האָט גוט פאַרשטאַנען די פאָלגן פונעם קינדס געוויין. און זי פלעגט דעמאָלט מיט אירע אייגענע הענט דערשטיקן איר קינד און שפּעטער נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַוועקגעגאַנגען, באַגיין זעלבסטמאָרד, אָדער בלייבן לעבן מיט דער מערדערישער וויזיע ביז איר לעצטן אָטעם.

***

אין דער צווייטער העלפט 1942, בעת אַן „אַקציע" אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך דער ס.ס.־שטורמבאַנפירער (מאַיאָר) העפלע אַריינגעריסן מיט זיין באַנדע אויסוורפן אין אַ קעלער, וואָס עס איז שוין געווען ביז דער העלפט פאַרפלייצט מיט וואַסער. אויף דער אויבערפלאַך פון דער דאָזיקער משונהדיקער אָזערע זענען אַרומגעשווומען שיסלעך (איבערגע־דרייטע מיטן דעק אין דער הויך). די מערדער האָבן שוין געוואָלט אַוועק־גיין. מיטאַמאָל האָבן זיי אַנטדעקט אַז די דערמאָנטע שיסלעך — דעקן צו

די קעפּ פון מענטשן, וואָס האָבן אַזוי אָרום (פּאַרזונקענע אין וואַסער) מאַס־קירט זייער אַנוועזנהייט. העפלע האָט באַפוילן אַלע אויסצושיסן.

נישט ווייניקער שוידערלעך איז געווען דאָס לעבן אין די באַהעל־טענישן. פון די פיל הונדערטער פאַקטן וועלן מיר ציטירן בלויז איינעם און אויך בלויז ווי אַ משל פון דעם צופּאַסן זיך צו די הייל־באַדינגונגען. אין באַהעלטעניש געפינען זיך הונדערט זעכציק מענטשן, צווישן זיי קרוב דרייסיק קינדער... די קלייניקע באַשעפענישן וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געמוזט ליגן אומבאַוועגלעך בעת פון זייערע גופימלעך האָט זיך געגאָסן דער שווייס (אַזוי ווי מען וואָלט זיי באַגאָסן מיט עמערס וואַסער) האָבן זיך אין אָוונט אויסגעשטעלט ביי דער רער וואָס האָט צוגעפירט לופט און גענומען זיך שפּילן אין „כאַפּן לופט". ווען דער לופט־צופלוס פלעגט ווערן שטאַרקער האָט דער קליינער, זעקס־יעריקער יורעק מאסענקיס געשריגן: „איך טרינק שאַמפּאַניער!" ער האָט ברייט געעפנט זיין מיילעכל און גע־כאַפּט די לופט, אַזוי ווי אויף שפּעטער. דאָס פּנימל האָט זיך ביי אים אויסגעלייטערט און ס'האָט זיך אויף אים באַוויזן אַ זאַרגלאָזער, קינדע־רישער שמייכל. דער קליינער לעאָש ציט מיט זיך צום „שפּיל" די נאָך קלענערע פון אים באַשעלע קושקאַ. איין קינד טרעט דעם אַנדערן אָפּ זיין אָרט ביי דער רער, מיט אַן ערנסטער מינע און אַ נאָך מער ערנסטן געדאַנק: „זאָל זיך באַשעלע אָנזאַפּן מיט לופט — קאָמענטירט דער קליי־נער לעאָש — ווען זי מאָרגן נישט וויינען און די דייטשן וועלן אונדז נישט געפינען 1).

אַ באַזונדער גרויסע ראָלע האָבן די באַהעלטענישן געשפּילט בעת דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. טיפּיש איז אין דעם דאָזיקן פּרט געווען דאָס וואַרשעווער געטאָ, וווּ מען האָט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — אויסגעבויט אַ ריזיקע נעץ בונקערס אויסגעשטאַ־טע מיט צאָלרייכע איינריכטונגען און קאָרידאָרן. אין די טעג פון קאַמף זענען די באַהעלטענישן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נעסטן פון ווידער־שטאַנד. נאָך לאַנגע וואָכן פון קאַמף פלעגן פון זיי אַרויסשפּרינגען די נישט דערשאָכטענע יידישע קעמפער און באַשיטן די „זיגער" מיט קוילן.

---

1) טאָגבוך פון לעאָן נייבערג.

זיי האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין די באַהעלטענישן ווען דאָס געטאָ איז שוין געווען צעשטערט (טראָץ דעם וואַלד פון פלאַמען, טראָץ דער אַרומיקער ווידסטעניש און טראָץ די סיסטעמאַטישע אויפרייסן, וואָס די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט שוין נאָך די קאַמפן): די געשפּענסט־עפּאָפּייע פון די א. ג. „גרויזאַווצעס" 1).

אויך אויף דער „אַרישער זייט" פלעגן ייִדן (בפרט נאָך דער „ליק־ווידאַציע") זוכן פאַרשידענע מינים באַהעלטענישן. אויך דאָ זענען זיי גע־ווען פאַרשידנאַרטיקע. אָנהויבנדיק פון די געוויינלעכע קעמערלעך, קע־לערן, בוידעמס, ביז סטאָדאָלעס, שפּייכלערס, שטאַלן, וואַלד־נאָרעס און פאַרלאָזטע חורבות און קאַנאַלן.

פון „מעטאָדישן" שטאַנדפּונקט געהערן די באַהעלטענישן שוין נישט צום פּראָבלעם פון די „אַרישע פּאַפּירן". מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק באַ־צייכענען מיר דאָך דאָס באַהאַלטן די ייִדישע אָפּשטאַמונג דורך פאַלשע אַקטן און אויסערלעכע סימנים; די באַהעלטענישן האָבן אויסבאַהאַלטן שוין אין פיזישן זין. דאָס לעבן האָט אָבער אַרויסגעוויזן מער קאָמפּליקאַ־ציעס ווי די מעטאָדיק.

עס זענען דהיינו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן — לעבנדיק אויף „אַרי־שע פּאַפּירן" באַמיט זיך (ווען דאָס איז געווען מעגלעך) נישט צו פאַרלאָזן זייער דירה און נישט ווייזן זיך פאַר פרעמדע מענטשן. און אויב די דאָזיקע יחידים זענען נאָך דערצו (צוליבן מאַנגל פון אנטשפּרעכנדיקע „פּאַפּירן", צוליב אַ „שלעכטן אויסזען", אַ שלעכטער אויסשפּראַך, אָדער זעלבסט־געפיל וואָס האָט זיי אָפּגעהאַלטן פערזענלעך צו דערליידיקן אַפילו איינ־מאָליקע פאָרמאַליטעטן) געווען נישט געמאָלדן, האָבן מיר שוין צו טון מיט אַ באַהעלטעניש.

פון דער צווייטער זייט פלעגן ייִדן זיך אויסבאַהאַלטן אין בונקערס צוליב פאַרשידענע סיבות. עס פלעגט געשען, אַז אַ מענטש, וועלכער האָט שוין אַ לענגערע צייט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן" פלעגט געפינען אַ באַהעלטעניש און אַן אויסגעשעפּטער פון די ביז איצטיקע איבערלעבע־נישן, פלעגט ער שוין אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש פאַרבלייבן. אָדער

1) פאַרגלייך מיט פאַראַנענע זכרונות פון „גרויזאַווצעס" דעם שוין דער־מאָנטן נייבערג.

פאַרקערט: מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַ באַהעלטעניש, פלעגן עס צו־ליב אַזעלכע אָדער אַנדערע סיבות פאַרלירן און פלעגן — נישט האָבנדיק קיין אויסוועג — אַוועק אויף „אַרישע פּאַפּירן", מיט דערפאַלג אָדער...
ווייטער: פּונקט אַזוי ווי מענטשן, וועלכע האָבן ביזן סוף אָפּן געלעבט אויף דער אויבערפלאַך האָבן ביזן סוף זיך נישט געקענט באַזאָרגן קיין „פּאַפּירן" און זענען צוליב דעם געווען אויסגעשטעלט אויף צענדליקער צוגאָב־סכנות, אַזוי האָבן באַהאַלטענע אין אַ זיכער אָרט געהאַט „פּאַפּירן"... אויף יעדן פאַל. און לסוף: אין דער מערהייט פאַלן איז נישט מעגלעך געווען צו לעבן אין אַ באַהעלטעניש אָן דער הילף פון פרעמדע מענטשן. אַזוי אַרום, איז אויך דאָ אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון די אַ. ג. פויליש־ייִדישע באַציִונגען.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז נישט געווען באַגרענעצט צו די דירעקט פאַראינטערעסירטע, צו די באַהאַלטענע און זייערע באַשיצער. דער באַשיצער האָט געלעבט אין אַ באַשטימטער סביבה. ער פלעגט זיין אונטערן איינפלוס, אָדער זיך אַקעגנשטעלן פאַרשידענע שטימונגען (אָנהויבנדיק פון סימפּאַטיע ביז דער מורא פאַר די וואָס אַמאָל שרעקלעכערע רעפּרעסיעס אָדער ביז דער מעגלעכקייט פון מסירה מצד די שכנים). דאָס איז נאָך אָבער נישט אַלץ. ייִדן וואָס האָבן געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן" פלעגן אין זייער דירה אויסבויען אַ בונקער ווו עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אַ קרוב מיט אַ „שלעכטן אויסזען". טיילמאָל פלעגט איין מענטש דינען ווי אַ שילד פון אַ דירה ווו עס האָט אין אַ בונקער געלעבט אַ גאַנצע קאָלאָניע. אַחוץ דעם: ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן זענען מיט דער צייט אַנטשטאַנען אויף דער „אַרישער זייט" ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. די טוער פון די דאָזיקע קערפּערשאַפטן זענען הויפּטזעכלעך געווען ייִדן אויף „אַרישע פּאַפּירן".

אומאָפּהענגיק דערפון זענען אין די נישט־ייִדישע „ראַטן פון הילף פאַר ייִדן" אויך געזעסן פאַרשטייער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין דעם פאַל האָבן די דאָזיקע אַרבעט געקענט אויספילן אויסשליסלעך מענטשן, וואָס האָבן געהאַט „אַרישע פּאַפּירן". די קאָמיטעט־מיטגלידער האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַרטיילן הילף, זוכן „מעלינעס" פאַר די פאַרפאָלגטע א. אַ. וו. ביים אויספירן די דאָזיקע אויפגאַ־

בעס פלעגן פאָרקומען פאַרשידענע צוזאַמענטרעפן. די פּראָבלעמען פאַר־קניפּן זיך ווידער אַמאָל איינע מיט די אַנדערע. עס איז דעריבער נויטיק, אויבערפלעכלעך כאָטש, זיך צו באַקענען מיט דער אינסטיטוציע פון די באַהעלטענישן (בונקערס, באַהעלטענישן און אַנדערע מעלינעס) כדי צו דערגאַנצן דאָס געצייכנטע בילד. מיר וועלן דאָס טון מיט דער הילף פון אַ הייפל אויפגעקליבענע ביישפּילן.

***

איידער מיר וועלן ציטירן די באַזונדערע משלים, דאַרף מען דאָ, כאָטש אין קורצן, דערמאָנען וועגן די פאָלגנדיקע סיטואַציעס:

בשעת „אַקציעס" האָבן יידן (אַ חוץ דעם אויסבאַהאַלטן זיך אין די שוין דערמאָנטע בונקערס, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן שטח פון געטאָ) געפּרוווט אויך אַן אַנדער מיטל: אַרויסבאַקומען זיך פון דער „יידישער געגנט" (אָדער „יידישער גאַס") און אויסבאַהאַלטן זיך מחוץ איר; לכל הפּחות אַזוי לאַנג ווי ס'האָט געדויערט די „אַקציע". דאָס פלעגט בפרט פּאָרקומען אין די קלענערע שטעטלעך און אין דעם ערשטן צייט־אָפּשניט (ווען די געטאָס זענען נאָך נישט געווען אַרומגערינגלט מיט ענגע־מויערן, אָדער ווען מען פלעגט זיך דערוויסן וועגן דער „אַקציע", וואָס האָט גע־דאַרפט פּאָרקומען איידער די תלינים־קאָרדאָנען האָבן נאָך געהאַט אַרומ־גערינגלט דאָס געטאָ). די מענטשן פלעגן דעמאָלט אַרויסלויפן בלינדער־הייט, אָן אַ פּלאַן. אויב עס איז אין דער געגנט געווען אַ וואַלד, האָבן זיי קודם־כל דאָרט געזוכט אַ באַהעלטעניש.

שפּעטער זענען שוין אַפילו געווען גרויסע גרופּן, וואָס האָבן זיך במשך גאַנצע יאָרן אויסבאַהאַלטן אין וואַלד־מעלינעס. אָפט פלעגט מען אָרגאַניזירן אַ מין ווילדע פּאַרטיזאַנקע; טיילמאָל פלעגט אַזאַ גרופּע אויס־טיילן פון צווישן זיך אַ באַוואָפנטע אָפּטיילונג וואָס האָט מיט זיך פאַרגע־שטעלט די באַוואָפנטע האַנט פון די דאָזיקע וואַנדערנדיקע ישובים. לרוב איז זייער גורל געווען — פאַרניכטונג.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך דאָ אין אַן אַנאַליז פון די פּרטים וואָס האָבן באַגלייט די פאַרשידענע פּרוּוון, וועל איך דאָ ציטירן די געשיכטע פון

איין מעת־לעת אין וואַלד — בעת אין שטעטל איז פאָרגעקומען אַן „אַקציע״:

„אויף וואָס פאַרא אופן לעבן? ווי אַזוי אַדורכזעצן אַ לעבן־וועג? ווי אַזוי זיך אויסבאַהאַלטן פאַר די מענטשנפרעסער? ביי וועמען זוכן און פון וועמען פאָדערן אַן ענטפער? עס דוכט זיך מיר, אַז בלויז די נאַטור, וואָס רינגלט מיך אַרום, וויל פאַרשטיין, אָבער אויך זי איז אומבאַהאָלפן און האָט מורא פאַר די באַרבאַרן.

די זון איז אויפגעגאַנגען, זי האָט אַביסל אויפגעוואָרעמט מיין אויסגעפרוירענעם קערפער און אויסגעטריקנט מיינע אויסגעווייקטע לאָכעס. דעמאָלט האָב איך געגלויבט, אַז איך בין דער גליקלעכסטער. איך וואָלט וועלן, אַז עס זאָל שוין תמיד אַזוי זיין.

נישט לאַנג האָט אָבער געדויערט מיין פרייד — מיט אַמאָל דערהער איך אַ גערויש. איך באַוויז קוים אַריינצוציִען מיינע יִינגלעך, אַנדערע לעשן גיך אויס די פייערן און צעלייגן די געלעגערס, כדי נישט איבערצולאָזן קיין שפורן.

מיר שטעלן אַלע אַן די אויערן און הערן זיך צו — צו יעדער באַוועגונג און גערויש, מיר ווייסן נישט ווי אַזוי צו באַרויִקן אונדזער קלאַפּנדיק האַרץ, עס דוכט זיך, אַז טאַקע דאָס שטערט אונדז און פאַראַט. מיר הערן טריט וואָס דערנענטערן זיך אַלץ מער. מיר הערן זיי וואָס אַמאָל דייטלעכער און מיט אַ מאָל: „האַלט!״, די קוילן פליִען צווישן אונדז. דאָס ספּעציעל אויסגעוויילטע בלאָטע־געביט האָט אונדז אויך פאַרפירט. יעדער פון אונדז אַנטלויפט וווּ ער קען נאָר. די קוילן פליִען איבער די קעפּ. מיר לויפן, כאָטש די כוחות זענען שוין אויסגעשעפּט. פלוצים דערהער איך געשרייען; איך שייד אונטער די שטימע פון מיין חבר און פון זיין מוטער און די קולות פון די בעסטיִאַלישע מערדער:

דעם דאָזיקן טאָג האָט שוין אונדזער גרופּע געציילט בלויז אַכט מענטשן. מיר פלעגן לייכטער אָפּעטעמען אויב מיר זענען נאָך אין אָוונט געווען אַכט. מיר האָבן גענומען זוכן די ניצול־געוואָרענע. דאָס איז נישט געווען קיין לייכטער ענין, ווייל אויך ביינאַכט פלעגן אַרומגיין באַוואָפנטע מערדער, וואָס האָבן געזוכט קרבנות, בכדי זיי אויסצוטון, באַראַבעווען און „האָבן פון זיי אַ נוצן״.

אַ דאַנק פאַרשידענע פריער־באַשטימטע סיגנאַלן ווי אויך אַ דאַנק

דעם וואָס מיר זענען געווען נאָענט איינע פון די אַנדערע — האָבן מיר געפונען נאָך פיר מענטשן. מיר זעצן זיך אַוועק אונטער אַ גרויסן דעמב. מיר נעמען זיך קלאָר מאַכן די היינטיקע געשעענישן. מיר פילן וואָס אַמאָל מער דעם הונגער. מען קלערט ווי אַזוי צוצוקומען צו די געלעגערס; אפשר האָבן די באַנדיטן נישט פאַרניכטעט די רעשטלעך פון צוגעגרייטן עסנ־וואַרג. מיר האָבן איין ציל: צוקומען צו אונדזערע באַהעלטענישן און צע־טיילן זיך מיט דער וווּנטוועל־פאַרבליבענער שפּייז. און שפּעטער קלערן וועגן ווייטערדיקן טאָג. עס איז שוין באַשלאָסן געוואָרן, אָבער מען זיצט נאָך; מען רעדט נישט. אַ וואַלד־מענטש דאַרף נישט רעדן, עס איז גענוג איינער זאָל דעם אַנדערן אָנקוקן, כדי זיי זאָלן זיך פאַרשטיין. קיין טרערן האָבן מיר נישט, אונדזערע געפילן זענען אָפּגעטעמפּט, מיר זענען האַרט ווי שטאָל. עס שטעלט זיך די פראַגע: ווער איז גליקלעכער, דער וואָס האָט מיט צוויי שעה פריִער געלעבט, אָדער מיר? קיין שום פּרטים קענען מיר נאָך נישט; מיר ווייסן בלויז, אַז מיר זענען געווען אַכט און זענען פאַרבליבן פיר.

וואָס לענגער מיר זיצן, אַלץ מער פילן מיר דעם הונגער און די קעלט. איך בין שטאַרק אין כּעס אויף מיינע לייז. זיי לויערן אויך אויף מיין בלוט. דאָס קלענסטע ווינטל נעמט מיך דורך; מיר פּרוּוון אויפשטיין, די פיס זענען פאַרשטאַרט, מיר פילן אַ שטאַרקן ווייטיק, מיר גייען אָבער, ווייל מיר האָבן אַ ציל. די נאַכט איז אַ פינצטערע. אַזוי איז זיכערער. די לבנה באַווייזט זיך און פאַרשווינדט אין די וואָלקנס. איך קוק אויף איר און טראַכט, אַז זי וועט אונדז אָנווייזן דעם ריכטיקן וועג, און אַרויספירן אונדז פון דעם פאַרוואָרפענעם אָרט. מיר זענען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז יעדער מינדסטער ווינטל וואָלט אונדז געקענט אומוואַרפן.

נאָך לאַנגע וואַנדערנישן טרעפן מיר אָן אויף פוס־שפּורן. מיר גלויבן אַז דורך דעם וועג זענען מיר אַנטלאָפן. מיר גייען, די שטימונג איז אַ שרעקלעכע, מיר האָבן מורא, עס דוכט זיך אויס, אַז מיר זעען שוין בלוט־שפּורן... ביי יעדן פּיִען כּמעט שטעלן מיר זיך אָפּ און פּרוּוון זיך צוהערן. מיר ווילן אונטערשיידן דעם שלאָפנדיקן ריטם פון וואַלד — פון אַנדערע גערוישן און באַוועגונגען.

מיר גייען שטילשווייגנד ווייטער, דאָס האַרץ קלאַפּט. מיט איינמאָל

בלייבן מיר שטיין. מיר שטרענגעט אָן די אויגן און זעען אַן איינגעבויגן געשטאַלט. אויף דעם ערשט־געפּרוּוירענעם גוף טרעטן אַרויס שוויס־טראָפּנס, פון אַ שוויס וואָס פלעגט אונדז אָפּט נאָס מאַכן און וועלכן מיר האָבן גערופן: „טויט־שוויס". מיר זעען נישט קיין שום באַוועגונג. אַנט־שלאָסענע גייען מיר פאָראויס, ס'קען זיין אַז אויף טויט. מיר פילן, אַז מיר האָבן שוין נישט קיין כוח ווייטער צו קעמפן. וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן: פון אונטער דעם טונקעלן געדיכטן קוסט, וועלכן מיר האָבן גענומען פאַר אַ גרופּע, וואָס לויערט אויף אונדז איז אַרויסגעקומען אַן איינגעהויקערט, איבערגעשראָקן, נאָס באַשעפעניש. זי קוקט אויף אונדז, ווער מיר זענען, און פאַלט אַנידער ביי אונדזערע פיס. יאָ, באַשטעטיקט אונדז די דאָזיקע פרוי, נעכטן זענען מיר געווען אַכט און היינט פאַרטאָג זענען מיר פאַרבליבן פינף פאַריתומטע און ביז גאָר דערשיטערטע מענטשלעכע שאָטנס.

נאָך דעם לאַנגן אַרומוואַנדערן זענען מיר צוגעפאַלן צו די געלע־גערס; על פּי נס געפונען אַ ביסל עסן, אָפּגעגעסן און זיך אָפּגערוט, איצט האָבן מיר שוין אויפסניי געקענט אָנהויבן דעם קאַמף פאַרן לעבן.

אין דער דאָזיקער דערציילונג האָב איך געוואָלט באַשרייבן די אי־בערלעבענישן פון איין מענטש. עס וואָלט געווען אַ פאַרברעכן לגבי מיינע איבערלעבונגען, צו גלויבן, אָדער פאַררעכענען דאָס, צו מיינע טראַגישסטע וואָכן, טעג אָדער שעהן" 1)

פאַניע פעלדמאַן (פון ווילנע) האָט זיך, נאָך דער ליקווידאַציע פונעם ווילנער געטאָ באַהאַלטן צוזאַמען מיט איר שוועסטער אין אַ הויז, ווו זי האָט אַמאָל געהאַט אַ געוועלב. דאָס באַהעלטעניש האָט זיך געפונען אויפן בוידעם. דאָ זענען צונויפגעפּרעסט פערציק מענטשן, שפּעטער זענען גע־קומען נאָך עטלעכע.

„ס'איז געווען ענג, מיר זענען געזעסן אויף דער ערד... מען האָט זיך אַפילו נישט געקענט אַוועקלייגן; קיין לעבנסמיטל האָבן מיר שוין כמעט נישט געהאַט. מיר זענען אויסגעגאַנגען פון דורשט...; פון שמוץ און הונגער האָבן זיך אונדז געמאַכט געשווירן און ווונדן אויפן גאַנצן קערפּער.

---

1) וו. צ. יי. ה. ק. נר. 470.

נאָך דעם צווייִ און דריטן טאָג האָבן מיר דערהערט אַ קלאַפּן, אַזוי ווי עמעץ וואָלט געפּרוווט אויפברעכן די וואַנט. מיר זענען געווען זיכער אַז דאָס זענען „געסטאַפּאָ". אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז געקלאַפּט האָט דער הויז־וועכטער גזשעגאָזש טורילאַ. ער האָט נישט נאָר אויסגעגעבן דאָס באַהעלטעניש, נאָר פאַרקערט, מוטיק געהאָלפן".

די ידיעה וועגן אַ באַהעלטעניש ווו עס האָבן זיך געפונען קרוב 50 מענטשן האָט לייכט געקענט דערגיין צו דער געסטאַפּאָ. „ווען גזשעגאָזש פלעגט צו אונדז קומען, האָבן מיר אים געבעטן, ער זאָל געפינען אַן אַנדער, זיכערער באַהעלטעניש. גזשעגאָזש האָט געהאַט אויפן אויג אַ בונקער, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן 15 טעג נאָך דער „ליקווידאַציע" פונעם געטאָ, און פון וועלכן מען האָט אַרויסגענומען הונדערט און צוואַנציק מענטשן; ער האָט אים באַשטימט — לויט זיינע שפּעטערדיקע ווערטער — „ פאַר זיינע ייִדעלעך"; ער האָט געהאַלטן אַז ייִדן קענען זיך באַהאַלטן אין אַ בונקער, וואָס איז שוין איינמאָל אַנטדעקט געוואָרן. אַריינגעפירט האָט ער אין דעם באַהעלטעניש די פרוי פעלדמאַן (דעם עדות) מיט אַכט אַנדערע מענטשן. „אין פאַרגלייך מיט די שרעקלעכע באַדינגונגען און דער ענגשאַפט, וואָס האָט געהערשט אויפן בוידעם, איז דאָ געווען פאַרהעלטניסמעסיק גוט. אונדזערע וווּנדן האָבן אָנגעהויבן פאַמעלעך זיך היילן. גזשעגאָזש האָט אונדז געבראַכט שטרוי. ער האָט דערציילט וואָס עס טוט זיך אויף די פראָנטן, צוגעגעבן אונדז מוט און געטרייסט. ער פלעגט שיקן זיין זון יאַנוש צו זיינע פוילישע פריינט, ביי וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט מיין סחורה און מיינע זאַכן. יענע פלעגן דאָס אַלץ פאַרקויפן און פאַר דעם געלט וואָס זיי האָבן אַזוי אַרום באַקומען איינקויפן פּראָדוקטן, וועלכע גזשעגאָזש פלעגט אונדז ברענגען.

מיר זענען אין דעם באַהעלטעניש פאַרבליבן איין און צוואַנציק טעג. אין דער צייט האָט עמעץ געמסרט דעם בוידעם ווו מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג געמאַטערט. מען האָט פון דאָרט צוגענומען 37 מענטשן".

אַזוי ווי די געסטאַפּאָ האָט ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט אַרעסטירט אויך גזשעגאָזשן (אים האָט מען אָגב שפּעטער באַפרייט) האָט מען צוליב דער מורא פאַר אַ ווייטערדיקן „דורכפאַל" געמוזט פאַרלאָזן דאָס נייע באַהעלטעניש. פעלדמאַן מיט איר שוועסטער גייען אַוועק צו אירן אַ באַ־

קאַנטן, אַלעקסאַנדער קרייזע, זיי פאַרבליבן דאָרט איין טאָג. „מיר וואָלטן אפשר ביי אים פאַרבליבן לענגער. זיין פינף־יעריקער יינגעלע האָט זיך אָבער באַרימט אויפן הויף פאַר ליטווישע קינדער (קינדער פון ליטווישע מיליטער־לייט), אַז צו זיי איז געקומען די פעלדמאַן און איר שוועסטער. קרייזע איז אַוועק אין שטאָט אַריין זוכן אַן אָרט פאַר אונדז. ער האָט אָבער גאָרנישט געפונען. דעמאָלט האָבן מיר געהייסן ברענגען די פרוי טעקלע דאָמבראָווסקאַ. דאָס איז געווען אַ זייער פריינטלעכע עלטערע פרוי. איר מאַן האָט אַמאָל געהאַט אין ווילנע אַ רעסטאָראַן. איך האָב זי באַקענט אויף דער פּלאַצווקע, וווהין זי פלעגט אָפט קומען און טון פאַר־שידענע טובות פאַר יידן".

זי האָט זיי אָפּגעפירט צום ליטווישן שרייבער יאַנאַס רוזגעס.

די פּרטים פון זייער קורצן אויפהאַלט ביי אים רעדן אַליין פאַר זיך:

„באַלד ווי איך בין אַריינגעקומען האָב איך געפרעגט:

— איר דערקענט מיר?

ער האָט געענטפערט: — יאָ. און געפרעגט צו עמעץ ווייסט, אַז מיר זענען צו אים געקומען.

מיר האָבן דערקלערט, אַז נישט. דעמאָלט האָט ער געפרעגט:

— איר ווילט ביי מיר איבערנעכטיקן? אָדער איר האָט אפשר אַן אַנדער אָרט, וווּ איר האָט אייך געקענט באַהאַלטן?

— יאָ, מיר האָבן צוויי ערטער: געסטאַפּאָ אָדער די ווילי‌ע [1].

די דאָזיקע ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט אַ גרויסן רושם. ער האָט געזאָגט:

— פון מיין שטוב איז נאָך קיינער נישט אַרויס כדי צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אָדער צו גיין אין געסטאַפּאָ. איר קענט אייך אויסטון.

ער איז אַריין אין אַ צווייטן צימער און זיך געזעצט שרייבן.

איך בין מיך מודה, אַז איך האָב דעם מענטש שרעקלעך באַעוולהט אין מיינע געדאַנקען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער שרייבט אַ מסירה אויף אונדז. בלויז די שרעקלעכע אומגליקן, וואָס זענען אויף אונדז גע־פאַלן, קענען באַרעכטיקן מיין אומגעוויינלעכן חשד.

1) אַ טייך.

רוזגעס האָט געדעקט דעם טיש און האַרציק אונדז פאַרבעטן צום עסן. ביים טיש האָט ער אונדז געטרייסט; געזאָגט, אַז אונדזערעליידן וועלן זיך בקרוב ענדיקן. שפּעטער האָט ער צוגעגרייט אַ בעט און אונדז געהייסן זיך לייגן. מיר האָבן מורא געהאַט צו פאַראומרייניקן דאָס ריינע בעטגעוואַנט און באַשלאָסן איבערצוזיצן די נאַכט אויף שטולן. ביינאַכט האָט רוזגעס געקומען קוקן צו מיר שלאָפן און געהייסן אונדז תיכּף זיך לייגן אין בעט אַריין.

מיר זענען ביי אים פאַרבליבן דריי טעג. לענגער אונדז האַלטן האָט ער נישט געקענט, ווייל ער האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַ געוויסע פרוי אייזענבערג פון ביאַליסטאָק ווי אויך איר דריי־יעריק זונעלע, צו וועלכן ער האָט זיך באַצויגן ווי אַן אמתער פאָטער. (שוין נאָך דער באַפרייאונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ ראַיע פאלקאס, וועלכע איז געווען פאַרהייראַט מיט אַ ליטווינער. דער מאַן האָט געוואָלט מיטגיין מיט איר אין געטאָ אַריין, רוזגעסן איז געלונגען אים אָפּצורעדן דערפון; ער האָט אויסגעאַרבעט פאַר דער פרוי „פּאַפּירן״, וועלכע זי האָט אויסגענוצט, כדי צו קומען מיט איר מאַן קיין ווילנע. ער האָט אויך אַרויסגעראַטעוועט מאַניע פּיעטרוסיעוויטש און איר זון. ער האָט זיי פאַרשאַפט „פּאַפּירן״ און זיין זון האָט זיי ביידע אַרויסגעפירט אין דאָרף אַריין...״)

שפּעטער האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַן איידעלער פּוילישער פרוי מיטן נאָמען באַיאַרסקאַ. דאָ איז די פעלדמאַן שווער קראַנק געוואָרן. נישט געקוקט אויף דער קראַנקהייט האָבן זיי פון דאָרט אויך געמוזט אַנט־לויפן. עס נעמט זיי אויף די שוין דערמאָנטע דאָמבראָווסקאַ, ביי וועלכער זיי באַהאַלטן זיך אויס פיר און האַלבן חודש, דאָס הייסט ביז דער באַפרייאונג 1).

ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז בעתן באַהאַלטן זיך ביי איינער פון די אויבנדערמאָנטע פרויען איז די פעלדמאַן שווער קראַנק געוואָרן. נישט וויכטיק זענען איצט די אַלע שוועריקייטן, וואָס זענען געווען פאַר־בונדן מיטן רופן אַ דאָקטאָר, אָדער מיטן גיין צו אים. איר מצב איז אַ

1) אַרכיוו פון דער צענטר. יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע 1872 (פּראָט. ק. מירסקי).

געוויסע צייט געווען שטאַרק באַומרויִקנדיק און עס איז געווען כמעט ווי זיכער, אַז די קראַנקע וועט שטאַרבן. אין שייכות דערמיט איז אַנטשטאַנען איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען אין דער געשיכטע פון די באַהעל־טענישן. די באַלעבאָסטע איז געווען ביז גאָר איבערגעשראָקן און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— פרוי פעלדמאַן, וואָס וועל איך טון, אַז איר וועט שטאַרבן? ווו וועל איך באַהאַלטן דעם מת? איך האָב מיך קלאָר אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון מיין צושטאַנד און כ׳האָב געראַטן, אַז אויב איך וועל שטאַרבן זאָל מען מיך אַרויסוואַרפן אין דעם שכנותדיקן וואַלד. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך ווייל... ווען מען געפינט מיר אין דער געגנט, וואָלט מען גענומען רעווידירן אַלע שכנותדיקע הייזער (ווו עס האָבן זיך אויך באַ־האַלטן ייִדן).

דער גלח, פאַר וועמען די באַיאַרסקאַ האָט זיך מתוודה געווען פון אירע צרות, האָט געזאָגט, אַז ער וועט בעטן גאָט, איך זאָל געזונט ווערן; ער האָט אויך צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל דאָך שטאַרבן, וועט ער אַרויסגעבן די נויטיקע באַשטעטיקונג. רוזגעס פון זיין זייט האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט אין פאַל פון מיין טויט, שיקן אַן אַמבולאַנס מיט אַן אייגענעם שאָפער״.

דאָס איז נישט געווען קיין ספּאָראַדישער פאַל. די דאגות וואָס זענען פאַרבונדן געווען מיט א מת, וואָס מען האָט אויסבאַהאַלטן, זענען געווען זייער גרויסע און די טויט־פאַלן (פון די ביז גאָר אויסגעמאַטערטע מענטשן) אַן אָפּטע דערשיינונג. דערפאַר טרעפן מיר אויך אין אַנדערע גבית עדות ענלעכע טרויעריקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געמוזט געלייזט ווערן דורך אַ ווייניקער פריינטלעכער סביבה ווי די אויבנדערמאָנטע.

איך געדענק דעם פאָלגנדיקן פאַקט:

פאַרגעקומען איז דאָס אין די ערשטע חדשים פון 1943. איך האָב מיך דעמאָלט געפונען אין טויט־לאַגער פון לעמבערג. איך בין געווען דאָרט צוגעטיילט צו דער אַ. ג. בריגאַדע „רייניקונג״, וואָס פלעגט אונטער אַ שמירה געשיקט ווערן אין שטאָט אַריין ווו זי האָט געהאַקט דאָס אייז און גערייניקט די גאַסן פון שניי. איינמאָל ווענדט זיך צו מיר בסוד איינער פון מיינע לאַגער־חברים מיט פאָלגנדיקער זאָרג: ער האָט באַקומען אַ ידיעה,

אַז זיין פאָטער, וועלכער איז צוזאַמען מיט זיין טאָכטער (מיין חברס אַ שוועסטער), געווען אויסבאַהאַלטן ביי פּוילישע פריינד — איז געשטאָרבן. די טאָכטער און די באַלעבאַטים זענען פאַרצווייפלט, ווייל זיי ווייסן נישט וואָס צו טון מיטן מת. יעדע אומפאָרזיכטיקייט דראָט צו „פאַרשיטן" אַ גאַנ־צע ריי מענטשן.

מיר טראַכטן און באַראַטן זיך. וואָס — וואָלט זיך געדאַכט — קענען מיר אָבער העלפן, אַסורים (וועלכע ליידן אין דערוואַרטונג פון טויט אין דעם שוידערלעכן לאַגער) אין אַ פאַל ווו עס זענען פולשטענדיק אומבאַ־האָלפן פרייע מענטשן? אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז מיר האָבן יאָ געקענט און אָט אויף וואָס פאַר אַן אופן:

אין דער בריגאַדע האָט זיך צ. אַ. געפונען אַן אַרעסטאַנט, פאַר וועלכן מען האָט שוין געהאַט צוגעגרייט אַ באַהעלטעניש אין שטאָט, און וועלכער האָט אין שייכות דערמיט געגרייט זיך, זינט עטלעכע וואָכן, צו אַנטלויפן. אין דער דאָזיקער צייט איז דאָס אַנטלויפן נאָך נישט געווען פאַרבונדן מיט אַזעלכע גרויסע שוועריקייטן, ווי שפּעטער. עס איז דאָך סוף כל סוף אַ סך לייכטער געווען נעלם צו ווערן בעת מען האָט אונדז געפירט צו דער אַרבעט ווי אין דער שפּעטערדיקער צייט צו אַנטלויפן פון לאַגער גופא. ס'איז אָבער געווען דערביי אַ צרה: פאַר איין אַנטלאָפענעם, פלעגן צען אַנדערע מיטגלידער פון דער געגעבענער בריגאַדע דערמאָרדעט ווערן תיכף נאָכן צוריקקומען פון דער גרופּע אין לאַגער אַריין. דערפאַר פלעגט יעדער אַרעסטאַנט ווערן דער היטער פון די איבעריקע. ער איז דאָך פאַר־אַנטוואָרטלעך געווען פאַר זיי.

אין דעם ציטירטן פאַל, האָט דער קאַנדידאַט צום אַנטלויפן פאָרגע־שלאָגן אַ פּלאַן, וועלכער איז תיכף אויסגעפירט געוואָרן: דער בריגאַדיר פון דער גרופּע (וועלכער האָט צוליב פערזענלעכע טעמים געוואָלט פאַר־לייכטערן דאָס אַנטלויפן פונעם דערמאָנטן אַרעסטאַנט) האָט באַקומען פון די פונקציאָנאַרן פון דער שטאָטישער רייניקונג־אונטערנעמונג (מיט וועל־כער ער האָט געפירט בשותפותדיקע געשעפטן) אַן אויפטראַג אַרויסצו־טראָגן מיסט פון דעם הויז ווו עס האָט זיך געפונען דער מת. ער האָט אַהינגעשיקט אַ גרופּע פון פינף מענטשן מיט לאַפּאַטעס און אַ מיסט־וועגעלע. צווישן דער גרופּע איז אויך געווען זיין פּראָטעגירטער. דאָס

האָקן דעם פאַרפרוירענעם הויפן מיסט אויפן הויף און דאָס אַרויסטראָגן עס אויף דער גאַס (פון וואַנען אַן אַנדער גרופּע פלעגט עס שפּעטער — אַמאָל מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער — צונעמען), האָט געדויערט צוויי שעה. דער אַרעסטאַנט וואָס האָט געדאַרפט אַנטלויפן איז דערווייל אַריין אין דער דירה ווו עס האָט זיך געפונען דער מת. מיט דער הילף פון די באַלעבאַטים האָט ער דעם פאַרשטאָרבענעם צוגעניייט זיין ווינקל און דעם אַרעסטאַנטן־נומער און נעלם געוואָרן. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט האָבן מיר דעם מת מיטן ווינקל און נומער — אַרויפגעלייגט אויפן מיסט־וועגעלע און געבראַכט אים צום זאַמל־פונקט ווי אַ פאַרשטאָרבענעם ביי דער אַרבעט, לאַגערניק.

מיט אַ סך חדשים שפּעטער, בעת דער לאַגער איז שוין געווען פול־שטענדיק פאַרמאַכט איז דאָס מאַסקירן פליטים דורך דעם צוויי־מאַליקן נאָטירן דעם זעלבן מת געוואָרן אַ סיסטעם, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן דורך דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע (וועגן דעם ווערט אָגב דער־מאָנט אין אַן אַנדער אָרט פונעם דאָזיקן בוך).

ווען איך טראַכט וועגן דעם איצט, שטעל איך מיר אַליין די פראַגע צי דאָס האָט טאַקע נישט דער אויבנדערמאָנטער אינצידענט (וועגן וועלכן מען האָט שוין דעמאָלט כמעט געהאַט פאַרגעסן) מיר אונטערגערוקט דעם איינפאַל אָפּצונאַרן אויף אַזאַ אופן די לאַגער־בוכהאַלטעריע.

***

אַ משל פון אַ „מעלינע“ אין די שטאָטישע קאַנאַלן (אין לעמבערג):

„מיר זענען געגאַנגען — דערציילט די צען־יעריקע קריסטינע כיגער — אין קאַנאַל אַריין. אין קאַנאַל 1) איז געווען שרעקלעך נאַס און פינצ־טער... עס זענען געלעגן שטיינער און אויף זיי זענען געקראָכן אַזעלכע געלע ווערעם. מיר האָבן אַלע אונדזערע זאַכן אַוועקגעלייגט אויף די שטיי־נער און אַוועקגעזעצט זיך אויף זיי. עס איז אונדז דאָרטן געווען זייער שלעכט. פון די ווענט האָט זיך געגאָסן וואַסער; עס האָט אַזוי געשטונקען, אַז מען האָט נישט געקענט אויסהאַלטן. איך האָב געזען אַלע געלע שטשור־

1) עס האַנדלט זיך וועגן אַ קאַנאַל אויפן טייך פּעלטוויע.

דעס, וועלכע זענען אַרום אונדז געלאָפן ווי הינער. פון אָנהויב האָב איך שטאַרק מורא געהאַט. שפּעטער האָב איך מיר צוגעוווינט און פּאַוועלעק האָט לגמרי נישט מורא געהאַט. איך בין געלעגן אויף די קניען פון דער מאַמעשי און פּאַוועלעק ביים טאַטעשי. אַזוי האָט געדויערט פינף וואָכן בייטאָג און ביינאַכט. מיר האָבן זיך נישט געקענט רירן, אָדער אויפשטיין. אַ חוץ אונדז האָבן זיך דאָרט געפונען נאָך צוואַנציק מענטשן. יעדן טאָג, פון אָנהויב אָן, האָבן אונדז פוילישע קאַנאַל־אַרבעטער געבראַנגט עסן: שוואַרץ ברויט מיט מאַרגאַרין. זיי זענען צו אונדז געווען זייער גוט. מורא האָבנדיק מען זאָל זיי באַמערקן, פלעגן זיי אַראָפּקומען אין קאַנאַל דורך פאַרשידענע אַריינגענג, אויפהויבנדיק די דעקן. איך געדענק זייערע נעמען: לעאָפּאָלד סאָדאַ, סטאַניסלאַוו ווראָבלעווסקי און יעזשי קאָוואַליאָוו. די גאַנצע צייט איז געהאַנגען אַ קאַרביד־לאָמפּ.

זומער, ווען עס האָט גערעגנט, האָט אויך אַריינגערעגנט אין קאַנאַל אַריין; ווען מען פלעגט אַראָפּלאָזן דאָס וואַסער פון די קלאָזעטן, פלעגט אין קאַנאַל אויך ווערן פול מיט וואַסער. מיר האָבן זיך געמוזט האַלטן נידעריק ביי דער וואַנט כדי דאָס וואַסער זאָל זיך אויף אונדז נישט גיסן. פּאַוועלעק איז דעמאָלט געווען קליין. ער איז אַלט געווען דריי יאָר און ער האָט אָפט געוויינט. די מאַמעשי פלעגט דאַן זיין שטאַרק אויפגערעגט. איינמאָל האָט אַ הער (וועלכער האָט זיך צוזאַמען מיט אונדז אויסבאַהאַלטן) אָפּילו געדראָט פּאַוועלעקן מיט אַ רעוואָלווער, אַזוי בייז איז ער אויף אים געווען. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן, ווייל פּאַוועלעק האָט זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט.

נאָך פינף וואָכן האָבן אונדז אַנטדעקט קאַנאַל־אַרבעטער. מיר האָבן געמוזט פון דאָרט אַנטלויפן. מיר זענען געלאָפן פאַר זיך, אין דער הויפּט־רער. מיט אַמאָל האָבן מיר באַגעגנט די אַרבעטער, וואָס האָבן אונדז גע־טראָגן עסן. זיי האָבן אונדז אַריינגעפירט אין אַ זייטיקער רער און גע־הייסן דאָרט פאַרבלייבן איבער נאַכט. אין דער פרי זענען זיי ווידער גע־קומען און אַוועקגעפירט אונדז ווייטער, אין דער הויפּט־רער, לינקס אויס דער פּעלטוויע. דאָס האָט געדויערט כמעט אַ האַלבן טאָג.

מיר זענען געקומען צו אַ נייער רער, וועלכע איז געווען אַזוי נידע־ריק, אַז מיר האָבן געמוזט קריכן אויף אַלע פיר. מיר זענען געווען עלף

מענטשן. די איבעריקע זענען אומגעקומען, ווייל זיי זענען אַרויס פון קאַ־נאַל. מיין פעטער קובאַ לעיוואַנד איז דערטרונקען געוואָרן אין דער פּעלט־וויע, ווען ער איז איין מאָל געגאַנגען נאָך וואַסער און ס'איז פּונקט געווען אַ שטורעם. דאָס וואַסער האָט אים מיטגעריסן. (אין דעם דאָזיקן קאַנאַל איז אונדז געווען אַ סך בעסער; מיר האָבן געהאַט מער אָרט; מיר זענען געשלאָפן אויף פּריטשעס, וואָס דער טאַטעשי האָט אויפגעבויט פון ברעטער, געפונענע אין קאַנאַל).

...די שטשורעס פלעגן אונדז אויפפרעסן אונדזער ברויט און דער טאַטעשי האָט זיי געסטראַשעט מיט אַ שטעקן. דעמאָלט פלעגן זיי אַנט־לויפן. פּאַוועלעק האָט געקאָרמעט די שטשורעס אַזוי ווי הינער מיט שטיק־לעך ברויט און געקאָכטע קאַרטאָפל. אָבער פּאַוועלעק האָט אינגאַנצן נישט מורא געהאַט. מיר האָבן געהאַט עטלעכע שיסעלעך און אַ פּרימוס. דאָס אַלץ האָבן אונדז געבראַנגט אונדזערע גוטע קאַנאַל־אַרבעטער. איין פרוי האָט געקאָכט זופּ און קאַווע און די מאַמעשי האָט אַלץ געטיילט. איך בין נישט געווען הונגעריק, פּאַוועל האָט זיך צוגעוווינט און ער האָט שוין נישט געוויינט. אַן אַלטע, גרויע און איינגעהויקערטע פרוי איז קראַנק גע־וואָרן און געשטאָרבן. און אַן אַנדער פרוי האָט געבוירן אַ קינד. דאָס קינד איז אָבער געשטאָרבן און מען האָט דאָס אַריינגעוואָרפן אין דער פּעלטוויע. צוויי יונגע פריילינס האָבן כסדר געהאַט דיזשור. זיי האָבן זיך געטוישט און געהיטן עס זאָל זיין ריין. דאָס לעמפּל האָט כסדר געברענט און איך האָב נישט געוווּסט ווען עס איז טאָג און ווען עס איז נאַכט. איך פלעג אָבער פאַרשטיין, אַז עס איז טאָג, ווען עס פלעגן קומען די קאַנאַל־אַרבע־טער (...) איך האָבן געהערט ווי איבער אונדז זענען געפאָרן אויטאָס. איך האָב געהערט דאָס קול פון מענטשן און דאָס געלעכטער פון קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט. און איך האָב אָפּט געטראַכט, אַז איך וואָלט געווען גליקלעך ווען איך קען מיך אַזוי שפּילן ווי זיי. איין מאָל האָב איך געהערט ווי אַ קינד האָט געוויינט און געזאָגט צו זיין מאַמעשי, אַז עס וויל שלאָפן".

עס זענען געווען קראַנקהייטן. עס איז אויך געווען אַ שריפה פון דער ספּירט־מאַשינקע. „אַזוי זענען מיר איבערגעזעסן אין באַהעלטעניש פערצן חדשים און אונדזערע קאַנאַל־אַרבעטער האָבן אונדז די גאַנצע צייט גע־

בראַכט עסן. ווען עס האָט אויסגעפעלט געלט, האָבן זיי געבערענגט עסן אומזיסט.

צום סוף פון אונדזער דאָ־זיין האָב איך געהערט דאָס פייפן פון סי־רענעס און דעם דונער פון קאַנאָנען. איך האָב שטאַרק מורא געהאַט, כאָטש איך האָב געוווסט, אַז עס דערנענטערן זיך צו אונדז די רוסן. ביז אַ געוויסן טאָג האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּן אין די קראַטעס פון קאַנאַל. דאָס האָבן די קאַנאַל־אַרבעטער אונדז מודיע געווען, אַז מיר זענען פריי. מיר זענען עטלעכע מינוט געגאַנגען אין דער רער. שפּעטער האָבן מיר אויפגעריסן אַ דעק און די קאַנאַל־אַרבעטער האָבן אונדז אַרויס־געצויגן אויף דער אויבערפלאַך. מיר האָבן אַזוי שלעכט אויסגעזען, אַז מיר זענען איבערהויפּט נישט ענלעך געווען צו מענטשן. מען האָט אויף אונדז רחמנות געהאַט און אַ פרוי האָט אונדז געקויפט ווייַנפּעלעך. איך האָב מיך שטאַרק דערפרייט ווען איך האָב דערזען די זון, בלומען און מענטשן און איך בין געווען אַזוי גליקלעך. בלויז פּאַוועל האָט געוויינט און ער האָט געוואָלט צוריקגיין אין קאַנאַל ווייל ער איז נישט געווען צוגעוויינט צו דער וועלט און ער האָט מורא געהאַט פאַר מענטשן" 1).

***

ווי מיר האָבן שוין אייניקע מאָל דערמאָנט פלעגט דאָס לעבן אין „מעלינעס" אָפט גרענעצן און צונויפמישן זיך מיטן לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן". מיר וועלן די דאָזיקע דערשיינונג נאָכאַמאָל אילוסטרירן נעמענ־דיק ווי אַ משל די איבערלעבענישן פון ראַזאַליאַ סאַפּראַ (געבוירן אין ווילנע 1924):

ווען די סאָוועטיש־דייטשע מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז זי געווען אין לעמבערג. ווען מען הויבט אָן שמועסן וועגן דעם, אַז עס וועט גע־שאַפן ווערן אַ געטאָ, געלינגט איר, ביי דער מיטהילף פון אַ באַקאַנטער, צו באַקומען אַן אָרט ביי אַן אַכט און זעכציק־יעריקער זקנה — קאַטאַזשינאַ גאַנע. „די אַלטע איז געווען זייער קראַנק, זי האָט געהאַט אַ קאַטאַראַקטע אויף די אויגן און געווען כמעט בלינד. געוווינט האָט זי איינע אַליין, אויף

1) וו. יי. ה. ק. אין קראָקע, פּראָט. נר. 1155 (פּראָט. מאַריאַ האָלענדער).

נאָווי שוויאַט גאַס. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין געקומען פון גלובאָק בכדי פאַרצוזעצן מיין לערע. אַלע מיינע דאָקומענטן האָט מען מיר אַרויס־געגנבעט בעת איך בין געפאָרן מיטן טראַמוויי נר. 1, און איך קען מיך דעריבער נישט איינמעלדן. זי האָט מיך שטאַרק ליב באַקומען. איך האָב אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס זי האָט זיך אָן מיר נישט געקענט באַגיין און איך האָב צו איר געזאָגט:

— באָבעשי, אויב איר ווילט, אַז איך זאָל מיט אייך פאַרבלייבן, טאָרט איר קיינעם נישט זאָגן, אַז איך בין נישט איינגעמאָלדן און אַז איך האָב נישט קיין דאָקומענטן.

בכדי נישט צו דערוועקן ביי איר קיין שום חשד האָב איך פון צייט צו צייט געמוזט אַרויסגיין. ווען עמיץ פלעגט צו איר קומען, פלעגט זי זיך תמיד באַרימען, אַז זי האָט אַ יוזיען, וועלכע פאַרטרעט איר אַ טאָכטער. ווען אַ באַזוכער האָט איר איינמאָל געזאָגט, אַז איך בין ענלעך צו אַ ייִדיש־קע, האָט זי זיך באַליידיקט.

אין יענע יאָרן האָט אָבער אַלץ דערוועקט אַ חשד. אויך דאָס מאָל האָבן זיך מענטשן געוווּנדערט, פאַרוואָס איך, אַזאַ יונגע מיידל בין מסכים צו לעבן אין אַ קעלער ביי אַן אָרימער אַלטער פרוי".

פון צייט צו צייט פלעגט זי (נישט קוקנדיק אויף דער סכנה, וואָס איז געווען דערמיט פאַרבונדן) באַזוכן איר משפחה אין געטאָ 1). דאָרט זענען כסדר פאָרגעקומען אינצידענטן: „מיין משפחה האָט זיך כסדר אַרומ־געטראָגן מיטן געדאַנק אַרויסצוגיין אויף דער „אַרישער זייט". זיי האָבן גענומען אויסרעכענען צי זיי וועלן האָבן גענוג געלט זיך אויסצובאַהאַלטן. יעדער מענטש האָט געדאַרפט קאָסטן 300־400 זל., אַ טאָג. מיין מוטער האָט געוואָלט, איך זאָל מיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה. זי פלעגט כסדר איבערחזרן: „צוזאַמען זיך באַהאַלטן און צוזאַמען שטאַרבן". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיין באַהאַלטן זיך צוזאַמען מיט מיינע נאָענטע, וועט בלויז נאָך מער באַשווערן די מאַטעריעלע לאַגע. איך בין אַלט געווען

1) אָדער בעסער געזאָגט, נעמענדיק אין אַכט די דאַטע, דעם נאָך נישט פאַר־מאַכטן יידישן קוואַרטאַל (דאָס געשלאָסענע געטאָ איז אַנטשטאַנען אין לעמבערג ערשט נאָך דער גרויסער „אַקציע" וואָס איז פאָרגעקומען אין דער דאָזיקער שטאָט אין אויגוסט 1942).

פופצן יאָר און טראָג דעם וואָס איך בין נאָך געווען אַ קינד, האָב איך געהאַט אַ דעצידירטן און פאַרעקשנטן כאַראַקטער. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך וועל מיך מיט זיי נישט באַהאַלטן, ווייל איך וויל זיי נישט אויס־שטעלן אויף הוצאות״.

יעדעס מאָל ווען זי פלעגט אַוועקגיין פון איר משפחה, פלעגט זי מיטנעמען פאַרשידענע חפצים צו פאַרקויפן. איין מאָל האָט די מוטער באַשלאָסן זי אָפּצופירן כדי צו וויסן — וואָס ס׳זאָל נישט זיין — ווי די טאָכטער וווינט. זיי זענען קוים אָפּגעגאַנגען עטלעכע צענדליק שריט, ווי עס האָט זיי פאַרטשעפּעט אַן אוקראַינישער מיליציאַנט. ער האָט זיי גע־שלאָגן און באַראַבעוועט.

איינמאָל בעת זי האָט זיך געפונען אין דעם ייִדישן קוואַרטאַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ „לאַפּאַנקע״: „מיין לאַגע איז געווען מער האָפנונגסלאָז ווי די לאַגע פון מיינע נאָענטע, וועלכע האָבן געהאַט „אויסווייזן״. איך האָב גאָרנישט געהאַט, איך האָב פאַר יעדן פּרייז געמוזט זיך באַהאַלטן. מען האָט געעפנט די דעק פון אַ קאַנאַל, מיט וועלכן עס זענען געווען פאַר־בונדן די אָפּגאַנג־רערן פון די קלאָזעטן און דאָרט מיך אַראָפּגעלאָזט. איך בין געלעגן אין ברוד און אין צואה. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דער־שטיקט ווערן״.

נאָכדעם איז זי צוריקגעגאַנגען צו דער „באָבען״.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז זי דאָס ערשטע מאָל „דורכגע־פאַלן״. מען האָט זי פאַרהאַלטן אויף דער גאַס און אַזוי ווי זי האָט נישט געהאַט קיין דאָקומענטן, האָט מען זי אָפּגעפירט אין קאָמיסאַריאַט. נישט געקוקט אויף דעם וואָס מען האָט זי מערדערלעך געשלאָגן, האָט זי זיך נישט מודה געווען. מען האָט זי געשיקט אין תפיסה.

„דריי וואָכן בין איך אָפּגעזעסן אין קאַמער, ווו עס האָבן זיך געפו־נען נאָך עטלעכע פרויען, וועלכע מען האָט חושד געווען, אַז זיי זענען ייִדישע. די באַציִונג פון די פּוילישע אַרעסטירטע צו אונדז איז געווען אַ שווידערלעכע. דאָס זענען געווען גנבטעס. זיי האָבן אונדז געשלאָגן, גע־זידלט און נישט געגעבן קיין שטיקל אָרט זיך אַנידערצולייגן״.

אַ צווייטער פאַרהער, אויך אַ צווייטע פּאָרציע קלעפּ. בעת דער אויס־פאָרשונג האָט מען זי אויסגעדרייט די הענט, די פיס און די פינגער. איינע

פון די פרויען איז פון דער ערשטער אויספאָרשונג צוריקגעקומען אָן אַן אויער. נאָך דער צווייטער אויספאָרשונג איז זי אָפּגעשיקט געוואָרן אין דער ייִדישער קאַמער".

סאַפּרא איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און מען האָט זי איבערגעשיקט אין תפיסה־שפּיטאָל; פון דאָרט איז זי צוזאַמען מיט אַנדערע קראַנקע אַנטלאָפן בעת אַן אָנפאַל, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

זי איז ווידער אַוועק אין געטאָ און שפּעטער צוריק צו דער „באַבע". אין געטאָ האָבן דערווייל געווילדעוועט „אַקציעס"; עס זענען אומגעקומען אירע קרובים. די מוטער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך אַ מיליציאַנט בעת זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים נאָך אַ באַזוך ביי דער טאָכטער. דער פאָטער האָט געפונען „אַ מעלינע" אין דער דירה פון דעם פּאָליאַק דאָמבראָווסקי, ווו עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן נאָך פינף אַנדערע ייִדן.

אויך איר אייגענע „מעלינע" ביי דער „באַבען" ווערט קאַליע:

„אַנטקעגן אונדזער הויז האָט געוווינט אַן אוקראַינערין. איין מאָל איז זי געקומען צו דער באַבען און געבעטן זי זאָל איר דערלויבן איבערצונעכטיקן צוויי נעכט ווייל מען וואַרפט זי אַרויס פון דער דירה. זי איז אַלט געווען 29 יאָר און זי איז געווען אַ פריילין. די באַבע האָט מיך געפרעגט צי איך בין מסכים מיט איר צו שלאָפן. איך האָב מורא געהאַט אָפּצוזאָגן. אַנשטאָט צוויי טעג איז די אוקראַינערין פאַרבליבן ביי אונדז צוויי וואָכן. ווערלנדיק פון איר פּטור ווערן, האָט די באַבע פון מיר געפאָדערט איך זאָל זאָגן, אַז איך קען מיט איר נישט שלאָפן; איך האָב נישט געוואָלט. לסוף האָט די באַבע איר אַליין געזאָגט, אַז זי זאָל זיך אַרויסציִען. דעם זעלבן טאָג אין דער פרי האָט זי מיר געבעטן איך זאָל איר געבן אַ פאָטאָגראַפיע אויף אַן אָנדענקונג. בכדי נישט צו דערוועקן ביי מיר קיין חשד, האָט זי מיר אויך געגעבן אירס אַ בילד. עס איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז זי שאַרפט אויף מיר אַ מעסער".

מיט דער דאָזיקער פאָטאָגראַפיע זענען באַלד צומאָרגנס געקומען דריי אַגענטן. זי איז ווידער אַרעסטירט געוואָרן און ווידער אַדורכגעגאַנגען אַ מערדערלעכע אויספאָרשונג אין דער תפיסה אויף לאָנצקי גאַס. „געפירט די אויספאָרשונג האָבן 10 געסטאַפּאָ־אַגענטן און אַ ריכטער. זיי האָבן

געהאַט ספּעציעלע מכשירים צום שלאָגן... זיי האָבן מיר געהייסן זיך לייגן אויפן בויך און אַזוי מיר געשלאָגן מיט אַ גומענעם שטעקן איבער די פּלייצעס, אַז די סאָפּע, אויף וועלכער איך בין געלעגן איז צוויי מאָל איינגעפאַלן. זיי האָבן מיך אַוועקגעקאָפּעט מיט די פיס, צוריק אויפגע־שטעלט די סאָפּע און געהייסן זיך ווידער לייגן. שפּעטער האָבן זיי מיך אַריינגעפירט אין אַ קליין שטיבעלע. אינמיטן שטוב איז געשטאַנען אַ ווייכער פאָטעל. זיי האָבן מיך אַוועקגעזעצט, פאַרלייגט מיר אַ דראָט אויפן האַלדז, אַדורכגעצויגן די דראָט לענג־אויס ביידע הענט און אַדורכגעלאָזט דורך איר עלעקטרישן שטראָם... זיי האָבן געמיינט, אַז איך וועל פאַר־לירן דאָס באַוווסטזיין און אויסזאָגן מיין אמתן נאָמען. זיי האָבן מיר אויך געשטעלט פראַגן פון קאַטעכיזם..."

ווען מען באַפרייט זי, גייט זי ווידער, צוריק צו דער „באָבע". איין מאָל באַזוכט זי די „מעלינע" ווו עס געפינט זיך איר פאָטער. זי טרעפט פונקט אויף אַ פּאָליציי־אָנפאַל און ווערט אַרעסטירט.

„נאָך צוויי וואָכן, בעת וועלכע מען האָט מיך נישט געשלאָגן, בין איך באַפרייט געוואָרן. (געשען איז דאָס אונטערן איינפלוס פון די רעזול־טאַטן פון די פריערדיקע „אויספאָרשונגען" און טיילווייז אַ דאַנק דעם עדות־זאָגן פון דער „באָבע", פון דעם שוין דערמאָנטן דאָמבראָווסקי און פון אַן איידעלן רוס, וועלכע דערקלערן, אַז זי איז נישט קיין ייִדישקע).

ווי אַ פּועל־יוצא פון די אַלע איבערלעבענישן איז זי שווער קראַנק געוואָרן, געלעגן אין שפּיטאָל ביז דער באַפרייאונג 1).

***

אַ פאַל פון אַ ייִד, וועלכער איז אויסבאַהאַלטן געוואָרן דורך זיין נישט ייִדישער פרוי:

אירענאַ טשוטשקעס (פון דער היים שעפּיקעוויטש, געבוירן אין 1921 אין טאָמאַשאָוו מאַזאָוויעצקי) די פרוי פון אינזש' טשוטשקעס (אַ ייִד) האָט געוווינט בעת דער מלחמה מיט איר מאַן אין לעמבערג. באַלד נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אַריינגעקומען, האָט זי זיך איבערגעצויגן אין אַ באַ־זונדערער דירה. דעם מאַן האָט זי געהאַלפן מיט וואָס זי האָט געקענט.

1) פּראָט. 1521 (פּראָט. מירסקאַ).

„זיין קינד האָב איך גענומען צו זיך. איך האָב געוווינט אַליין. די איינוווינער פון הויז, פּאַליאַקן, האָבן געוווּסט, אַז איך באַהאַלט אויס אַ ייִדיש קינד. זיי האָבן אָבער גאָרנישט געזאָגט און אַפילו מיר געהאָלפן. יעדן טאָג בין איך געגאַנגען צו מיין מאַן. איך האָב אים אָפּגעפירט צו דער אַרבעט און עטלעכע מאָל אין טאָג בין איך אים געגאַנגען זען. אין אָוונט פלעג איך אים אָפּפירן אַהיים. איך פלעג אים נעמען אונטערן אָרעם כדי צו פאַרדעקן זיין אָרעם־באַנד און זיך צו אים טוליען. דאָס געדויערט אַ געוויסע צייט, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין געטאָ“.

די לאַגע אין שטאָט איז אָבער געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. פרוי אירענאַ האָט באַזאָרגט פאַר איר מאַן אַן אַרבעט אין דאָרף דאַרנפעלד (35 קילאָמעטער פון לעמבערג) ווו עס איז נאָך דערווייל געווען רויק. די־רעקטאָר פון דאָזיקן לאַגער איז געווען דער דייטש בירמאַן. איך האָב פאַרקויפט מיין פוטער און פאַרשידענע ווערטפולע חפצים, אָוועקגעפירט דעם דייטש 10 טויזנט זלאָטעס און געבעטן אים ער זאָל זיך באַזונדערס פאַרנעמען מיט מיין מאַן, וועלכער האָט געאַרבעט ווי אַ סטאָלער. דאָס מיידעלע איז ווייטער געווען ביי מיר. צוויי מאָל אין דער וואָך בין איך געפאָרן צו מיין מאַן, כדי צו דערוויסן זיך ווי די לאַגע זעט אויס“.

אין לעמבערג זענען דערווייל פאָרגעקומען „אַקציעס“, מאַסן־מאָרדן און אומצאָליקע רויב־אָנפאַלן.

„איך האָב מורא געהאַט, אַז אויך מיין מאַן קען אַריינפאַלן. איך האָב מיך איבערגעצויגן אין אַ געגנט ווו מען האָט מיך נישט געקענט און איך האָב גענומען טראַכטן ווי אַזוי צו באַהאַלטן מיין מאַן. עס איז מיר איינ־געפאַלן אַזאַ געדאַנק: כ'האָב געהייסן אויפשטעלן אַ הילצערן ווענטל אין קיך, דערקלערנדיק, אַז מיין דירה גרענעצט זיך מיט אַ קלאָזעט און דער גערוך פילט זיך אין שטוב. די וואַנט האָב איך געהייסן מאַכן אָן אַ שום אַריינגאַנג בכדי נישט צו וועקן קיין חשד. איך האָב באַשלאָסן אַז דעם אַריינגאַנג וועט מאַכן מיין מאַן אַליין, ווייל ער האָט זיך געקענט אויף אַזעלכע אַרבעטן“.

שפּעטער האָט זי זיך אָפּגעשמועסט מיט אַ שאָפער... און אַוועקגע־פאָרן קיין דאַרנפעלד. דעם מאַן איז געלונגען צו אַנטלויפן פון זיין אַר־בעט. דאָס איז געשען דעם ערשטן דעצעמבער 1942.

„מיין מאַן האָט געמאַכט אַן אַריינגאַנג אין באַהעלטעניש אַריין. (...) דאָס איז געווען אַ קליין טירעלע, פאַרדעקט מיט אַ טעפּיך און פאַרשטעלט מיט אַ בעט וואָס איז געשטאַנען הארט ביי דער וואַנט. בייטאָג, ווען איך פלעג גיין צו דער אַרבעט (איך האָב געאַרבעט ווי אַ קאַסירערין אין אַ באָד־אַנשטאַלט) איז מיין מאַן געזעסן אין באַהעלטעניש. איך האָב זייער ווייניק פאַרדינט. מיין מאַן האָט גאָרנישט פאַרמאָגט ווייל נאָך איידער ער איז אַוועקגעפאָרן קיין דאַרנפעלד האָט ער במשך פון צוואַנציק מינוט געמוזט פאַרלאָזן זיין דירה און מען האָט אים נישט געלאָזט גאָרנישט מיטנעמען. מיר האָבן געלעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען".

„דאָרט ווו איך האָב געאַרבעט האָט מען געוווּסט וועגן מיינע באַציִונ־גען מיט מיין מאַן און עמעץ האָט אָנגעשריבן אין געסטאַפּאָ מען זאָל מיך פאַרהערן און דערוויסן זיך ווו עס געפינט זיך טשוטשקעס.

בעת איך בין אין אַ געוויסן טאָג געווען ביי דער אַרבעט, האָבן זיי אויפגעבראָכן די טיר און אַריין אין דער דירה. זיי האָבן דורכגעפירט אַ רעוויזיע און אויסלעגיטימירט דאָס מיידעלע. זי איז דעמאָלט אַלט געווען צוועלף יאָר. זי איז געזעסן אין קיך. נישט פאַרלירנדיק זיך, האָט זי דער־קלערט: „ווען מיין קוזינע וועט קומען וועט זי מיך שלאָגן, דערפאַר, וואָס איר האָט אויפגעבראָכן דעם שלאָס. די קוזינע (ד"ה איך) פאַרשליסט זי — האָט די קליינע ווייטער דערקלערט — ווייל זי לויפט אַרום און רייסט שיך און די קוזינקע קען זיך נישט דערלויבן צו קויפן אַנדערע. אַן אוק־ראַינישער פּאָליציאַנט איז מיט דער קליינער געקומען צו מיר, צו דער אַרבעט. אין דער דירה האָבן זיי אָרנטלעך באַגנבעט, צוזאַמען מיט דער קליינער און מיט דעם פּאָליציאַנט בין איך אַוועק אַהיים. זיי האָבן מיר געהייסן זיך אָנטון און אַוועקגעפירט מיך אין געסטאַפּאָ.

„זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט, וואָס איך טו, ווי אַזוי איך לעב, ווי אַזוי איך קום אויס מיט מיין פאַרדינסט, בפרט ווען איך האַלט נאָך אויס דאָס קינד. כ'האָב געענטפערט, אַז ווי אַזוי איך לעב, האָבן זיי זיך גע־קאָנט איבערצייגן בעת דער רעוויזיע, ווייל אַ חוץ שוואַרץ ברויט האָבן זיי ביי מיר אין שטוב גאָרנישט געפונען. איינער האָט זיך גענומען וויצ־לען, אַז איך בין אַ שיינע און איך וואָלט מיך געקענט געפינען אַ געליבטן, אַ דייטש. איך האָב געענטפערט, אַז איך בין אַ פּוילישע און די דייטשן

באַטראַכטן באַציִונגען צווישן פּאָליאַקן און דייטשן פֿאַר „ראַסנשאַנדע״. דערויף האָט ער דערקלערט, אַז נאָך אַ גרעסערע „ראַסנשאַנדע״ באַגייט אַ פּוילישע פרוי ווען זי האַלט אַן באַציִונגען מיט אַ ייִד. זיי ווייסן, אַז איך האָב מיך אַרומגעשלעפּט מיט אַ ייִד און זיי זיינען זיכער, אַז איך ווייס וווּ ער געפינט זיך. איך האָב דערקלערט, אַז איך האָב טאַקע געקענט דעם ייִד טשוטשקעס און איך האָב אים ליב געהאַט. איך וועל דאָס נישט לייקענען. די דאָזיקע באַציִונגען האָב איך אָבער אָנגעהאַלטן נאָך איידער די דייטשן זענען געקומען. עמעצן ליב האָבן קען מען קיינעם נישט פֿאַרבאָטן, איצט ווייס איך נישט וווּ ער איז און אַפילו נישט צי ער לעבט״.

דאָס איז פֿאָרגעקומען אין דער באַרימטער געבײדע אויף פּעלטשינסקי גאַס. פון דאָרט האָט מען זי איבערגעפירט אין תפיסה:

„מען האָט מיר געהייסן אויסטאָן זיך נאַקעט... איך האָב געזאָגט, אַז זיי מעגן מיך אַפילו הרגענען, אויסטאָן וועל איך מיך אָבער נישט. זיי האָבן מיך שרעקלעך געשלאָגן, איך האָב מיך אָבער נישט אויסגעטאָן. איך בין פֿאַרבליבן אין ביוסט־האַלטער און אין די מייטקעס. זיי האָבן מיר אַריינגעפירט אין אַ שטוב וווּ עס האָט זיך געפונען אַ באַסיין מיט קאַלט וואַסער. אין דער שכינותדיקער שטוב איז געווען אויסערגעוויינלעך הייס. זיי האָבן מיר אַריינגעלייגט אויף אַ שעה אין קאַלטן וואַסער אַריין און שפּעטער אויף די קאַלאַריפערן. אַזוי האָבן זיי מיר געמאַטערט אַכט שעה און פון צייט צו צייט געפרעגט צי איך וועל אויסזאָגן. שפּעטער האָבן זיי מיר געהייסן זיך אָנטאָן און מיטגיין מיט זיי. איך האָב מיך קוים געשלעפּט, ווייל איך האָב באַקומען שווידערלעכע ווייטאָגן אין די געשלעכטס־אָרגאַנען. מען האָט מיר צוריק געפירט אין דעם בנין פון געסטאַפּאָ. דאָרט בין איך געזעסן ביז אין דער פרי מיט מייז און שטשורעס״...

ווען מען האָט זי באַפרייט און זי איז צוריקגעקומען אַהיים, האָט זי געטראָפן דאָס באַהעלטעניש ליידיק. דעם מאַן האָט זי געטראָפן ביי אַ באַקאַנטער פּוילישער פרוי. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געוואַרט ביז 9 אַזייגער; ער האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. „דאָס מיידעלע האָט אים אויף די קניען געבעטן, ער זאָל דאָס נישט טאָן. ער האָט זיך נישט אומגעברענגט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, מען זאָל געפינען דעם מת ביי מיר אין שטוב. ער האָט דעריבער גענומען דאָס מיידעלע און

זיי זענען שטילערהייט אַוועק צו דער פרוי פּיעגדאַן, וועלכע האָט מיר שוין לאַנג געהאַט צוגעזאָגט, אַז אין פֿאַל פון אַן אומגליק וועט זיך מיך מאָן קענען אויסבאַהאַלטן ביי איר. ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער אויסגעזען ווי אַ שאָטן. דערהערנדיק מיין קול האָט ער פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָב איך אים נישט דערציילט וואָס מען האָט מיט מיר געטון ווייל איך האָב אים נישט געוואָלט אָנטון קיין עגמת נפש און ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט נישט וועלן מיך אויסשטעלן מער אויף אַזעלכעליידן און ער וועט אַוועקגיין. אַגב האָט ער מיך אָפט געבעטן, איך זאָל מיך צוליב אים נישט איינשטעלן זאָגנדיק, אַז ער וועט בעסער אַליין גיין אַנטקעגן דעם טויט".

„ביי דער פרוי פּיעגדאַן איז ער פאַרבליבן אַ גאַנצן חודש; דאָס מיידעלע האָב איך אַהיים גענומען. זי איז געווען „געדעקט", ווייל מיינס אַ באַקאַנטער גלח, אַן אוקראַינער מיטן נאָמען פּאָבערעזקא, האָט איר פאַרשאַפט אַ פּאַפּיר ביי זיינס אַ חבר, אַ פּוילישן גלח. מיט אַ חודש שפּעטער האָב איך מיין מאַן אַהיימגעבראַכט און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביזן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי 1).

***

ישעיה פּעדער (וואָס איז שוין געהאַט דעמאָלט אַנטלאָפן פון דעם צוג קיין בעלזשעץ 2) האָט זיך בעת אַ „ליקווידאַציע־אַקציע" אַרויסגעראַטעוועט פון קאָלאָמייער געטאָ מיט דער פרוי, צוויי ברידער און אַ קוזין. בעת דער מאָרד־וואַקכאַנאַליע האָבן זיי זיך במשך פון פיר טעג קודם כל פאַרשטעקט אין אַ באַהעלטעניש (אין געטאָ), נאָכדעם זענען זיי ביינאַכט אַריבערגעגאַנגען אין אַ הויז, וואָס איז געלעגן אויף דער געטאָ־גרענעץ. דער פראָנט פון דעם הויז איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער „אַרישער זייט". זיי האָבן געוואַרט ביזן קאַיאָר און נאָכדעם האָבן זיי זיך אַריבערבאַקומען אין אַן אַנדער הויז (ווו זיי האָבן אַמאָל געוווינט) וואָס איז שוין געלעגן אויף דער אַרישער זייט. דאָרט האָבן זיי זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם (דאָס

1) נר. 1500 (פּראָט. ק. מירסקאַ).
2) דערמאָנט שוין אין בוך אויף אַן אַנדער אָרט.

הויז איז צייטווייליק געווען פּוסט, ווי אַ סך „נאָכיִדישע" הייזער אין יענער צייט). דאָרט האָט זיי געפונען אַ מיליציאַנט, וועלכן ס׳איז געלונגען צו איבערקויפן. נאָכדעם האָבן זיי זיך קאָנטאַקטירט מיט אַ באַקאַנטן אוק־ראַינער. „ער האָט אונדז גענומען צו זיך. דאָס איז געווען אין וויעזש־ביאַנזש, איין קילאָמעטער הינטער קאָלאָמיי. ער האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ פויער, וואָס האָט אונדז געדאַרפט איבערפירן קיין אונגאַרן. מורא האָבנדיק אָבער, אַז מען זאָל אונדז נישט כאַפּן, האָט ער מיך מיט מיין פרוי איבערגעפירט אין אַ וואַלד... דער פויער האָט דאָרט געמאַכט אַ קאַרטאָפל־גרוב און אים פאַרמאַסקירט. איינמאָל אין דער וואָך, ד״ה שבת 12 אַזייגער ביינאַכט, האָט ער אונדז געבראַכט ברויט; וואַסער האָבן מיר געהאַט נישט ווייט אין וואַלד. אַזוי האָבן מיר געלעבט אַכצן חדשים. (צום ערגסטן איז געווען ווינטער־צייט, ווייל מען האָט געקענט געפינען אונדזער באַהעלטעניש). מיר האָבן געהונגערט, עסנדיק נאָר אַזוי פיל כדי נישט צו שטאַרבן. מיר זענען ממש פאַרפרוירן געוואָרן. די גאַנצע צייט האָבן מיר נישט געגעסן קיין געקעכטס. אַזוי האָבן מיר געלעבט ביז דער באַפרייאונג".

**
*

דאָס פּאָרפאָלק עלבערג האָט פאַרלאָזט דאָס וואַרשעווער געטאָ אין דער צווייטער העלפט 1942. פּאָר אַ קליינער באַלוינונג האָבן זיי געפונען אַ באַהעלטעניש ביי אַן אָרימען פויער אין דער אָרטשאַפט שווידער. זיי זענען געזעסן אין אַ בונקער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ קעלער, און פון וועלכן מען האָט געקענט — אויפהויבנדיק אַ ברעט — אַריינקומען אין שטוב אַריין. מיט אַ צייט שפּעטער איז אין באַהעלטעניש צוגעקומען נאָך אַ פּאָרל.

„דער פויער מיטן נאָמען וו... דערציילט פרוי עלבערג — איז געווען אַן אָרנטלעכער מענטש. ער פלעגט ברענגען אומלעגאַלע אויסגאַבן. אַליין האָט ער נישט געלייענט, נאָר געבערענגט זיי בלויז פאַר אונדז. מיר האָבן, אין קעלער, געהאַט אַ ראַדיאָ. ער פלעגט הייסן אָנשטעלן דעם אַפּאַראַט דריי מאָל אין טאָג, כאָטש איך האָב אים געפּרוווט אויפקלערן, אַז דאָס איז צו ריזיקאַליש. ...ער פלעגט אָפט אַרויסגיין אויף דער שוועל מיט אַ

ביקס כדי צו ווייזן אַז ער האָט נישט מורא פאַר די דייטשן. איינמאָל האָט ער מיטגענומען מיין מאַן און דעם צווייטן ייִד, גנבענען עפּל אין אַ סאָד. ער האָט זיי געגעבן געווער. מיין מאַן איז געשטאַנען אויף אַ בוים און אַזוי לאַנג אַראָפּגעוואָרפן עפּל ביז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ פולער זאַק. דאָס איז געווען אַן אומנויטיקע און געפערלעכע אונטערנעמונג. מיין מאַן האָט ריזיקירט דאָפּלט: סיי ווי אַ ייִד און סיי ווי אַ גנב".

מיט דער צייט זענען די באַדינגונגען אין קעלער געוואָרן זייער שווער. זיי האָבן געהונגערט. דער באַלעבאָס איז געווען זייער פּריינטלעך געשטימט, ער האָט אָבער אַלץ וואָס זיי האָבן אים געגעבן, פאַרשיכורט. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן צו ריזיקירן. (...) ריבאַק (זייער בונקער־חבר) האָט געטראָגן לאַנגע וואָנצעס און געהאַט אַ „גוטן" אויסזען. ער פלעגט אַרויסגיין בעטלען (פאַרשטייט זיך — אַן דאָקומענטן). ער פלעגט באַקומען. צום טראַדיציאָנעלן „זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס" פלעגט ער אָבער צוגעבן אַן אייגנאַרטיקן „אוי". דאָס האָט אַרויסגעגעבן פאַר־שידענע חשדים און פאַרשידענע, ווייטגייענדיקע צרות. טראָץ דעם פלעגט ער ווייטער יעדן דאָנערשטיק אַרויסגיין. פון דינסטיק אָן פלעגט אים די פרוי עלבערג לערנען ווי אַזוי ער דאַרף רעדן. עלבערג פון זיין זייט האָט אַביסל געקענט קריצן. יעדן טאָג פלעגט ער אַרויסגיין אויפן בוידעם, ווו עס האָט זיך געפונען זיין „אַטעליע". דער באַלעבאָס האָט געברענגט צווייגן און עלבערג 1) פלעגט זיי מיט אַ געוויינלעך מעסערל רייניקן און קריצן קליינע פאַטשערקעס. אַרויסטראָגן פלעגט ער זיי בעת „אָדפּוסטן". ער האָט געהאַט אַ „גוטן" אויסזען, אָבער אַ שלעכטע אויסשפּראַך. מענטשן האָבן זיך געוווּנדערט וואָס ער איז בלאָס. ער פלעגט אָנגיין פאַר אַ טויב־שטומען. אויף דער ברוסט האָט ער געטראָגן אַ טאָוול מיט אַן אויפשריפט: „אַ קראַנקער קינסטלער בעט אונטערשטיצונג".

„פון דעמאָלט אָן האָט זיך אונדזער לאַגע אַ ביסל פאַרבעסערט... מיר האָבן אַזוי געלעבט אַ לענגערע צייט. מיין מאַן האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן שפּילצייג" ער האָט צוגעגרייט אַ גרויסן רעזערוו, וועלכן ער האָט אַגב

1) יהודה עלבערג, אַ יידישער שרייבער, מחבר פונעם בוך „אונטער קו־פּערנע הימלען".

נישט באַוויזן צו פאַרקויפן, ווייל די דייטשן זענען דערוויל פאַריאָגט געוואָרן 1).

דעם לעצטן משל פון די ציטירטע פאַלן האָבן מיר געברענגט נישט נאָר מיט דער כוונה פאַרצושטעלן דעם לייענער נאָך איין פליסיקע גרענעץ צווישן דעם לעבן אין אַ „מעלינע" און דעם אויפהאַלט אויף „אַרישע פאַפירן" (אַגב אין דעם פאַל אָן „פאַפירן"), נאָר גלייכצייטיק צוליב דער סילועט פונעם באַלעבאָס. פון דער באַשרייבונג איז געווען לייכט פעסטצושטעלן, אַז דער דאָזיקער „באַשיצער" האָט זיך אויפגעפירט לגמרי אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. נישט נאָר אָן שום חשד, נאָר פאַרקערט מיט אַן איבערגעטריבענער געוואַגטקייט, מיט אַ סך זאָרגלאָזיקייט און „פאַנטאַזיע". אַ מערקווירדיקער טיפּ? אָן שום ספק. אָבער נישט דער איינציקער. אין דער דאָזיקער צייט זענען אַזעלכע טיפּן געווען אַ סך. עס האָט זיי באַוויזן אַ מין אקומולירטע לײדנשאַפט, וועלכע האָט געזוכט אַן אָפּפלוס אין קלענערע אָדער גרעסערע מחלוקת. ווען אַזאַ פּסיכישע אפּאָזיציע לגבי דעם אָקופּאַנט פלעגט אַזאַ איינעם באַוועגן אויסצובאַהאַלטן יידן, האָבן די לעצטע אין אים געהאַט אַ מוטיקן אַפּוטרופּוס. עס איז אָבער דערביי כמעט תמיד געווען אַ שוואַכע זייט. די לאַגע פון די באַהאַלטענע האָט געפאָדערט אַ ווייט-גייענדיקע פאַרזיכטיקייט. די ריזיקע האָט געמוזט באַגלייט ווערן מיט באַהערשונג, אויסדויער און רויִקייט. דערוויל פלעגט אַזאַ טעמפּעראַמענט, וועלכער האָט געלעכצט מיט נאָך אַקטיוויטעט, וועלכער האָט אויסגעקוקט עס זאָל זיך „עפּעס טון" זוכן אַן אָפּפלוס אין לייכטזיניקע אַוואַנטורעס, אָן אַ טיפערן זין, וואָס האָבן געקענט האָבן גאָר טראַגישע פאָלגן.

אין אַ פאַרשטאָט פון קראָקע, למשל, האָט אַ יונגערמאַן אויסבאַהאַלטן אַ גאַנצע יידישע משפחה פון 12 מענטשן. אומאָפּהענגיק פון דעם אָפּצאָל פאַרן אויסבאַהאַלטן זיי, וואָס ער האָט גענומען, און וועלכן עס האָט אים (נאָכדעם ווי די באַהאַלטענע האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין געלט), געצאָלט די געהיימע ר. פּ. זש. (ראַט פון הילף פאַר יידן), האָבן אים די יידן פאַרשריבן אַ הייזל, וואָס זיי האָבן געהאַט אין אַן אַנדערער פאַרשטאָט.

1) נר. 1015.

ער האָט פאַר זיי איינגעאָרדנט אַ „מעלינע“ אין קעלער. אַזוי ווי ער איז געקומען צום אויספיר (אַגב מיט רעכט), אַז ביי אַ דורכפאַל וועלן שוין די פרטים סיי ווי סיי נישט האָבן קיין באַדייטונג, האָט ער זיי אינס־טאַלירט אַ ראַדיאָ. זיי פלעגן טאָג און נאַכט הערן אויסלענדישע סטאַציעס און דעם באַלעבאָס איבערגעבן ראַפּאָרטן.

דער יונגערמאַן האָט אָבער ריזיקירט אויך אויף אַנדערע געביטן. ער האָט געהערט צו אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. זעענדיק, אַז ער איז פעיִק אַנטיילצונעמען אין די איבערפאַלן וואָס פלעגן איינגעאָרדנט ווערן דורך דער אָרגאַניזאַציע, האָט ער באַשלאָסן איינצואָרדענען איבער־פאַלן, וואָס זאָלן אים ברענגען אַ פערזענלעכן נוצן. ער האָט געשאַפן אַן אייגענע „איבערפאַל־אָפּטיילונג“, צו וועלכער עס האָבן געהערט עטלעכע ענלעך טראַכטנדיקע אָרגאַניזאַציע־מיטגלידער. זיין דירה איז געווען דער זאַמל־פונקט און דאָס אָרט ווו מען האָט צוזאַמענגעברענגט דעם רויב. אַהער, אין דעם ביז איצט שטילן הייזל, האָבן אָנגעהויבן קומען פאַרשיי־דענע הענדלער, וועלכער דער באַלעבאָס פלעגט ברענגען כדי צו פאַרקויפן די „סחורה“. דאָ פלעגן פאָרקומען, איבער די קעפ פון די באַהאַלטענע ייִדן, דינגענישן מיט די הענדלער און באַראַטונגען צווישן די מיטגלידער פון דער „אָפּטיילונג“. די ייִדן האָבן געהערט יעדעס וואָרט. אַזוי ווי זיי האָבן זיך נישט געקענט מיט קיינעם קאָמוניקירן, האָט ער פאַר זיי נישט געהאַט קיין סודות. זיי האָבן אַפילו געפירט זיין קאָרעספּאָנדענץ און די בוכהאַלטעריע. זיי האָבן אָבער געציטערט פאַר דעם געדאַנק, אַז יעדע איינע „אונטערנעמונג“ פון דער „אָפּטיילונג“ קען גורם זיין זייער אומקום. עס איז דערצו גענוג געווען, אַז איין איבערפאַל זאָל נישט געלינגען, אָדער, אַז איינער פון די הענדלער זאָלן, בכיוון, אָדער נישט, ברענגען פאָליציי. זיי האָבן דעריבער אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען. כדי פטור צו ווערן פון די הענדלער, האָבן זיי ביי אים אָפגעקויפט פאַרשיידענע חפצים, וועלכע האָבן זיי — פאַרשטייט זיך — נישט געברענגט קיין שום נוצן און פלעגן בלויז פאַרנעמען אַן אָרט אין זייער איבערגעפולטן קעלער. שפעטער פלעגן זיי אים אוועקשענקען די אַנגעזאַמלטע זאַכן, כדי ער זאָל נישט אויספירן דעם אָדער יענעם פלאַנירטן אָנפאַל. דאָס איז געווען אַ מין אַנטשעדיקונג פאַר דעם „שאָדן“ וואָס ער האָט אַזוי אַרום געליטן.

צווישן די אפטרופסים און די באַהאַלטענע פלעגן אַנטשטיין אייגנ־אַרטיקע (און אָפּהענגיק פונעם געגעבענעם פאַל — פאַרשידענע) באַציִונגען, וואָס פלעגן זיך ענדערן, ווערן — וואָס לענגער עס האָט געדויערט דאָס אויסבאַהאַלטן — מער אָדער ווייניקער געשפּאַנט. טראָץ דער געצוווּנגענער פּאַסיווקייט פון די באַהאַלטענע, פלעגן אַנטשטיין פאַרשידענע אינצידענטן. מען מוז דערביי געדענקען, אַז דאָס באַהאַלטן יידן האָט געהייסן אויספירן פאַרשידענע פונקציעס נישט אויסשליסנדיק די צום ווייניקסטן פּראַזאַישע: אַנהויבנדיק פון דעם צושטעלן עסן און ביז דעם אָרגאַניזירן דאָס דערליידיקן די פיזיאָלאָגישע באַדערפעניש.

די קעגנזייטיקע באַציִונגען זענען אויך געווען אָפּהענגיק פון די אויסערלעכע ענדערונגען. סיי פון דער שטרענגקייט פון די רעפּרעסיעס וואָס דער אָקופּאַנט פלעגט אין געגעבענעם צייט אָפּשניט אָנווענדן, סיי פון די פּרטים וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער פּערזאָן פון באַלעבאָס אַליין. יעדער איינער האָט דאָך אויסשליסלעך געהאַט זיינע אייגענע צרות. אָפּט פלעגן אים זיינע אייגענע דאגות אַזוי באַשעפטיקן, אַז ער האָט נישט „געהאַט דעם קאָפּ" צו די באַהאַלטענע. אין אַנדערע פאַלן פלעגט דער באַלעבאָס געשטעלט ווערן אין אָנבליק פון געשעענישן, וועלכע ער האָט נישט פאָראויסגעזען ביים אַריינעמען די יידן: דאָס אַריינציִען זיך אין זיין הויז פון שכנים, ענדערונגען אין דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָנטראָל־סיסטעם אין דער געגעבענער אָרטשאַפט, אָדער געגנט א. אַ. וו.

דאָס אַלץ פלעגט זיך אין יעדן פאַל באַזונדער צונויפמישן מיט דעם געדאַנקן־גאַנג און מיט די געוווינהייטן, מיט די איבערצייגונגען און פאַראורטיילן, אייגנאַרטיקייטן און מינהגים פון די באַהאַלטענע און די „באַשיצער".

ד"ר אדא עבער־פרידמאַן האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין לעמבערג צ. א. „ביי טעטשען, אַ פרוי אָן אַ שום באַשעפטיקונג און אָן אַן „אַרבייט־אויסווייז", וואָס זאָל באַשיצן איר דירה ווי אויך זי אַליין: ביי דער טעטשען, אַן אָבערגלויביקער, אַן איינזאַמער, חשד־פולער פרוי וואָס איז געהאַסט געוואָרן דורך די שכנים אין דעם פאַרדעכטיקן הויז פון אַלעמבעק גאַס נר. 3 אין אַ געגנט וואָס איז אַמאָל געווען באַוווינט דורך דער יידישער אָרעמ־

קייט און וואָס איז אין געגעבענעם צייט־אָפּשניט, געווען באַהערשט דורך דער לעמבערגער אונטערוועלט".

אדא עבער־פרידמאַן האָט ריכטיק אויפגעכאַפּט אין אירע זכרונות[1] די דאָזיקע „אייגנשאַפטן פון אָרט" און זי האָט געטריי פאַרשריבן דעם פלאַסטישן זשאַרגאָן פון עלעמענטן, וואָס האָבן באַאיינפלוסט די לאַגע[2]. טעטשע דערקלערט, אַז יעדער פון אירע שכנים, וועלכע האָבן זי כסדר נאָכגעשפּיאָנירט, איז איצט פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געשעפטן און צרות, אַזוי אַז די געפאַר, וואָס האָט געדראָט דער באַהאַלטענער און איר אַליין איז קלענער געוואָרן. אַזוי למשל האָט „די ערגסטע, די נאָוואַקאָווע אַ געהיימע שענק און זי איז מיט מיר שרעקלעך חבר", איר שוועסטערס מאַן, לודוויג, גנבעט פלייש אין שעכט־הויז ווו ער אַרבעט און פאַרקויפט עס צווישן די שכנים. דער נאָוואַקאָווס שוועסטער האָט דעריבער מורא מען זאָל זי נישט מסרן. בלאַטניק איז אַנטלאָפן פון הויז, ווייל „די כלה מיט וועלכער ער האָט געוווינט איז געוואָרן שוואַנגער און ער האָט זיך פאַרשעמט... וועגן דעם לאָקאַטאָר פון צווייטן שטאָק ווייסט טעטשע, אַז ער איז אַנטלאָפן פון זיין געווייניטלעך וווין־אָרט, ווייל זיינע שכנים האָבן געוווּסט וועגן זיינע „מעשים־טובים" לגבי ייִדן און ער האָט מורא פאַר שפּעטער"... די שכנטע פון דער צווייטער זייט האָט געמסרט אַ ייִדיש מיידל, וועלכע זי האָט אויסבאַהאַלטן און „זי לעבט נאָך איצט פון דעם, וואָס דאָס אומגליקלעכע מיידל האָט איר איבערגעלאָזט". אַן אַנדערער שכן, דער „גנב און שיכור וואָלאָסיצקי" — גלויבט טעטשע, — באַהאַלט אויך ייִדן, „ווייל ער לויפט יעדן טאָג אין קעלער אַריין מיט אַן עמער" א. אַ. וו.

אַ גאַנצער מישמאַש פון נאַרישקייטן; מיט דעם אַלעם האָט מען זיך אָבער געמוזט רעכענען און אַפילו דאָפּלט. קודם כל מיט די פאַקטן „ווי אַזעלכע". יעדער שכן האָט דאָך געקענט באַאיינפלוסן דעם גורל פון באַ־האַלטענעם; זייערע מנהגים און געוווינהייטן האָבן דעריבער געמוזט גע־בומען ווערן אין אַכט, אין דער טאַקטיק פון דעם דאָזיקן שפּיל ווו דאָס

1) „פון דער גאַלעריע פון מיינע לעבן־געבער" („נאשא טריבונא", ניו יאָרק, נר. 109 מערץ־אפּריל 1949).

2) דער מאָנאָלאָג פון טעטשען איז פאַרשריבן אין אַ לאָקאַלן לעמבערגער פּוילישן זשאַרגאָן וועלכן ס'איז נישט מעגלעך איבערצוזעצן אויף ייִדיש.

לעבן איז געשטאַנען אין קאָן. צווייטנס: האָט מען זיך געמוזט רעכענען מיט די סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס פון טעטשען אַליין. מען האָט זי נישט געטאָרט, חלילה וחס, באַליידיקן. אין דעם דאָזיקן כסדרדיקן צוזאַמענלעבן אויסשליסלעך מיט דער באַלעבאָסטע פלעגט זיך שאַפן — ווי שוין דערמאָנט — אַ מין אַטמאָספער פון פּאַראַדאָקסאַלער איזאָלירונג, פון אָנגעשטרענגטקייט. יעדעס וואָרט און יעדעס באַוועגונג פלעגן באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג. אַ געוויינלעכער זאַץ האָט געקענט גורם זיין אַ רוגז און געגנוגענען, אַז די פריינטלעכקייט פון דער „באַשיצערין" זאָל פאַרשווינדן און עס זאָל אַנטשטיין אַ שנאה. איבערהויפּט ווען מען איז ביז די קלענסטע פּרטים געווען פּולשטענדיק אָפּהענגיק, ווען דאָס דויערן פון דער סכנה האָט פאַרשטאַרקט די אָנגעשטרענגטקייט. אין פאַלן ווען דאָס אויסבאַהאַלטן האָט זיך געשטיצט בלויז אויף „האַנדלס"־טעמים איז אַ חוץ דעם צוגעקומען נאָך איין עלעמענט: דער מאָמענט ווען די „באַשיצערין" האָט שוין געהאַט „אָוועקגעלייגט גענוג געלט", אָדער ווען עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די רעזערוון פון באַהאַלטענעם. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פּראַקטיק פלעגט זיך דאָס אַלץ צונויפמישן און נישט איין מאָל פלעגט די זעלבע פּערזאָן וואָס האָט אין אָנהויב „געוואָלט העלפן", פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַזעלכער וואָס „האָט געוואָלט מאַטערן, דערנידעריקן, אויסמישן מיט דער בלאָטע".

וויכטיק איז געווען — ווי שוין געזאָגט — יעדע באַוועגונג פון באַהאַלטענעם. אויך דאָ פלעגט זיך אַלץ מישן. אין אָנהויב איז געגאַנגען וועגן זיכערקייט־טעמים. מען האָט נאָכגעפּאָלגט יעדן זאַץ פון דעם באַהאַלטענעם, ער זאָל זיך חלילה נישט אויסגעבן; שפּעטער פלעגט דאָס כסדרדיקע נאָכפּאָלגן און קאָנטראָלירן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ געפּיל־אַבסעסיע, שוין אַפילו אָן באַזונדערע סיבות. יאָ, דאָס איז אַ מענטשלעכע זאַך. אין ציטירטן גבית עדות דערמאָנט אדא עבער וועגן דעם טראַגישן מאָמענט ווען זי האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז איר מאַן איז אומגעקומען אין יאַנאָווער לאַגער אין לעמבערג.

—ווי קען מען זיך אַזוי אָוועקברענגען נאָכן טויט פון אַ מאַן — האָט זיך באַקלאָגט איר דעמאָלטיקע „לעבן־געבערין". — כ'פאַרשטיי דריי טעג, זאָל אַפילו זיין אַ וואָך, אָבער ס'איז שוין פאַרביי פערצן טעג און זי הערט

נישט אויף צו קלאָגן. מען דאַרף דאָך אַ צווייטן אויך פאַרשטיין. איך האָב דאָך אויך אַ גאַל״.

און ווידער: איר זאָלט נישט פאַרשטיין די דאָזיקע באַמערקונגען ווי אַ צינישע. טראָץ דעם פאַרשטענדלעכן פאַרדרוס, מיט וועלכן דער מחבר פון די זכרונות דערמאָנט די רעפלעקסיע פון איר באַשיצערין, דאַרף מען באמת... „אויך אַ צווייטן פאַרשטיין״. אַ פאַרצווייפלטער מענטש ווערט דאָך ווייניקער פאַרזיכטיק און פאַרגרעסערט דערמיט די געפאַר. אַ חוץ דעם האָט די סכנה, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אויסבאַהאַלטן אַ ייִדישקע, מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ לאַסט, זי האָט אָנגעפילט די לופט מיט אומגעדולד, מיט אָנגעשטרענגטקייט. אויסבאַהאַלטן נישט נאָר אַ ייִדישקע, אָבער אויך איר... פאַרצווייפלונג — איז שוין אפשר באמת צו פיל געווען. דעם דאָזיקן אָפּשניט האָט שוין די פאַרפאָלגטע געמוזט נעמען אויסשליסלעך אויף זיך אַליין.

***

יאָ, דאָס זענען מענטשלעכע ענינים, געוויינלעך מענטשלעכע!

איך געדענק אַ פאַל, ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען אויפצוקלערן פאַרשידענע זאַכן אין געשפּרעכן מיט ביידע צדדים. (דערביי האָט קיין שום צד נישט געוווסט, אַז איך אַליין בין... אַ ייִד).

אַ דאָרפישע פרוי האָט אויסבאַהאַלטן ביי זיך (אויפן בוידעם פון איר דאָרפישער כאַטע) אַ ייִדיש פאָרפאָלק: אַ פריינדין פון פאַר דער מלחמה און איר מאַן. מען פאַרשטייט ווי אַזוי די לאַגע אויפן בוידעם האָט געקענט אויסזען.

אין די ערשטע צייטן האָט די פּוילישע פרוי גערעדט וועגן דעם מיט געריריטקייט און רחמנות. „מענטשן זאָלן מוזן אַזוי לעבן! ווען איך טראַכט וועגן מיין חברטע...״ אין די שפּעטערדיקע חדשים האָט זי שוין אויף דער זעלבער לאַגע געקוקט מיט אַנדערע אויגן: „אַזאַ שלעפּערקע — און זי האָט נאָך די חוצפה מיר צו מאַכן פאָרוורפן״. וואָס איז דאָרט געשען? קיין שום באַזונדערס. אין די ערשטע חדשים האָט די פּוילישע פרוי נאָך געזען דעם אונטערשיד צווישן דעם איצטיקן מצב פון איר פריינדין און דער לאַגע, אין וועלכער יענע האָט זיך געפונען ביז דער מלחמה. אין דעם

שפּעטערדיקן צייט־אָפּשניט איז פאַרבליבן בלויז — דער בוידעם. די באַ־האַלטענע ייִדישקע ווידער, וועלכע האָט געלעבט אין דער דאָזיקער אומ־גליקלעכער איזאָלאַציע, האָט צו גוט געקענט די אַמאָליקע פּריינטשאַפט און דער געענדערטער טאָן פון איר פריינדין האָט איר שטאַרק וויי־געטון. גאָרנישט מער — נאָר בלויז דער טאָן. אַ חוץ דעם האָבן די באַהאַלטענע (נאָך אַמאָל אין הסכם מיט די געוויינלעכע מענטשלעכע געפילן!) געזען אין זייערע באַשיצער — פרייע, פאַרמעגלעכע, גליקלעכע מענטשן. זיי פלעגן פאַרגעסן, אַז אויך די באַשיצער האָבן געהאַט זייער עגמת נפש, זייערע סכנות, זייער אומבאַהאָלפנקייט.

די דאָזיקע קאָנפליקטן איז לייכט זיך פאָרצושטעלן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען. די משונהדיקע אָקופּאַציע־תקופה האָט זיי אָבער דערפירט ביז די לעצטע קאָנסעקווענצן און דער טויט־אורטייל אויף ייִדן האָט — דאָס מאָל — פאַרטיילט די ראָלן לויט „ראַסן".

**
*

און לסוף: די באַהאַלטענע אַליין. דאָס לעבן (לאַנגע חדשים און אַפילו יאָרן!) אין אַן ענגער „מעלינע", אין אַ קעלער, אָדער אויף אַ בוידעם, אָפּט צוזאַמען מיט אומבאַקאַנטע מענטשן, מיט וועלכע עס האָט אויך אין דער געגעבענער צייט פאַרבונדן בלויז די בשותּפותדיקע סכנה, פלעגט אַרויס־רופן פאַרמענטן פון ספּעציפישן מין. מען האָט געמיזט אַלץ פאַרשווייגן און מיט אַלעם מסכּים זיין. אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ שעה נאָך אַ שעה, אַ מי־נוט נאָך אַ מינוט. די דיאַלאָגן וואָס מען האָט אין די דאָזיקע באַדינגונגען געפירט, די באַשעפטיקונגען וואָס מען פלעגט אויסזוכן כּדי די צייט זאָל פאַריבער, די מינים און פאָרמען פון די פּשרות ווי אויך דאָס צוריקשטעלן דעם פריערדיקן צושטאַנד נאָך די אויסברוכן, דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פאָר אַ ברייטן און פולשטענדיק אויסערגעוויינלעכן מאַטעריאַל.

די הויפּט־באַדינגונג פון אַ „מעלינע" איז געווען, אַז קיין שום פרעמ־דער מענטש זאָל צו דעם באַהעלטעניש נישט טרעפן. אָדער דער אָביעקט ווו מען האָט איינגעאָרדנט די „מעלינע" האָט געמוזט זיין נישט צוטריט־לעך (עווענטועל אַ פאַרלאָזטער, פאַרוואָרפענער, מיט איין וואָרט, אַזעלכער

וואָס זאָל זיין פאַרזיכערט קעגן נישט געבעטענע באַזוכן), אָדער מען האָט אים געמוזט ווי צום בעסטן פאַרמאַסקירן (אַזוי, אַז עס זאָל קיינעם נישט איינפאַלן אַז דאָרט געפינט זיך אַ באַהעלטעניש, אַפילו דעמאָלט ווען דער נישט־געבעטענער גאַסט וועט דורכזוכן די דירה). שוין אין געטאָ זענען געווען אַזעלכע באַהעלטענישן. שוין אין געטאָ אָבער האָבן די געשעענישן איבערגעשטראָכן אַלע פּלענער: די געטאָס זענען פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן און צוזאַמען מיט זיי זענען חרוב אָדער פאַרברענט געוואָרן גאַנצע קוואַרטאַלן. די באַהאַלטענע, וועלכע מען האָט נישט אַרויסגעשלעפּט פון זייערע באַהעלטענישן זענען ווי שוין געזאָגט — אומגעקומען אין פלאַמען אָדער אונטער פאַלנדיקע ווענט. דער טויט האָט אָפט געלויערט אויך ווו די פאַרניכטונג פון געטאָ האָט נישט גורם געווען די צעשטערונג פון די ווין־קוואַרטאַלן. לעבעדיקע מענטשן האָבן זייערע באַדערפענישן, זיי מוזן האָבן דערנערונג. פריער אָדער שפעטער האָבן זיי געמוזט אַרויסגיין פון זייערע באַהעלטענישן. דעמאָלט (אין דעם פאַל דווקא דערפאַר וואָס די געגנט איז שוין נישט געווען אַרומגעצוימט און וואָס עס האָבן שוין אויפן דאָזיקן געביט געוווינט פרעמדע מענטשן) פלעגן זיי „דורכפאַלן".

מען וואָלט געקענט גלויבן, אַז אין די „מעלינעס" אויף דער „אַרי־שער זייט" וועלן שוין אַזעלכע סיורפּריזן נישט פאָרקומען... ליידער. עס פלעגט געשען, אַז די דייטשן פלעגן פאַרנעמען גאַנצע הייזער אַרויסוואַרפנ־דיק פריער פון זייערע דירות די איינוווינער. עס פלעגט געשען, אַז מען האָט אין דער געגעבענער דירה רעקוויזירט אַ שטוב פאַר אַ דייטש. צוליב פאָליציי־סטראַטעגיע פלעגט מען אויסליידיקן גאַנצע גאַסן. עס פלעגט אויך געשען, אַז אין שייכות מיט די קריגס־אָפּעראַציעס פלעגן עוואַקו־אירט ווערן גאַנצע אָרטשאַפטן. די „מעלינעס" פלעגן אין אַזעלכע פאַלן אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר נייע פּראָבלעמען און נייע איבערלעבענישן. די פאַלגנדיקע אָדיסייע וועט אילוסטרירן זייער אויסערגעוויינלעכקייט:

וולאַדיסלאַוו שפּילמאַן, אַ מוזיקער (שוין פאַר דער מלחמה געווען אַ באַקאַנטער סאָליסט פון וואַרשעווער ראַדיאָ) איז נאָכדעם ווי ער האָט אין וואַרשעווער געטאָ איבערגעלעבט אַ ברייטע גאַמע ליידן (אין די ערשטע חדשים פון 1943 אַריבער אויף דער „אַרישער" זייט. אַ פּראָוויזאָריש באַ־העלטעניש האָבן אים פאַרשאַפן דער אַרטיסט אַנדזשעי באָגוצקי און זיין

פרוי די זינגערין יאַנינאַ גאָדלעווסקאַ. דאָס באַהעלטעניש האָט זיך געפו־נען אין אַ מאָלער־אַטעליע, וועלכע איז געשטאַנען אין רשות פון איינעם פון די אָנפירער פון דער מוזיקער־קאָנספּיראַציע, דעם קאָמפּאָזיטאָר יאַן פּערקאָווסקי), זי האָט זיך געפונען אויפן 5טן שטאָק פון אַ הויז אויף נאָ־וואָקאָווסקי גאַס נר. 10. אַזוי ווי די דירה איז צייטווייליק געווען פריי, פלעגן אַהין קומען יעדן טאָג אַלץ נייע קאַנדידאַטן אויף אַ לאָקאַל. דעמאָלט פלעגט שפּילמאַן זיך באַהאַלטן אין אַן אַלקער, ווו ער פלעגט זיך פאַר־שליסן.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט ער זיך איבערגעטראָגן אין אַן אָפּי־צינע פונעם זעלבן הויז, אין דער דירה פון דעם אינזשיניער געמבטשינס־קי. שפּעטער אין אַ קאַוואַליר־שטיבל אויף פולאַווסקע 83. (די שטוב האָט געהערט צום דיריגענט טשעסלאַוו לעוויצקי, וועלכער האָט דאָרט אָבער נישט געוווינט). דער אומלעגאַלער לאָקאַטאָר האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט אָפּהיטן אַן אַבסאָלוטע שטילקייט. גיין אויף די שפּיץ־פינגער א. אַ. וו. ער האָט אָבער דערפאַר געגאַסן פון אַ גוט־איינגעאָרדנטער דירה. אין פאַל ווען עס וואָלטן געקומען אומגעבעטענע געסט („רשימות פון דער באַפּעל־קערונג" א. אַ. וו.) האָט ער זיך געדאַרפט באַהאַלטן אין דעם קלאָזעט.

אין דער דאָזיקער צייט איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין געַ־טאָ. „איידער איך האָב מיך געלייגט שלאָפן — דערציילט שפּילמאַן — האָב איך געקענט זען דורכן פענצטער אין דער צפון־זייט פון וואַרשע דעם שיין פון די שריפות און וואָלקנס רויך, וועלכע האָבן זיך געצויגן אונ־טערן ריינעם און אויסגעשטערנטן הימל".

עסן פלעגט אים ברענגען דער דערמאָנטער לעוויצקי און אַנדערע פריינט, אָבער:

„ס'איז געווען אין אָנהויב פון חודש יוני, לעוויצקי איז פּלוצים אַריינ־געקומען צוועלף אַזייגער בייטאָג. ...ער איז געווען נישט ראַזירט, געהאַט אונטערגעהאַקטע אויגן, אַזוי ווי נאָך אַ וואַך־נאַכט, און אַן איבערגעשראָ־קענער מינע.

— טו זיך אָן! — האָט ער אַ מורמל געטון.

— וואָס איז געשען?

— נעכטן אין אָוונט האָט די געסטאַפּאָ פאַרחתמעט מיין צימער ביים דאָקטער מעלעשעווסקי. אַ ליאַדע רגע קענען זיי דאָ זיין. מיר מוזן תיכּף אַנטלויפן.

אַנטלויפן? אין מיטן העלן טאָג... איך האָב מיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון אַז פאַר מיר האָט דאָס באַדייט זעלבסטמאָרד 1).

דעריבער האָב איך, טראָץ לעוויצקעס פּרווו מיך איבערצוצייגן, באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אויפן אָרט. „זאָל געשען, וואָס עס דאַרף געשען"! לעוויצקי אַנטלויפט סיי ווי סיי, אים וועט שוין די געסטאַפּאָ נישט געפינען. און איך וויל בעסער אומקומען דאָ אויפן אָרט, איידער צו ריזיקירן אַ ווייטערדיקע וואַלגערניש. איך האָב שוין נישט קיין כוח. איך האָב דאָס אַלץ אויפגעקלערט מיין פריינד. מיר האָבן זיך געזעגנט, אַזוי ווי מיר וואָלטן געוווען זיכער, אַז מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל אין לעבן נישט זען און לעוויצקי איז אַוועק.

איך האָב גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב, וועלכע איז ביז איצט געווען פאַר מיר דאָס איינציקע מער וויניקער זיכערע אָרט אויף דער ערד און איז מיט איין מאָל געוואָרן אַ שטייג. איך בין געכאַפּט געוואָרן ווי אַ חיה און עס איז שוין בלויז אַ פראַגע פון צייט ביז מיינע פאַרפאָלגער וועלן קומען און דערפרייטע מיט זייער דערפאָלג מיך דערהרגענען. איך, וועלכער האָב קיינמאָל נישט געדריכערט, האָב במשך דעם דאָזיקן טאָג אין דערוואַרטונג פון טויט, אויסגערויכערט אַ גאַנץ פּעקל פון 100 פּאַפּיראָסן איבערגעלאָזטע דורך לעוויצקין. איך האָב געוווסט, אַז די געסטאַפּאָ קומט געוויינלעך אין אָוונט אָדער פאַרטאָג. איך האָב מיך נישט אויסגעטון און נישט אָנגעצונדן דאָס ליכט, אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער און איינהערנדיק זיך אין יעדן שאָרך, וואָס איז געקומען פון דער גאַס אָדער פון די שטיגן".

אין פאַל אויב די געסטאַפּאָ וואָלט געקומען, האָט ער באַשלאָסן אַראָפּצוואַרפן זיך פון באַלקאָן כדי נישט אַריינצופאַלן אין זייערע הענט לעבעדיקערהייט.

„... און די דייטשן זענען נאָך אַלץ נישט געקומען. מיין אויפרעגונג

1) צוליב זיין אויסגעשפּראָכן „שלעכטן" אויסזען.

איז געוואקסן ביז דער העכסטער מדרגה. עס זענען געווען מינוטן ווען איך האָב געבעטן זיי זאָלן קומען ווי צום שנעלסטן — אויב זיי דאַרפֿן קומען. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך באַשלאָסן צו ענדערן דעם אופֿן פֿון מיין זעלבסטמאָרד. עס איז מיר איינגעפֿאַלן, אַז איך קען מיך אויפֿהענגען, אַנשטאָט צו שפּרינגען פֿון באַלקאָן. דער דאָזיקער טויט האָט זיך מיר — עס איז שווער צו זאָגן פֿאַרוואָס — אויסגעוויזן צו זיין לייכטער און שנעלער. איך האָב אַראָפּגענומען עפּעס אַ בילד, (...) אויסגעפּרוווט דעם כוח פֿונעם האָק... כ'האָב געמאַכט אַ פּעטליע פֿון אַ שטריק און ווייטער געוואַרט. די געסטאַפּאָ איז נישט געקומען. זיי זענען אויך נישט געקומען אין דער פֿרי און אויך נישט במשך עטלעכע ווייטערדיקע טעג".

ערשט פֿרייטיק איז אויף דער גאַס אויסגעבראָכן אַ שיסעריי. שפּילמאַן האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער. אַ טיראַליערע זשאַנדאַרמען האָט זיך גערוקט פֿאַראויס שיסנדיק אָן אויפֿהער צו אַנטלויפֿנדיקע דורכגייער. אַביסל שפּעטער זענען אָנגעקומען לאַסט־אויטאָס מיט ס.ס. די גאַס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן. די געסטאַפּאָוצעס זענען גרופּנוויז אַריינגעגאַנגען אין איין טויער נאָכן אַנדערן. זיי האָבן פֿון יעדן הויז אַרויסגעפֿירט מענער. זיי זענען אויך אַריין אין דעם הויז, וווּ ער האָט זיך געפֿונען.

„איצט איז שוין נישט געווען קיין ספֿק, אַז זיי וועלן געפֿינען מיין באַהעלטעניש. איך האָב צוגערוקט אַ שטול (...) נעענטער צום האָק, צוגעגרייט דעם שטריק, צוגעגאַנגען צו דער טיר און גענומען זיך איינהערן. די דייטשע געשרייען האָבן זיך געלאָזט הערן מיט עטלעכע שטאָק נידעריקער.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער איז שטיל געוואָרן. איך האָב אַרויסגעקוקט דורך פֿענצטער. די גאַס איז געווען ליידיק, די לאַסט־אויטאָס זענען אָפּגעפֿאָרן.

זיי זענען נישט געקומען".

נאָך דעם פּעריאָד פֿון מורא איז געקומען אַ צייט פֿון הונגער. דאָס לעבנסמיטל האָט זיך אויסגעשעפּט. „עס זענען פֿאַרבליבן צוויי אויסוועגן: שטאַרבן פֿון הונגער־טויט, אָדער ריזיקירן אַרויסגיין און קויפֿן אין דעם נאָענטסטן געסל אַ ברייטל. איך האָב אויסגעקליבן דאָס צווייטע. איך האָב מיך גוט אָפּגעראַזירט, זיך אָנגעטון און אַכט אַזייגער פֿרי אַרויסגעגאַנגען

אויף דער גאַס, באַמיִענדיק זיך צו זיין אומגעצווונגען. ס׳איז מיר געלונגען. נישט געקוקט אויף מיין בפירושן „נישט־אַרישן״ אויסזען בין איך אַדורך אומבאַמערקט; כ׳האָב געקויפט אַ ברייטל און צוריקגעקומען אַהיים. דאָס איז געווען דעם 18טן יולי 1943. מיט דעם דאָזיקן ברייטל האָב איך גע־לעבט ביזן 28טן יולי, ד. ה. צען טעג. (אויף מער האָב איך נישט געהאַט קיין געלט)״. שפּעטער איז געקומען אַ געוויסער שאַלאַס. ער איז געשיקט געוואָרן דורך שפּילמאַנס פריינד (וועלכע האָבן דערוויל אַליין נישט גע־קענט קומען). שאַלאַס פלעגט אַריינפּאַלן פון ציִיט צו צייט, טיילמאָל פלעגט ער ברענגען אַביסל עסנוואַרג... „בלויז אַזוי פיל, איך זאָל נישט שטאַרבן און כ׳זאָל האָבן כוח ווייטער מיך צו מאַטערן״.

ווי עס האָט זיך אַ סך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט דער דאָזיקער שאַלאַס געזאַמלט געלט ביי שפּילמאַנס אַלע פריינד כלומרשט אויף איינ־צוקויפן לעבנסמיטלען פאַר אים. די פריינד האָבן אָפט אויך גערן געגעבן, דאָס געלט פלעגט אָבער פאַרפאַלן ווערן אין שאַלאַסעס טאַשן. אַ באַזוך פון אַ באַקאַנטער ביי שפּילמאַנען האָט ענדלעך אויפגעדעקט די אַפּערע. די לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט אָבער נישט אויף לאַנג.

„... דעם 12טן אויגוסט, מיטאָג־צייט... האָט עמעץ גענומען קלאַפּן אין דער טיר... — עפנט תיכף אויף אויב נישט וועלן מיר רופן פּאָליציי!

דאָס קלאַפּן איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. עס איז נישט געווען קיין שום ספק: מיין באַהעלטעניש איז אַנטדעקט געוואָרן דורך די הויז־איינ־ווינער, וועלכע האָבן באַשלאָסן... מיך אויסצוגעבן.

איך האָב מיך שנעל אָנגעטון און כ׳האָב צוזאַמענגעפּאַקט די קאָמ־פּאָזיציעס און די זאַכן אין אַן אַקטן־טאַש. דאָס קלאַפּן האָט אויפגעהערט. די פּרויען... זענען זיכער אַוועק... אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. איך האָב שטילערהייט געעפנט די טיר און כ׳בין אַרויס אויף די שטיגן. דאָ האָב איך אָבער אָנגעטראָפן אויף איינער פון די באַבעס, וועלכע איז — זעט אויס איבערגעלאָזט געוואָרן אויף דער וואַך, איך זאָל נישט אַנטלויפן. זי האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג.

...לעגיטימירט אייך! תיכף זיך לעגיטימירן! — האָט זי גענומען שרייען. דאָ און דאָרט האָבן זיך געעפנט די טירן פון פאַרשידענע דירות, וועמענס איינוווינער זענען אַלאַרמירט געוואָרן דורך די געשרייען.

איך האָב זי אָוועקגעשטופּט און גענומען אַנטלויפן פון די שטיגן; הינטער מיר האָב איך געהערט אירע קולות:

— פאַרמאַכט דאָס טויער! נישט אַרויסלאָזן!

אין טויער האָב איך אויסגעמיטן די הויז־וועכטעריך. זי האָט, גאָט צו דאַנקען נישט פאַרשטאַנען יענערס אָנווייזונגען. איך בין אַרויס אויף דער גאַס.

פון איין טויט בין איך ניצול געוואָרן. איצט האָט אויף מיר געלויערט אַן אנדערער. ס'איז געווען איינס אַזייגער בייטאָג. איך האָב מיך געפונען אויף דער גאַס, אַ נישט ראַזירטער, מיט האָר נישט געשוירענע זינט חדשים, אין אַן אויסגעקנייטשטן נישט גערייניקטן אָנצוג. שוין דאָס אַליין, אָפּגערעדט פון מיינע פּנים־שטריכן, האָט געמוזט ציִען אויף מיר די אויפמערקזאַמקייט. איך בין אַריין אין דער ערשטער באַגעגנטער קווער־גאַס און גענומען שנעל גיין פאַר זיך.

וווּהין?״

גענוג, אַז ער פאַרהאַלט זיך איין טאָג ביי פריינד, צו וועלכע ער האָט סוף כל סוף געטראָפן. עטלעכע ווייטערדיקע טעג ביי אַנדערע. פון דאַנען שטורעמט מען וועגן אַ באַהעלטעניש. לסוף געפינט אים די פרוי העלען לעוויצקאַ אַ שטיבל אויפן פערטן שטאָק אין אַ גרויסן בלאָק אויף אַלעיע ניעפּאָדלעגלאָשטשי. ער האָט זיך אַהין אַריבערגעטראָגן דעם 22טן אויגוסט 1943.

מיר וועלן שוין נישט דערציילן וועגן זיין לעבער־קרענק די מיט איר פאַרבונדענע שמערצן, אָדער וועגן די פאַרשידענע אַלאַרמען.

אין דער דערמאָנטער דירה איז ער פאַרבליבן אַ פול יאָר. די אַלע ביז־איצטיקע דערמאָנטע איבערלעבענישן זענען אָבער — אייגנטלעך — בלויז אַן אָנהויב.

דעם 1טן אויגוסט 1944 ברעכט אויס דער וואַרשעווער אויפשטאַנד. שפּילמאַן פאַרבלייבט אין זיין דירה.

דער קוואַרטאַל ווו ער וווינט פאַרבלייבט אין די הענט פונעם אָקו־פּאַנט. אַרום קומען פאַר מאַסן־מאָרדן, אויסגעפירט דורך די דייטשן און אוקראַאינער.

„דעם 18טן אויגוסט ג. מ. ברעכט אויס אויף די שטיגן אַ פּאַניק... פון די אָפּגעריסענע ווערטער, וועלכע דערגייען צו מיר, פאַרשטיי איך, אַז דאָס הויז איז אַרומגערינגלט דורך די דייטשן און אַז מען מוז עס תיכף פאַרלאָזן, ווייל עס וועט צעשטערט ווערן דורך דער אַרטילעריע. אין ערשטן מאָמענט האָב איך מיר געגומען אָנטון. איך האָב אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז איך טאָר נישט אַרויסגיין און ווייזן זיך פאַר די ס.ס.־מענער אויב איך וויל נישט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

פון דער גאַס... שאָסן און אַ שפּיציק קול וואָס שרייט:

— אַלע תיכף אַרויסגיין! ביטע תיכף פאַרלאָזן די דירות.

איך האָב אַרויסגעקוקט אויף די שטיגן: ס'איז געווען ליידיק און שטיל. כ'האָב אַראָפּגעגאַנגען אַ האַלבן שטאָק. דאָרט איז געווען אַ פענצ־טער וואָס עס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער סענדשיאווסקא גאַס. כ'האָב אַרויסגעקוקט און דערזען אַ טאַנק, וועמענס קאַנאָן איז געווען אָנגע־שטעלט אין דער ריכטונג פון אונדזער הויז. אויף דער הויך ווי איך האָב מיך געפונען. אין אַ מינוט אַרום האָט אַ שפּראַץ געטון מיט פייער, דער האַרמאַט האָט געגעבן אַ שפּרונג־צוריק. איך האָב דערהערט אַ רעש און דערזען פאַלנדיקע ווענט. זעלנער מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל זענען אַרום־געלאָפן מיט בלעכענע פּושקעס אין די הענט... אויף די שטיגן האָבן זיך באַוויזן קנוילן פון אַ שוואַרצן רויך. עטלעכע ס.ס.־מענער זענען אַריין אין הויז און האָבן גענומען לויפן אויף די טרעפּ".

שפּילמאַן האָט ווידער בדעה אַראָפּצושלינגען די פּילן און דאָס אָפּ־יום, אָבער, אין דער לעצטער רגע — לויפט ער צו צום לייטערל, גייט אַרויף אויפן בוידעם, פאַרמאַכט דאָס טירל און שטופּט אַוועק דאָס ליי־טערל. די דייטשן זעצן דערווייל אַרויס די טיר פון זיין דירה; לויפן אַריין און אַרויס.

ווען עס איז געוואָרן פינצטער, האָט זיך שפּילמאַן אַנטשלאָסן אַראָפּ־צוגיין פון בוידעם. „מיין שטוב — דערציילט ער — איז געווען פול מיט רויך און טשאַד, אַ רויטער אָפּשיין פון די שריפות איז געפאַלן דורכן פענצטער. אויף די שטיגן איז דער רויך געווען אַזוי געדיכט, אַז איך האָב גאָרנישט געזען. פון די אונטערשטע שטאָקן האָט זיך געהערט דער רויש פון דעם אַלץ שטאַרקערן פייער, דער קנאַל פון דעם פלאַצנדיקן

האָלץ און פון פאַלנדיקע חפצים. ווען אַראָפּגײן דורך די דאָזיקע שטיגן איז שוין קיין רייד נישט געווען.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער. דאָס הויז איז געווען אַרומגע־רינגלט דורך אַן ס.ס.־קאָרדאָן. קיין ציווילע מענטשן האָט מען נישט געזען. דער גאַנצער בנין איז שוין וואַרשײַנלעך געווען אַרומגענומען דורך די פלאַמען פון אַלע זײַטן און די דײַטשן האָבן געוואַרט זיי זאָלן צוקומען צו די העכערע שטאָקן.

אַזוי, הייסט עס, דאַרף אויסזען מײַן טויט אויף וועלכן כ׳האָב גע־וואַרט טאָג־אײַן, טאָג־אויס זינט 5 יאָר...

... עס איז מיר געוואָרן אַלץ שווערער צו אָטעמען. דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט; עס האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן — די ערשטע צייכנס פון דעם טשאַד.

איך האָב מיך אָוועקגעלייגט אויפן טאָפּטשאַן... כ׳האָב אַרויסגענומען די פילן, אַרײַנגעלייגט זיי אין מויל אַרײַן און אַראָפּגעשלונגען. איך האָב נאָך אויסגעטרונקען דאָס אָפּיום כדי צו זײַן זיכער. כ׳האָב אָבער נישט באַוויזן. די פילן האָבן בלויז שנעל געווירקט אויף מײַן ליידיקן מאָגן. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן״.

ער איז אָבער — אויך דאָס מאָל — נישט געשטאָרבן. די פילן זענען — זעט אויס — נישט געווען גענוג שטאַרק. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט 7 אַזייגער פרי. עס האָט אים געאיבלט. אין קאָפּ האָט גערוישט. די שליפן האָבן ווייטיקלעך פולסירט. די אויגן האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון די אויגן־לעכער. די הענט און די פיס זענען געווען האַלב־געליימט״...

ער האָט זיך געשאַרט צו דער טיר. „ווען איך האָב אָנגעכאַפּט די קליאַמקע איז זי געווען אַזוי צעהיצט, אַז איך האָב אָוועקגעכאַפּט די האַנט און ערשט צום צווייטן מאָל איז מיר געלונגען צו עפענען די טיר. אויף די שטיגן איז געווען ווייניקער רויך, ווי ביי מיר אין שטוב. ער איז אַרויס דורך די גרויסע אויסגעברענטע פענצטער. מען האָט שוין געזען די טרעפּ און מען האָט געקענט אויף זיי אַראָפּגיין״.

„... דער דריטער שטאָק איז געווען פאַרברענט. דאָרט האָט זיך טאַקע פאַרהאַלטן די שריפה. די טירן האָבן נאָך געטליעט. די לופט אין די דירות האָט געציטערט פון היץ...

אויפן ערשטן שטאָק איז געלעגן אַ נאַקעטער גוף פון אַ מענטש, די בגדים זענען פאַרברענט געוואָרן אויף אים, דער מת איז געווען ברוין און שרעקלעך געשוואָלן".

קוים אַ לעבעדיקער און נישט האָבנדיק קיין כוח אויסצומיידן דעם טויטן, האָט שפילמאַן זיך פאַרטשעפּעט אין דעם קערפּער און צוזאַמען מיט אים זיך אַראָפּגעקאַטשעט אַ האַלבן שטאָק. סוף כל סוף האָט ער זיך צוגעשאַרט ביז צום הויף און באַהאַלטן זיך אין אַ פאַרטיפונג פון אַ מויער. טראָץ דעם וואָס עס האָט געדראָט די מויער זאָל איינפאַלן, איז ער פאַרבליבן ביז עס איז געוואָרן פינצטער. שפּעטער האָט ער זיך אויפן בויך אַרויסגעשאַרט אויף דער גאַס אַלעיע ניעפּאָדלעגלאָשטשי און גע־רוקט זיך פאָראויס צווישן די מתים, וואָס זענען געלעגן אין מיטן וועג. ווען די דייטשן פלעגן זיך דערנענטערן, פלעגט ער פאַרהאַלטן דעם אָטעם און בלייבן ליגן אומבאַוועגלעך ווי אַ טויטער. ער איז אויף אַזאַ אופן צוגעקומען צו אַ נישט־פאַרענדיקטן שפּיטאָל־בנין און איז אַנטשלאָפן געוואָרן אויף די שטיגן.

15טער אויגוסט. דער שרעקלעכער הונגער צווינגט שפילמאַנען צו זוכן אין הויז עפּעס צו עסן. אויף דער גאַס נעמען די וולאַסאָוועצעס 1) צו־זאַמען די מתים. לייגן זיי צוזאַמען אין הויפנס, באַגיסן מיט בענזין און צינדן זיי אונטער. אויך אין דעם בנין שלעפּן זיך אַרום דייטשן. שפילמאַן מוז זיך פאַר זיי שטאַרק היטן.

5 טעג נאָך דעם ווי ער האָט דאָס לעצטע מאָל געגעסן האָט שפּיל־מאַן געגנומען זוכן. שטינקנדיק וואַסער האָט ער געפונען אין די פעסער וואָס האָבן געדאַרפט נוצן אין פאַל פון אַ שריפה. אין אַ סטאָלערײַ האָט ער אָנגעטראָפן אויף פאַרשימלטע, שמוציקע און באַדעקטע מיט אומ־ריינקייטן פון מייז — ברויט־רייפטלעך.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער אין איינער פון די סעפּאַראַט־קעס געפונען אַביסל גערשטן. דעם 30טן אויגוסט איז ער צוריקגעגאַנגען אין די חורבות פון דעם פאַרברענטן הויז. ער האָט זיך דורכגעשאַרט ביינאַכט, מיטנעמענדיק אַ קריגל מיט וואַסער.

---

1) אוקראַינער אין דייטשער דינסט.

אין די קעלערן האָט נאָך געטליעט דער קאָקס און קוילן. ער האָט זיך דערריבער פאַרהאַלטן אויפן דריטן שטאָק און אין אַ וואַננע איז געווען וואַסער; שמוציקע — אָבער וואַסער. אין אַ שענקל איז ניצול געוואָרן אַ זעקעלע מיט סוכאַרעס.

אין אַ געוויסן טאָג איז די גאַנצע ,,אַלעיע ניעפּאָדלעגלאָשטשי״ אַרומגעצוימט געוואָרן מיט מיליטער. אינמיטן גאַס האָט מען געטריבן מענטשן מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, פרויען מיט קינדער אויף די הענט. די ס.ס. האָבן אַרויסגעצויגן פון די רייען וואָס אַ מאָל אַנדערע מע־נער און זיי דערשאָסן אין אַלעמענס אויגן אָן אַ שום סיבה. פּונקט אַזוי ווי זיי פּלעגן דאָס טון אין געטאָ, ווען עס האָט נאָך עקזיסטירט...״

דעם 18טן סעפּטעמבער זענען געקומען עסקאַדרעס אַעראָפּלאַנען. מען האָט באָמבאַרדירט פון דער לופט... עס האָט זיך פאַרשטאַרקט דאָס אַרטי־לעריע־פייער.

,,... דעם 5טן אָקטאָבער האָבן גענומען אַרויסמאַרשירן פון שטאָט די ערשטע אָפּטיילונגען פון די אויפשטענדלער, אַרומגערינגלטע מיט דייטשן. זיי האָבן טיילוויז געטראָגן מונדירן און טיילוויז בלויז רויט־ווייסע אָרעם־בענדער... (די דייטשן) אויסגעצייכנט געקליידעטע, זאַטע און חוצפּהדיקע האָבן געלאַכט און געחוזקט פון דעם נישט־געלונגענעם אויפשטאַנד און פאָטאָגראַפירט זייערע פרישע אַסורים. די אויפשטענדלער זענען געגאַנגען שמוציקע, אָפּגעריסענע, אויסגעמאַטערטע. זיי האָבן די דייטשן נישט געשאָנקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט פּונקט אַזוי ווי זיי וואָלטן איבערהויפּט נישט עקזיסטירט... טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן, אין פאַרגלייך מיט זייערע באַזיגער, אַזוי נעבעכדיק אויסגעזען, האָט מען גע־פילט, אַז די מפּלה איז נישט אויף זייער זייט...

דאָס אַרויספירן די רעשטלעך פון דער ציווילער באַפעלקערונג האָט געדויערט נאָך 8 טעג... דעם 14טן אָקטאָבער זענען אַרויסגעגאַנגען די לעצטע.

אויב מען זאָל נישט רעכענען די דייטשן, איז שפּילמאַן פאַרבליבן כמעט אַליין אויף די חורבות פון דער באַזיגטער הויפּט־שטאָט. (איך שרייב ,,כמעט״, ווייל — ווי מיר ווייסן שוין איצט — האָבן זיך אין דער זעלבער לאַגע געפונען נאָך אַנדערע ייִדן. עס האָט זיך, נאָכאַמאָל, איבער־

געחזרט די עפּאָפּיי פון די לעבנגעבליבענע געטאָ־איינוווינער, פון די א. ג. („גרויזאָווצעס״).

עס קומט אַ נייע סעריע אינצידענטן; אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ דייטשן זעלנער, דאָס אַנטלויפן, דאָס ווייטערדיקע אויסבאַהאַלטן זיך אין די חורבות, ביז עס האָט אים אַ געוויסן טאָג געפונען נישט קיין אַנדערער ווי אַ דייטשער אָפיציר. שפּילמאַן — אַ נישט ראַזירטער, נישט געשוירענער און נישט געוואַשענער — האָט אויסגעזען ווי אַ הייל־מענטש. ווען ער האָט דערקלערט דעם דייטש, אַז ער איז אַ פּיאַניסט, האָט אים דער לעצטער צוגעפירט צו אַ פּיאַנע: דער נאַקטורן „צע־מאָל״ פון שאָפּען האָט זיך געטראָגן איבער די טראַגישע חורבות פון דער הויפּט־שטאָט.

פון דעמאָלט אָן האָט אים דער אָפיציר געברענגט עסן, צוגעגעבן מוט, געברענגט ידיעות און געגעבן אָנווייזונגען. (עס ווייזט זיך אויס, אַז עס זענען געווען אויך אַזעלכע. אמת — עקזאָטישע עקזעמפּלאַרן). עס איז געקומען די העלפט דעצעמבער מיט שטאַרקע פרעסט...

דעם 14טן יאַנואַר פאַרטאָג איז שפּילמאַן אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ שטאַרקער באַוועגונג אויף דער גאַס. אויטאָס זענען געקומען און אַוועקגעפאָרן. דעם 15טן יאַנואַר האָט זיך אויפגעוועקט דער, ביז דעמאָלט שווייגנדיקער פראָנט אויף דער ווייסל.

אויף צומאָרגנס זענען צוזאַמען מיט דער סאָוועטישער אַרמיי, אַריין אין שטאָט די ערשטע פּוילישע אָפּטיילונגען 1).

**
*

די עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג פון דער הויפּט־שטאָט (וואָס איז פאַראָרדנט געוואָרן דורך די דייטשן נאָך דער קאַפּיטולאַציע פונעם אויפשטאַנד) האָט געשאַפן אַ ספּעציפישע סיטואַציע נישט בלויז פאַר די ייִדן, אויסבאַהאַלטענע אין די פאַרשידענע „מעלינעס״, נאָר אויך פאַר די ייִדן־קעמפער. צווישן זיי אויך פאַר די לעבנגעבליבענע קעמפער פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, וועלכע האָבן איצט (מער ווי אַנדערהאַלבן יאָר נאָך

1) (זכרונות פון ווּלאַדיסלאַוו שפּילמאַן, פאַרשריבן און באַארבעט דורך יעזשי וואַלדאָרף) וויעדזא, וואַרשע 1946.

די געטאָ־קאַמפן) זיך ווידער אַקטיוו באַטייליקט אין די אויגוסט־קאַמפן פון דער הויפּט־שטאָט. אַ טייל פון זיי האָט שוין לאַנגע חדשים געלעבט „אויף פּאַפּירן״, אַ צווייטער טייל אין באַהעלטענישן. די אויגוסט־קאַמפן האָבן זיי געוואָרפן אין פאַרשידענע קוואַרטאַלן פון דער שטאָט, די קאַפּיטולאַציע האָט זיי געשטעלט נישט בלויז פאַר דער פּערספּעקטיוו פון געפאַנגענשאַפט (ווי אויפשטענדלער, נישט ייִדן) אָבער אויך פאַר דער מעגלעכקייט פון דעקאָנספּיראַציע מיט אַלע פאָלגן פון דער דאָזיקער מעגלעכקייט. זיי האָבן דעריבער, אַ חוץ אַלע זאָרגן פון אַן אויפשטענדלער, געהאַט אויך זייערע אייגענע, ספּעציפיש־ייִדישע זאָרג: ווי אַזוי מיידט מען אויס די דייטשע געפאַנגענשאַפט. ווען אַפילו אַזאַ פּרוּוו זאָל זיין ביז גאָר ריזיקאַליש?

וועגן איינעם פון די דאָזיקע הייפלעך 1) וועט מען נאָך רעדן באַזונדער 2). עס איז זיי, ווי מיר וועלן זען — געלונגען אויסצומיידן די פאַרפאָלגונגען און אַנצוקומען קיין סוכעדנילע. אַן געלט און אָן „פּאַפּירן״. פון דאָרט האָבן זיי אַרויסגעשיקט פאַרבינדלער צו מיר, אין דער מיעכאַווער געגנט. איך האָב גורם געווען דאָס אַרויסשיקן הילף פון קראָקע: ס׳איז צו זיי אָוועקגעפאָרן אונדזער „מאַרישקע״ (האַכבערג־מאַריאַנסקאַ) מיט אַ פאַבריקל פון פאַלשע „פּאַפּירן״. שפּעטער האָט מען די גרופּע צעוואָרפן און קאָנטאַקטירט זי מיט דער קאָנספּיראַטיווער דעלעגאַטור פון דער פּוילישער רעגירונג, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען טעטיק אין גראָדזיסק. דאָרט האָט שוין געוואַרט אַ ידיעה אַז אַן אַנדערע גרופּע איז פאַרבליבן אויפן געביט פון עוואַקויִרטן וואַרשע און, אַז מען דאַרף פאַר יעדן פּרייז אַרויסשיקן נאָך זיי אַ „רעטונג־עקספּעדיציע״. איידער די דאָזיקע עקספּעדיציע איז אָרגאַניזירט געוואָרן, האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס לייִדיקע וואַרשע אויף אַן אַנדערן אופן.

אַזוי פיל וועט זיין דערמאָנט אינעם קאַפּיטל, וואָס אַנטהאַלט בלויז די פראַגמענטן פון געשעענישן, מיט וועלכע איך האָב דעמאָלט געהאַט אַ דירעקטן שייכות. די צווייטע גרופּע, וועגן וועלכער ס׳ווערט דאָרט קוים

1) ראַטהויזער, יוסף זאַק, סטעפאַן גראַיעק, אירענע געלבלום, די נישט־ייִדישע מאַריאַ סאַוויצקאַ א. א.

2) אין די לעצטע קאַפּיטלען פון 3טן טייל פון בוך (וואָס נעמט אַרום מיינע פּערזענלעכע זכרונות).

דערמאָנט, האָט אָבער דורכגעמאַכט גאָר סענסאַציאָנעלע געשעענישן. מיר װעלן זיך אויף זיי לענגער אָפּשטעלן און דאָס צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, זענען זיי פאַרבונדן מיט דער סיטואַציע, וועגן וועלכער מיר רעדן; צווייטנס, ווייל אויך דאָ האַנדלט זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס וועגן דעם לעבן אין אַ בונקער, אין אַ „מעלינע“. דאָס וועט זיין אַ משל פון צוריק־גיין אין בונקער נאָך אַ לענגערן צייט־אָפּשניט פון לעבן „אויף פּאַפּירן“. וועגן דעם גורל פון דעם הייפל, דערציילט איינע פון די ניצול געוואָרענע ט. באַזשיקאָווסקי 1). בעת דעם אויפשטאַנד האָבן זיי אָנטיילגענומען אין די רייען וואָס האָבן געקעמפט אויף זשאָליבאָזש. דעם 29טן סעפּטעמבער 1944 האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער אַקט פונעם דאָזיקן אָפּשניט און גלייכצייטיק פון גאַנצן אויפשטאַנד. דעם 30טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען די קאַפּיטולאַציע; אויפן אָפּשניט זענען געקומען דייטשע פאַרלאַמענטאַריער מיט צוויי אָפיצירן פון א. ק.

נאָך דעם וויזיט — אַן אַלגעמיינע צעטומלונג, אַ כאַאָס. אַ סך זעלנער זענען אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה, אַ סך וואַרפן אַראָפּ די מיליטערישע אוניפאָרמען כדי אָנצוטון ציווילע מלבושים און פּרוּוון אַנטלויפן. די דייטשע געפאַנגענשאַפט איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר יעדן אויפשטענדלער, דעריבער האָבן פאַרשידענע גרופּן געפּלאַנט אין דער פינצטערניש און אויסנוצנדיק די אַלגעמיינע צעמישונג אַדורכצורייסן זיך ביזן ברעג פון דער ווייסל, און פון דאָרט אויף פּראַגע (וועלכע האָט זיך — ווי באַוווסט — דעמאָלט געפונען אין די הענט פון דער סאָוועטישער אַרמיי). אַזאַ פּרווו האָט אונטערגענומען די גרופּע פון קאַפּיטאַן שאַניאַווסקי; אויפן וועג האָבן די דייטשן זיי אָבער באַמערקט און דערשאָסן 2).

אין די אָפּטיילונגען פון זשאָליבאָזש איז געווען — ווי געזאָגט — אַ ריי זעלנער־יידן צ. אַ. געוועזענע געטאָ־קעמפער. אין דער גרופּע, וועגן וועלכער עס האַנדלט זיך דאָ זענען געווען: יצחק צוקערמאַן, מאַרעק

1) אין דעם בוך „צווישן פאַלנדיקע ווענט“, פאַרלאַג „החלוץ“, וואַרשע 1949.
2) די רוסן האָבן שוין פריער געהאַט מודיע געווען דעם שטאַב פון א. ל. (פאָלקס־ארמיי) אַז זיי וועלן פאַרלייכטערן דאָס אַדורכרייסן זיך אָנהויבנדיק אַ שטאַרקע קאַנאָנאַדע, וועלכע וועט טיילווייז באַשיצן די אַנטלויפנדיקע און טיילווייז אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון די דייטשן. די שיסעריי איז טאַקע געעפנט געוואָרן, אָבער שוין... נאָך אַלעמען.

עדעלמאַן, טוביה באַזשיקאָווסקי, זיגמונט וואַרמאַן, יוסף זיסמאַן, ווי אויך איניקע פרויען: צביה לובעטקין, לאָדזשע, יאַשע, אַנדזשע, סטאַשע און זאָשע. אין דער אַלגעמיינער אומבאַהאָלפנקייט — וועלכע איז אַנטשטאַ־נען נאָך דער קאַפּיטולאַציע — איז געפאַלן מצד דער פרוי יאַשע אַ פאָר־שלאַג, מען זאָל זיך דורכגנבענען ביז דער דירה ווו זי האָט געוווינט ביזן אויפשטאַנד און וואָס האָט זיך געפונען אין שכינות. דער פּאָליאַק, ביי וועלכן זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן האָט שוין פאַרלאָזט די שטאָט צוזאַמען מיט דער גאַנצער ציווילער באַפעלקערונג פון זשאָליבאָזש. אין דעם הייזל איז פאַרבליבן בלויז די אַכציק־יעריקע, פּאַראַליזירטע מוטער פונעם באַלע־באָס (וועלכע מען האָט איבערגעלאָזט, ווייל זי האָט נישט געקענט שטעלן קיין טריט, ווי אויך דריי אַלטע ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן מיט פרוי יאַשאַ).

אַזוי האָבן זיי זיך „אַריינגעצויגן" אין אַ קעלער פון דעם קליינעם הייזל אויף פּראָמיקאַ גאַס 41 (די לעצטע גאַס פאַר דער ווייסל). אַ חוץ די שוין פריער אויסגערעכנטע, איז צוגעקומען נאָך אַ פרעמדער מאַן — עדעק. ער האָט פשוט דערקלערט: „איר ווילט לעבן, איך אויך!"

שפּעטער: שטיל איז אויף זשאָליבאָזש. עס זענען אַנטשוויגן די קאַ־נאָנען און ס'איז איינגעשטילט געוואָרן די שיסעריי. ...(עס) זענען פאַר־שוווּנדן די אויפשטענדלער און אַ טויט־שטילקייט האָט איינגעהילט דעם אַרום. אַ שטילקייט וואָס שרעקט".

די דריי ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן (אַ חוץ דער פּאַראַליזירטער אַלטיטשקער) געוווינט אינעם הייזל זענען געווען: פרוי רענאַ, פרוי צע־לינאַ גאָלדמאַן און פרוי סאַבינאַ. די לעצטע איז געווען די „מאַמע", ד. ה. זי האָט זיך פאַרנומען מיט די דריי איבעריקע.

„די פרוי סאַבינאַ — אַ זייער קלוגע, אַ רירעוודיקע, זי האָט זיך נישט געשראָקן פאַר קיין געפאַר און איז געגאַנגען „דעם טייוול אין די אויגן אַריין" — הגם שוין אויך אַן אַלטע, פון בערך זיבעציק יאָר — ווייט פון ייִדישקייט, אַ גוטהאַרציקע צו אַלע מענטשן".

די אַנוועזנהייט פון די ניי־געקומענע האָט פאַרגרעסערט די געפאַר. אָן זיי, וואָלטן די פרויען — ווען זיי וואָלטן אַפילו אַנטדעקט געוואָרן דורך די דייטשן — געקענט זיך אַרויסדרייען: קיינעם וואָלט נישט איינ־

געפֿאַלן, אַז זיי זענען ייִדישע, קיינער וואָלט זיי אויך נישט חושד געווען אין אַ פּאָליטישער טעטיקייט.

אין קעלער איז געווען אַ באַהעלטעניש, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פֿון דער רעשט קעלער מיט אַ פּרימיטיוו ווענטל, צו וועלכער עס זענען געווען צוגעקלאַפּט אומגעשיקטע פּאָליצעס. דאָרט האָבן זיך באַהאַלטן די קעמפּער. עס איז געווען ווייניק אָרט. יוזיעק און עדעק זענען אַרויפֿגע־קראָכן אויפֿן אויוון, צוקערמאַן אויף אַ פּאָליצע און די איבעריקע זענען געלעגן אויף דער ערד — איינער נעבן אַנדערן".

„אַז איינער האָט געדאַרפֿט זיך איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט, האָבן די אַנדערע געמוזט זיך אויפֿהויבן. וועגן אויסציען אַ פֿוס איז בכלל נישט געווען קיין רייד. אַלע זענען געלעגן צוזאַמענגעקנוילט, פֿאַר־פּלאָנטערטע הענט און פֿיס, נישט ווי פּופּצן באַזונדערע גופֿים, נאָר ווי איין שטיק".

זיי האָבן זיך באַמיט אָפּצוהיטן אַן אַבסאָלוטע שטילקייט, ווייל אין דער בית־עולם שטילקייט פֿון זשאָליבאָזש האָט יעדער גערויש געקענט פֿאַראַטן:

„ווען אַ הוסט האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון ברוסט, האָט זיך מאָמענ־טאַל דער קאָפּ אין קישן פֿאַרגראָבן. די סודותפֿולקייט האָט אַרומגעשוועבט צווישן אונדז און מיר אַליין האָבן בײַ זיך אויסגעזען ווי נישט רעאַלע מענטשן, ווי פֿאַנטאַסטישע און נישט קיין עקזיסטירנדיקע".

בײַנאַכט: „איך ווייס נישט, צי כ'בין פּונקט ווי אַנדערע געשלאָפֿן און געחלומט, אָדער געווען וואַך און געטראַכט. דאָס איז נישט געווען קיין שלאָף און ס'איז נישט געווען קיין וואַך־זיין". ... ... „נאָך אַ נאַכט פֿול מיט בייזע מחשבות, האָבן מיר אינדערפֿרי דערהערט דעם גוט־באַקאַנטן רוף: אַלע ראַוס, אַלע ראַוס; אין קעלער — אַ טויט־שטילקייט — קיינער רירט זיך נישט פֿון אָרט. די אַלטע לייט, וועלכע זענען געווען אין ערשטן צימער, זענען אויך פֿאַרגליווערט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכקייט. די רופֿן האָבן אָבער נישט אויפֿגעהערט. סאָבינאַ, נישט וועלנדיק וואַרטן ביז די דײַטשן וועלן אַראָפּנידערן אין קעלער אַרײַן, איז אַליין אַרויפֿגעגאַנגען; מיר האָבן גענוי נישט געהערט אין וואָס עס גייט. איין פֿראַזע פֿון סאָבי־

נען האָבן מיר געהערט: „פיר אַלטע קראַנקע פראַוען, וויר האַבן ערלאַו־בניס היר צו בלייבן".

זיי זענען אַוועק.

מען האָט געמוזט אַ טראַכט געבן וועגן „שאַפּן" עסן. זיי פלעגן דע־ריבער בײנאַכט אַרומוויקלען די פיס מיט שמאַטעס. צוויי זענען געשטאַ־נען אויף דער וואַך. אַנדערע האָבן דורך לעכער אויסגעהאַקטע אין די ווענט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער פינצטערניש, זוכן אין די קעלערן פון אַנדערע הייזער. די „עקספּעדיציעס" פלעגן צוריקברענגען רעשטלעך פון עסנוואַרג איבערגעלאָזטע דורך די געוועזענע איינוווינער. צום ערגסטן איז געווען מיט וואַסער. אויב זיי פלעגן אַפילו געפינען וואַסער, איז עס תמיד געווען שמוציק און פול מיט אָפּפאַלן. בקרוב האָט אָבער אויך אַזאַ וואַסער אויסגעפעלט.

די לייז און דער שמוץ האָבן געפרעסן די קערפּערס... עס איז אַוועק אַ וואָך...

„מיר זענען אַזוי פאַרזונקען געווען אין דער אויסבאַהאַלטנקייט, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז עס בינדט אונדז שוין גאָרנישט מער מיט דער אויבערפלאַך פון דער ערד. מיר האָבן פאַרלוירן די גרענעץ צווישן טאָג און נאַכט און דאָס גאַנצע „לעבן" איז געפלאָסן אויף די געלעגערס אין שטענדיקער פינצטערניש. ... ... בלויז זיגמונט האָט גוט פאַרגעדענקט די צייט־רעכענונג און ער איז געווען צווישן אונדז דער לעבעדיקער „קאַלענ־דאַר". יעדן אינדערפרי, ווען עס האָט זיך דורך דעם זייטיקן קליינעם לעכעלע פון דעם מיט ערד־פאַרשאָטענעם פענצטער אַריינגעריסן אַ דינער שיין פון טאָג, ... האָט זיגמונט ... מיט זיין קאַזיאָנעם נוסח און מיט אַ טאָן פון אַ ראַדיאָ־ספּיקער (נאַטירלעך מיט אַ שעפּטשענדיקן קול) ... גע־מאָלדן: היינט האָבן מיר דעם און דעם טאָג, די און די דאַטע".

אַלץ אָפטערע באַזוכן פון די דייטשן. הויפּטזעכלעך פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלעפּט אין די פאַרלאָזטע הייזער זוכנדיק ווערט־פולע זאַכן אויף מתנות פאַר דער „היימאַט". „מען פלעגט אויך הערן זייערע שטיוול אויף די טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צו אונדז אין קעלער אַריין. מיט יעדער טרעפּ וואָס זיי פלעגן קומען נידעריקער, האָט מען זיך אַלץ מער געהיט, אַז זיי זאָלן קיין מענטשלעכן אָטעם נישט דערהערן

און די אויגן זייַנען אין יענע מינוטן געווען געווענדעט צו דעם ווינקל, ווו עס זענען געלעגן עטלעכע רעוואָלווערן און גראַנאַטן, וועלכע זענען באַשטימט געוואָרן פאַר אונדזער לעצטער פאַרטיידיקונג".

די אַלטע פרויען אין דער ערשטער העלפט פונעם קעלער האָבן געגעבן אַ געוויסע זיכערקייט. זעענדיק זיי, פלעגן די דייטשע זעלנער פרעגן צי עס זענען נישט פאַראַן קיין באַנדיטן און אַוועקגיין.

אַלץ איז אין דעם דאָזיקן קלימאַט געווען געפערלעך! מען האָט געמוזט אומברענגען דעם הונט און די קאַץ, וועלכע האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט אין קעלער, און וועלכע עס איז באַזונדער געפעלן געוואָרן דאָס ווענטל פונעם באַהעלטעניש... „זיי האָבן געמוזט אַוועקגיין פון דער וועלט, ווייל זיי האָבן נישט ווילנדיק באַדראָט דאָס לעבן פון אַנדערע, אפשר נישט ווייניקער אָרעמע באַשעפענישן פון זיי".

... „די פראָנט־אָפּקלאַנגען... האָבן באַוויזן, אַז ווען עס זאָל אַפילו קומען די געגאַרטע מינוט פון דעם סאָוועטישן אָנגריף, וועלן מיר צע־ריסן ווערן צווישן די קעמפנדיקע צדדים".

מען האָט דעריבער ווייטער געבויט פּלענער ווי אַזוי זיך אַרויסצו־באַקומען; אַרויסגעשיקט צוויי מענטשן, וועלכע זענען צוריקגעקומען מיט אַ מעלדונג, אַז מען קען נישט. טראָץ דעם האָט די ענגשאַפט, די שמור־ציקייט און די האָפענונגסלאָזיקייט כסדר געצווונגען צו זוכן אַ נייעם אופן.

איינמאָל האָט זיך עדעק דערמאָנט: „נישט ווייט פון דאַנען, דאָרט, ווו איך האָב געוווינט, אויף גיעניעוויעצקאַ גאַס, איז פאַראַן אַ באַהעל־טעניש. אפשר וועט זיך דאָרט קענען אַ טייל פון אונדז אויסבאַהאַלטן, כדי צו מאַכן דאָ עטוואָס לויזער".

ביינאַכט זענען עדעק מיט מאַרעקן אַוועק אויסשפּירן. אויף צומאָרגנס איז מאַרעק צוריקגעקומען: דאָרט איז געווען פּלאַץ בלויז פאַר פינף מענטשן; עדעק איז שוין פאַרבליבן. „נאָך אין דער זעלביקער נאַכט, זע־נען דאָרט אַהין אַרויסגעגאַנגען: וויטעק, יוזשעק, אַנדזשע, סטאַשע, מיט וועלכע מען האָט זיך געשיידט מיט אַ שווער האַרץ" 1).

1) „נאָך זייער אַרויסגיין", האָבן מיר פאַרלוירן יעדן קאָנטאַקט מיט זיי ווענן זייערע שווערע איבערלעבענישן און אַז זיי זענען לעבן געבליבן, האָבן מיר זיך דערוווּסט האַרט פאַר דער באַפרייונג (ט. באָזשיקאָווסקי).

עס זענען אַוועק ווייטערדיקע וואָכן. כדי אויסצופילן די צייט און פּסיכיש זיך אונטערהאַלטן, האָט יעדן טאָג אַן אַנדערער פון די אַנוועזנ־דיקע געהאַלטן אַ רעפעראַט (מורמלענדיק). „יאַשע, וועלכע איז אַ באַק־טעריאָלאָג, ... האָט גערעדט וועגן דער ראָל פון באַקטעריעס אין לעבן פון מענטש. ... זיגמונט, וועלכער איז אַ יוריסט, האָט גערעדט וועגן זיין ספּעציאַליטעט. צביה, יצחק, יורעק און איך האָבן גערעדט אויף געזעל־שאַפטלעכע, פּאָליטישע און וויסנשאַפטלעכע טעמעס״. (שטאַרק פּיקאַנט זענען די רעפעראַטן וועגן באַקטעריעס און רעכט... אַ צוגעפּאַסטע טעמע אויף אַ פּאַסיק אָרט און אין אַ פּאַסיקן מאָמענט! באַמ. פון מ. ב.). יעדער רעפעראַט פלעגט אַרויסרופן פראַגן און דיסקוסיעס וואָס פלעגט זיך פאַרציען לאַנגע שעהן.

שפּעטער האָט זיך אָבער אויך אויסגעשעפּט דאָס שמוציקע וואַסער. זיי האָבן גענומען גראָבן אַ ברונעם. די אָנשטרענגונגען האָבן נישט גע־געבן קיין שום רעזולטאַטן. די רעפעראַטן האָבן אויפגעהערט. עס האָט באַהערשט אַן אַפּאַטיע.

סוף כול סוף איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יעדן טאָג זאָלן צווי פרויען גיין נאָך וואַסער. שפּעטער איז איינע פון זיי תמיד געווען סאַבינע. זיי האָבן געשפּילט די ראָלע פון אַ באָבע און אַן אייניקל. איינמאָל האָבן זיי באַגעגנט דייטשן, אָבער... נאָך אַ געשפּרעך האָבן זיי די זעלנער צוגעפירט צו אַ ברונעם און געהאָלפן אַפילו טראָגן די עמערס. דאָס האָט זיך איבער־געחזרט עטלעכע טעג. די פרויען האָבן געפרעגט די זעלנער צי זיי וואָלטן נישט געקענט איינקויפן אַ ביסל עסנוואַרג. די דייטשן האָבן מסכים געווען. זיי האָבן גענומען געלט און ווירקלעך געבראַכט עסנוואַרג. ליידער האָט מען זיי באַלד איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָפּשניט.

דערווייל פלעגן אין קעלער אַריינקומען וואָס אַ מאָל אַנדערע דייטשן. עטלעכע מאָל האָט געהאָלפן דער אויסרייד מיט די „פיר אַלטע פרויען״. שפּעטער איז געקומען אַן ס.ס.־פּאַטרול. זיי האָבן געדראָט מיט דערשיסן און ענדלעך — טוענדיק אַ טובה — געצוווּנגען די פיר פרויען און לאַדזשע צו פאַרלאָזן די שטאָט.

די גרופּע איז פאַרבליבן אַליין.

דערווייל איז אַרום דעם הייזל געוואָרן פול מיט דייטשן. פּונקט דאָרט האָבן זיי געבויט באַפעסטיקונגען.

מאַרישע און זאָשע זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן מיטן אויפטראַג צו פּרוּוון זיך דורכרייסן. אויב דאָס וואָלט געלונגען, האָבן זיי געדאַרפט אַ טראַכט טון וועגן הילף פאַר די פאַרבליבענע אין דער „מעלינע״. ענדלעך, ווען עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טויט איז שוין אומפאַרמיידלעך, איז געקומען די הילף. געשען איז דאָס אַזוי:

ליאַדזשע, וועלכע איז עוואַקויִרט געוואָרן צוזאַמען מיט די פיר אַלטע פרוִיען איז אָנגעקומען קיין גראָדיסק. דאָרט האָט זי צופעליק געטראָפן אינקע שוואַגיער 1). דערוויסנדיק זיך וועגן דער לאַגע פון דער גרופּע האָט זיך אינקע פאַרשטענדיקט מיט אַלאַ מאַרגוליס 2) זיי האָבן זיך ביידע געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ טוער פון פּוילישן אונטערערד, וועלכע האָט זיי אָפּגעשיקט צום דאָקטער שוויטאַל (הויפּט־דאָקטער פונעם שפּיטאָל אין ברענערווו ביי וואַרשע). נישט קענענדיק אים גענוג, האָבן זיי אים דערציילט, אַז אינעם בונקער געפינט זיך אַ גרופּע אויפשטענדלער און צווישן זיי זעקס פון א. ק., פיר פון א. ל. צווישן וועלכע צוויי יידן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דר. שוויטאַל, אַן ערלעכער מענטש און אַן אויפריכטיקער פּאַטריאָט, האָט זיך נישט אינטערעסירט נישט מיט דער ראַסע און נישט מיט דער אָנגעהעריקייט פון די באַדראָטע מענטשן. ער האָט אַלץ געטון כדי צו ראַטעווען די מענטשן. ער האָט אָרגאַניזירט אַ סאַניטאַרן־גרופּע (צווישן וועלכער עס האָט זיך אויך געפונען אַלאַ מאַרגוליס), געגעבן זיי אַ פּאַסיר־שיין פון רויטן קרייץ. די דייטשן האָבן די באַשטעטיקונג אָנערקענט און דורכגעלאָזט די גרופּע (מיט צוויי טראָגבעטלעך) קיין וואַרשע.

ווי אַזוי אָבער פירט מען אַרויס די גאַנצע גרופּע?

מאַרעקן און זיגמונטן (וועלכע האָבן געהאַט אַ שלעכטן אויסזען) האָט מען אַוועקגעלייגט אויף די טראָג־בעטלעך און צוגעדעקט מיט דעקן. יעדן בעטל האָבן געטראָגן פיר אַנדערע. אַ דאַנק דעם, האָבן אַכט אַנדערע געקענט אַנגיין פאַר סאַניטאַרן. צביה און יאשיע זענען געגאַנגען פאָראויס,

1) היינט אין ניו יאָרק.
2) פאַרבינדלערינס פון דער ייד. קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

דער וועג איז געווען אַ שווערער. די „קראַנקע" זענען געווען שווער און די „סאַניטאַרן" אויסגעמאַטערט דורך לאַנגע וואָכן לעבן אין דער „מעלינע". די דייטשן, וועלכע זיי האָבן פון צייט צו צייט געטראָפן, האָבן געפרעגט: „שאָהן קאַפּוט?" פון דער גרופּע האָט מען געענטפערט: „נאָך ניכט", און געגאַנגען ווייטער.

ווען זיי זענען אַדורך די וואַך האָט איינער פון די דייטשן דווקא געוואָלט אויפדעקן איינעם פון די „פּאַציענטן". ווען מען האָט אים אָבער געזאָגט, אַז זיי זענען קראַנק אויף פלעק־טיפוס, איז ער אַוועקגעשפרונגען ווי פון אַ פּגעבריטער. אין שפּיטאָל האָט זיך מיט זיי גאָר האַרציק און קרבנותפול פאַרנומען דר. שוויטאַל.

**
*

אין איינעם פון די ערשטע פראַגמענטן פון דאָזיקן קאַפּיטל זענען דערמאָנט געוואָרן יידן, וואָס האָבן זיך בעת „אַקציעס" אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. עס איז אויך באַמערקט געוואָרן אַז אַזעלכע גרופּן פלעגן אויך טיילמאָל שאַפן אַ מין ווילדע פּאַרטיזאַנקע. ווי אַזעלכע געהערן זיי שוין צו די קאַפּיטלען, וואָס האָבן אַ שייכות צו קאָנספּיראַציע און ווידערשטאַנד. טראָץ דעם אָבער:

זייער אָפט, בפרט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן איזאָלירטע גרופּן, האָט זיך זייער גורל אומאויפהערלעך געענדערט: אַזאַ גרופּע (ווען אַפילו זי איז געווען באַוואָפנט) האָט געמוזט אָפּטרעטן און אויסבאַהאַלטן זיך אין וואַלד־מעלינעס. וואָס מער: אַזוי ווי זיי פלעגן אין שטאָט, אין געטאָ איבערלאָזן זייערע קרובים און נאָענטע — רייסן זיי זיך צו זיי. די געשעענישן קומען אָפט אומגעריכט און זיי מוזן אָנהייבן אַ נייעם עטאַפּ א. אַ. וו.

אַ טיפּישן ביישפּיל פון אַזעלכע געשעענישן בילדן די איבערלעבענישן פון דער גרופּע, צו וועלכער עס האָט געהערט מאַרטין פּערלמוטער 1). איך האָב זיך מיט אים און זיינע חברים באַקענט אין יאַנאָווער לאַגער אין לעמבערג. ער איז אַהין געקומען מיט לעבנגעבליבענע פון אַ פּראָווינצער לאַגער. (צוזאַמען מיטן „לאַגער־פירער" הויפּט־שטורעמפירער

ווארזאג, וועלכער האָט איבערגענומען דעם יאַנאָווער לאַגער נאָכן פאַרברעכערישן ווילהאוס און האָט אַהערגעברענגט „זיינע“ אַסורים). אין לאַגער האָט פּערלמוטער געהערט צו מיין קאָנספּיראַטיווער גרופּע; ער איז איר געווען שטאַרק איבערגעגעבן. ווארזאג און אַנדערע ס.ס.־מענער האָבן אים וויצלענדיק זיך גערופן „בונקער־באוער“. דער צונאָמען און דער פאַקט, וואָס זיי האָבן אים געדענקט און געקענט (צווישן טויזנטער אַסורים, וועלכע זענען בלויז געווען „נומערן“) זענען געווען פאַרבונדן מיט סענסאַציאָנעלע פּעריפּעטיעס, וואָס פּערלמוטער (און עטלעכע זיינע חברים) האָבן געהאַט הינטער זיך. די דאָזיקע איבערלעבונגען ווערן דערציילט אַביסל ווייטער 1).

אָבער אויך דער יאַנאָווער לאַגער איז (צום גליק) געווען בלויז אַן עטאַפּ אין זיינע איבערלעבענישן. אַזוי ווי ער איז געווען פאַרבונדן מיט מיין אונטערערדישער גרופּע, האָב איך אים — נאָך מיין אַנטלויפן פון לאַגער — צוגעשטעלט, דורך אַ פאַרבינדלערין, אַנטשפּרעכנדיקע „פּאַפּירן“. פּערלמוטערן איז געלונגען צו אַנטלויפן און אויפסניי אָנהויבן דאָס „וואַלד־לעבן“.

איך ברענג דאָ אַ פראַגמענט פון זיין גבית־עדות, וואָס האָט אַ שייכות צו דער באַרירטער טעמע: 2).

די דייטשע אָקופּאַציע האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אין סאָסאָוו (מזרח גאַליציע). דאָ זענען אַזוי ווי אומעטום פאָרגעקומען מאָרדן איבער דער יידישער באַפעלקערונג. עס איז אַנטשטאַנען אַ לאַגער אין דער אָרטשאַפט לאַצקי וויעלקיע ווי אויך אין פלוכאָוו.

פּערלמוטער האָט זיך געפונען אין אַ גוט, וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסן ראַפּאַפּאָרט, (קאַלינקא — צוויי קילאָמעטער פון סאָסאָוו). געאַרבעט צוועלף שעה אַ טאָג. שפּעטער געאַרבעט ביי דער „ווערמאַכט“. אין 1942 איז געווען אַ שרעקלעכער הונגער. איינמאָל האָט אים דער „שטורמ־

1) אַ חוץ אַלעם צי איך די אויפמערקזאַמקייט אין דאָזיקן גבית־עדות אויף דער פּערזאָן פון ווארזאג און אויף זיינע מעטאָדן. אין דער וועלט פון די ס״ס־מענער זענען זיי געווען משונהדיקע. אגב, האָט זיין „גוטסקייט“ זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ ראַפינירט מיטל פון מאָנומענטאַלער פאַרברעכערישקייט.

2) אַזוי ווי אויף אַנדערע ערטער, ציטיר איך אויך דאָ אייניקע אויסצוגן, וואָס הגם זיי גייען אַביסל אַוועק פון דער טעמע, זענען זיי נויטיק כדי צו פאַרשטיין די איבערלעבענישן.

פירער״ געכאַפּט מיט ווייץ אויף די פּלייצעס און באַשטימט אים אין לאַגער אַריין קיין סאָסאָוו (שטיינער־גרובנס). ער האָט זיך אָבער נישט צוגעשטעלט. דעמאָלט האָט אים דער שטורמפירער — ווארזאג — אויפ־געזוכט און פאַרמאַכט אין לאַגער פון לאצקי וויעלקיע. פריער האָט פּערל־מוטער געמוזט אויסטון דערשאָסענע ייִדן אין פּאָדקאַמיען. בייטאָג האָבן די ס.ס.־מענער און די אוקראַינער געשלאָגן. ביינאַכט זענען די אַסורים געשלאָפן אויף הוילע ברעטער. מענטשן פלעגן שטאַרבן פון הונגער. מען האָט געאַרבעט אין די שטיינער־גרובנס, ביי וועגן און בריקן. דעם 1טן דעצעמבער 1942 האָט מען אַלע ייִדן פון דער געגנט אָפּגעשיקט אין זלאָטשאָווער געטאָ. ווארזאגס טאַקטיק איז געווען אַזאַ, אַז ער פלעגט אַדורכפירן די „אַקציעס״ מיט אַן איבלדיקער פּריינטלעכקייט. מענטשן האָבן נישט פאַרגעפילט, אַז זיי גייען אויף טויט. דעם 2טן יוני איז פאַר־געקומען אַ „ליקווידאַציע־אַקציע״. די דייטשן האָבן געמאָרדעט אינעם וועלדל פון קיעלאָכאָוויצע. פונעם לאַגער האָבן זיי גענומען בלויז די קראַנ־קע פון שפּיטאָל. פּערלמוטער האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפּחה; געבליבן לעבן איז בלויז זיין כּלה.

דעם זעלבן טאָג ווען ס׳איז פאָרגעקומען די „אַקציע״ האָט זיך אָנ־געהויבן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג. פּערלמוטער האָט געקענט די וועלדער אין פּאָלאָטש ביי סאָסאָוו און איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט אַן אוקראַינערין, וואָס האָט געהאָלפן. ער האָט אַלע אָנגערעדט, מען זאָל אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. ער האָט פאַרזאַמלט זיינע פריינד. קיין געלט אויף געווער האָבן זיי נישט געהאַט. זיי פלעגן זיך דעריבער אַריינ־גנבענען אין די מאַגאַזינען, וווּ עס זענען געלעגן זאַכן צוגעראַבעוועטע ביי ייִדן (דאָרט איז געווען אַ וואַך פון דער אוקראַינישער מיליץ) און געשאַפן זיך אַזוי אַרום 200.000 זלאָטעס. זיי האָבן אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט יונגע מענטשן פון ה. ק. פּ. (מיליטערישע וואַרשטאַטן). פון דאָרט האָט מען אַרויסגעגנבעט געווער. זיי האָבן געקויפט פּיסטאָלעטן און 34 גראַ־נאַטן. געגרייט זיך צו גיין אין וואַלד אַריין. פּערלמוטער האָט אַרויסגע־פירט זיין כּלה פון געטאָ און באַהאַלטן זי אין לאַגער.

אין דער זעלבער צייט איז דער זון פון זיינס אַ חבר (פריימאַן) געווען אין וואַלד מיט פּראָפּעסיאָנעלע באַנדיטן. ער איז צוריקגעקומען צום פּאַ־

טער און האָט אַלע אָנגערעדט זיי זאָלן זיך פֿאַראייניקן מיט די דאָזיקע באַנדיטן (די אוקראַינער סטעפּעק נאַקאַטשינסקי און סטעפּאַן לוהוק). זיי האָבן מסכים געווען. די גרופּע האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אַלע לאַגערן. אַלע האָבן געוואָלט גיין. מען האָט אויסגעטיילט גרופּן. די ערשטע גרופּע (צווישן זיי איז אויך געווען פּערלמוטער און זיין כלה) איז באַשטאַנען פֿון זעקס מענטשן. זיי האָבן געהאַט 4 ביקסן, אַ שטוצער, 1 מאַשין־געווער, 1 רעוואָלווער און 5.000 זלאָטעס. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען דעם 9טן אַפּריל 1943. שבת, דעם 10טן איז אַרויסגעגאַנגען די צווייטע גרופּע. (14 מענטשן אין דעם 6 פּרויען). די דאָזיקע גרופּע האָט געהאַט געווער, אַמוניציע, פּראָוויאַנט, נויטיקע זאַכן, ביזשוטעריע און וואַלוטע אין דער ווערט פֿון 160.000 זלאָטעס. אויף אַ באַשטימט אָרט האָבן זיי זיך געטראָפֿן מיט די נייע פֿאַרבינדעטע — די באַנדיטן — און זענען אַוועק צו זייער באַהעלטעניש אין וואַלד (אַ פֿאַרמאַסקירטער טאָל). דאָס גאַנצע געווער איז באַשטאַנען פֿון איין שווערן מאַשין־געווער, אַ לייכטן מאַשין־געווער, 6 ביקסן, 6 רעוואָלווערן, 34 גראַנאַטן. מען האָט זיי זייער גוט אויפֿגענומען. מען האָט גענומען פֿאַרגרעסערן דאָס באַהעלטעניש, גלויבנדיק, אַז נאָך אַנדערע וועלן קומען. אויפֿן דריטן טאָג האָט מען זיי באַמערקט. אַלע אַרבעט־פֿעיִקע (א חוץ די פֿרויען) זענען אַוועק בויען אַן אַנדער באַהעלטעניש, 2 קילאָמעטער פֿון דעם אָרט. אין אַלטן באַהעלטעניש זענען געבליבן צוויי זקנים און זעקס פֿרויען. אין דעם זעלבן טאָג, 4 אַזייגער פֿאַרטאָג זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך צוויי גרופּן. 14 מענטשן פֿון פּערלמוטערס אָפּטיילונג איז געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען. צווישן זיי זענען אויך געווען די צוויי דערמאָנטע באַנדיטן. נאָך אַ קאַמף, וואָס האָט געדויערט אַ שעה צייט, איז זיי געלונגען איבערצוגיין אַ טייך און אַריינבאַקומען זיך אין אַ צווייט וועלדל. פֿריימאַן, וועלכער איז פֿאַרבליבן מיטן מאַשין־געווער אין אַלטן באַהעלטעניש האָט נישט צוגעלאָזט די געסטאַפּאָ, שיסנדיק אָן אויפֿהער. לסוף אָבער האָט די געסטאַפּאָ געוואָרפֿן גראַנאַטן אויף דער באַהעלטעניש און דערהרגעט אַלע אָנוועזנדיקע. די באַהאַלטענע אין וואַלד האָבן דערווייל אויסגעשעפּט זייער גאַנצע אַמוניציע. אין קאַמף זענען געפֿאַלן נאָך דריי ייִנגלעך. צום אומגליק איז דער וואַלד געווען אַ שיטערער און געפֿונען זיך אויף אַ הויך אָרט. שפּע־

טער זענען די 11 זיך צעלאָפֿן, יעדער אויף זיין אייגענער האַנט. פּערלמו־טער מיט נאַכומאָוויטשן זענען אַוועק אין וואַלד פֿון פּאָבאַטשע.

„... עס איז געווען זייער שווער. פֿון דאָרף האָט מען געהאָלפֿן. מיר האָבן אָנגעהאַלטן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט די אוקראַינער. (קיין אַנטיסעמיטיזם איז נישט געווען).

אין סאָסאָווער וואַלד, ווו איך האָב געקענט יעדן קוסט, האָב איך מיך געפֿילט אַ סך זיכערער. איך האָב אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן לאַגער אין סאָסאָוו. איך האָב מיר פֿאַרשאַפֿט אַ קילאָף מיט אַ לאָפּאַטע און מיר האָבן אין אַ זייער שיין אָרט אויפֿגעבויט אַ באַהעלטעניש. איך בין דאָרט געווען בלויז מיט מיין חבר. נאָך דריי וואָכן זיין אין וואַלד זענען מיר אויסגעגעבן געוואָרן דורך מיין שול־חברטע פרידאַ ברענער, וועלכע האָט אָנגעוויזן דאָס אָרט ווו ס'האָט זיך געפֿונען אונדזער באַהעל־טעניש, בכדי צו ראַטעווען איר אייגן לעבן. דעם הויפּט־ שטורמפֿירער וואַרזאַג איז באַזונדער געלעגן אונדז צו געפֿינען; צוליב צוויי סיבות: מיט מיין און מיין חברס אַנטלויפֿן איז ליקווידירט געוואָרן דער מאָלער־וואַר־שטאַט צוליבן מאַנגל אין פֿאַכמענער; צווייטנס, איז דאָס נויטיק געווען כדי אָפּצושטעלן די ווייטערדיקע קאָנספּיראַציע־באַוועגונג. זיינע עלטסטע האָבן אים געמאַכט פֿאָרוווּרפֿן, אַז ער באַציט זיך צו גוט צו זיינע אַסורים.

דעם 4טן מאַי 12 בייטאָג האָבן מיר דערהערט אַ גערויש אין די קוסטעס. מיר זענען דעמאָלט געווען באַשעפֿטיקט ביים פֿאַרבעסערן דאָס באַהעלטעניש. איך האָב מיך קוים באַוויזן צו באַהאַלטן ווען עס איז אָנ־געקומען פרידאַ ברענער. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיר זענען פֿאַראַטן געוואָרן. מיט איר זענען געגאַנגען 4 געסטאַפּאָווצעס און וואַרזאַג. זיי האָבן זיך געפֿונען צו ווייט פֿון אונדז, כדי מיר זאָלן קענען שיסן פֿון די רע־וואָלווערן. מיר האָבן דעריבער געוואַרט. וואַרזאַג האָט פֿאַרניכטעט אונדז־זער פּראָוויאַנט, וועלכן ער האָט געפֿונען אינעם באַהעלטעניש, ער האָט אַריינגעשטעקט די לאָפּעטע אין דער ערד און צוגעטשעפּעט צו איר די געפֿונענע לאַגער־לעגיטימאַציעס מיט אַ בריוו. דער בריוו איז געווען פֿאָלגנדיק רעדאַגירט: „פֿאַרוואָס קומט איר נישט צוריק? מעלדעט אייך אין מיין ביוראָ אָדער אין מיין פּריוואַטער וווינונג. עס וועט אייך גאָר־

נישט געשען. אויב איר וועט נישט צוריקקומען, וועט מען אייך פאַרפאָלגן ביזן טויט. ווארזאג".

ווען זיי האָבן גענומען אַוועקגיין, האָבן מיר זיי עטלעכע מאָל נאָכ־געשאָסן. געענטפערט האָבן זיי אונדז מיט דריי לייכטע מאַשין־געווערן.

נאָכן איבערלייענען דעם בריוו האָט מיין חבר באַשלאָסן צוריקגיין אין לאַגער, איך האָב נישט געוואָלט. איך בין אָבער קראַנק געוואָרן און באַקומען שטאַרקע היץ (צוליב וואָס ווייס איך נישט) און בין אויך צוריק־געגאַנגען. ווארזאג האָט טאַקע נישט פאַראָרדנט קיין שום רעפּרעסיעס; ער האָט אונדז ווייטער איבערגעלאָזט אין מאַלער־וואַרשטאַט.

אין יולי האָט מען אונדז געפירט קיין לעמבערג, אין יאַנאָווער לאַ־גער. דאָ האָבן מיר איבערגעלעבט גאָר שווערע צייטן. ווי אַ „בונקער־באַוער" בין איך תיכף באַשטימט געוואָרן ווי אַן אָרדנער. איך האָב אָבער נישט געקענט פאַרבלייבן אויפן דאָזיקן פּאָסטן, ווייל די אַרבעט איז נישט געווען פאַר מיר. איך האָב געבעטן, סאַבאָטירט, אַלץ כּדי מען זאָל מיך באַפרייען פון דער דאָזיקער אַרבעט און מיך צוטיילן צו מיין פאַך. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז מיר געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין מאַ־לער־וואַרשטאַט.

דעם 25טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען אַ ברייט־פאַרמאָסטענע „אַקציע". דעם טאָג האָבן די דייטשן אויסגעמאָרדעט 2.500 אַרבעטער, וואָס פלעגן אַרבעטן אין שטאָט. ווארזאג האָט דעם מאַסן־מאָרד אָרגאַ־ניזירט אויף אַזאַ אופן, אַז 2.000 מענטשן זענען געגאַנגען צום טויט נישט אָפּגעבנדיק זיך אַפילו אַ דין וחשבון וווהין זיי גייען. אויפן אַפּעל־פּלאַץ האָט ווי יעדן טאָג געשפּילט דער אָרקעסטער... דערלעבן זענען געשטאַנען צוויי אויטאָס מיט שיך און מלבושים. ווער עס האָט געטראָגן שלעכטע מלבושים אָדער צעריסענע שיך, האָט פון ווארזאגן באַקומען נייע „כּדי מען זאָל קענען בעסער אַרבעטן". ער האָט מודיע געווען, אַז מען גייט גראָבן קאַרטאָפל. קיינער האָט זיך נישט אָריענטירט. ערשט אויף די גאַסן, דורך וועלכע מען האָט געפירט די קרבנות איז געקומען צו שוידער־לעכע סצענעס. עס זענען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען, אַז די אַרבעטער פון דער שוכאַן־בריגאַדע האָבן זיך געוואָרפן אויף די געסטאַפּאָווצעס און אָסקאַרן. עס איז געקומען צו קאַמפן און שיסערייען אויף די הויפּט־גאַסן

פון שטאָט. דעם 26טן סעפּטעמבער איז אין לאַגער פאָרגעקומען אַ „צוגאָבּ־אַקציע". עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן קרוב 200 פרויען און צווישן זיי דאָס שענסטע מיידל פון לאַגער, די וואַרשעווערין לילקע. מען האָט זי געפירט באַזונדער. אַ שיינע, מיט אַ שמייכל אויפן פּנים איז זי דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן פּלאַץ אונטער די קלאַנגען פון „טאַנגאָ דעפּלעגאַריאַ" געזעגנענדיק אַלע מיטן קאָפּ.

אין לאַגער זענען פאָרגעקומען ווייטערדיקע פאַרשאַרפונגען. איך האָב באַשלאָסן אַנטלויפן. דעם פּלאַן האָבן מיר פאַרווירקלעכט דעם 16טן נאָוועמבער 1943 אַ זייגער 6 אָוונט, אויסגראָבנדיק אַ צוריקגאַנג אונטער די שטעכעדיקע דראָטן, וואָס האָבן זיך געצויגן לענג־אויס פונעם לאַגער. מיר זענען געווען ניין. צוויי זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין וואַלד. צוויי אַנדערע, וואָס האָבן זיך פאַרלוירן בעתן אַנטלויפן, זענען אַריינגעפאַלן צוריק אין ווארזאגס הענט. ער האָט זיי געוואָרפן פאַר די הינט".

נאָכן אַנטלויפן פון לאַגער האָט פערלמוטער אָנגעהויבן אַ נייעם עטאַפּ. אויך דאָס מאָל האָט ער געלעבט אין וואַלד און אין באַהעלטענישן און אויך דאָס מאָל האָט נישט געפעלט קיין אויסטערלישקייטן.

מיר וועלן דאָ נישט רעפערירן קיין פּרטים. די ציטירטע אויסצוגן 1) גיבן שוין אַ געוויסן בילד פון דעם מין באַהעלטענישן און פון זייער פאַרבינדונג מיט אַנדערע אָפּשניטן פון ייִדישן גורל אין די דאָזיקע יאָרן (געטאָ, לאַגער). וועגן דעם האָט זיך דאָ טאקע געהאַנדלט 2).

---

1) וו. יי. ה. ק. (נר. 223) און מאַטעריאַלן פון פאָרשונג־צענטער פאַר געשיכטע פון פּוילישע ייִדן — פּאַריז.

2) וואָס שייך אַזעלכע פאַרקניפּונגען נישט פאַרבונדענע אָבער מיט ווילדער פּאַרטיזאַנקע פאַרגלייך מיט ווייטערע קאַפּיטלען (צ. א. דאָס גבית־עדות זאָגן פון העלענאַ שמאלהאָלץ).

דריטער טייל:

„אַרישע פּאַפּירן“

און ווידערשטאַנד־באַוועגונג

א) פאַרן חורבן פון די געטאָס

I

א טראַגישע דילעמע

דער בונד מיטן געטאָ. — שליחים פון דער ייִדישער קאַמפּס־
אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער" זייט.

מען האָט שוין דאָ דערמאָנט, אַז די ערשטע רעאַקציע פון ייִדן קעגן די דייטשע רעפּרעסיעס האָט זיך נישט אויסגעדריקט אינעם ווילן צו אַנטלויפן פון געפּייניקטן פאָלק, נאָר להיפוך — אינעם יחס צו אים און אין דער גרייטקייט צו טיילן מיט אים דעם בשותּפותדיקן גורל. מען דאַרף נישט צוגעבן, אַז אַזאַ שטאַנדפּונקט האָבן בפרט געהאַט די מענטשן, וואָס האָבן די ערשטע אָרגאַניזירט צווישן ייִדן געהיימע קעמערלעך. דאָס זענען געווען די אַקטיווסטע יחידים, וואָס זענען געווען גאָר שטאַרק פאַרבונדן מיט זייער פאָלק. און דעריבער האָבן זיי אין די ערשטע טעג (ווען דאָס אָרגאַניזירן „אַרישע פּאַפּירן" איז נאָך געווען גענוג לייכט) נישט אויסגעקליבן דעם וועג. אַ טעטיקייט פון דעם מין וואָלט געווען לגמרי אין סתירה מיט זייער געפיל: אַ געפיל פון ערבות מיטן פאָלק אויף טויט און לעבן. אין די קרייזן האָבן די „אַרישע פּאַפּירן" באַלד באַקומען אַן אַנדערן תוכן: נישט ווי אַ מיטל וואָס האָט געדאַרפט פירן צום דעפיניטיוון פאַרלאָזן דאָס געטאָ, נאָר ווי אַ טעכניש מיטל, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט אויסצופירן באַשטימטע פונקציעס. און דאָס פונקציעס — מיר שטרייכן עס אונטער — אויסשליסלעך פאַרן געטאָ. מען האָט דאָך געדאַרפט אַרויסגיין פון געטאָ בכדי אָנקניפן קאָנטאַקטן מיטן נישט־ייִדישן אונטערגרונט. מען האָט געדאַרפט אַרויסגיין בכדי זיך פאַרבינדן מיט גרופּן, פאַרשלאָ־

סענע אין אַנדערע געטאָס. מען האָט געדאַרפט אַרויסגיין, בכדי באַזאָרגן (אָדער מאַכן נאָר אַ פּרווו צום באַזאָרגן) וואָפן. מען האָט געדאַרפט אַרויס־שיקן שליחים. די לעצטע האָבן אָבער געקענט אויספירן זייערע אויפגאַבן נאָר מיט דער הילף פון „אַרישע פּאַפּירן". דעריבער האָבן פאַרשידענע גרופּן געזוכט וועגן ווי אַזוי צו באַזאָרגן די פּאַפּירן, אָדער זיי פאַבריצירן. אָבער דער דאָזיקער באַנעם פון ענין האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויפן גאַנצן עתיד. בעיקר: מען האָט נישט געטראַכט וועגן „איינאָרדנען" מענ־טשן אויף „אַרישע פּאַפּירן". דער שליח האָט באַקומען „פּאַפּירן" — נישט בכדי ער זאָל זיי באַזיצן מחוץ דעם געטאָ — נאָר בכדי ער זאָל קענען אַדורכמאַכן דעם נויטיקן וועג און צורקקערן. אין רעזולטאַט — מען האָט נישט צוגעגרייט צו דער צייט, אויסגעשטאַטע אַנלען־פּונקטן אויסער די מויערן. שנית: באַהאַנדלענדיק לכתחילה די „אַרישע פּאַפּירן" בלויז ווי אַ טעכניש מיטל, ווי אַ מיטל פאַר אַקטיוויסטן (וואָס האָבן גע־דאַרפט צוריקקערן אין געטאָ), האָט מען נישט אָרגאַניזירט צו דער צייט. דאָס באַזאָרגן „אַרישע פּאַפּירן" פאַר זייטיקע מענטשן, פאַר וועלכע דאָס אַנטלויפן פון געטאָ וואָלט געוועזן די איינציקע רעטונג. וואָלט מען דאָס געמאַכט, וואָלט מען געראַטעוועט טויזנטער נפשות, מען וואָלט געראַטע־וועט די, וואָס זענען צוריקגעבליבן אין די טויט־מויערן נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקענט באַזאָרגן קיין שטיקל פּאַפּיר, אָדער עס האָט זיי געפעלט אַ פּאָר עלעמענטאַרע עדות.

צווישן אַ סך רעלאַציעס האָט זיך אָפּגעראַטעוועט דאָס שוין היינט ברייט־באַקאַנטע טאָג־בוך (אַרויסגעגעבן דורך אונדז אין דער קראָקעווער היסטאָרישער קאָמיסיע 1), פון דער ניינצן־יעריקער גוסטע דרענגער (שפּעטער געפאַלן), אַ מיטגליד פון דער קראָקעווער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָס טאָג־בוך האָט פאַראייביקט די קאַטעגאָריעס פון טראַכטן ביי יענעם יוגנט־קרייז. צו דעם בוך וועלן מיר זיך נאָך צוריקקערן. דאָ וואָלט איך אָבער געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן די לייענער אויף אַ באַשרייבונג, וואָס געפינט זיך שוין אין ערשטן קאַפּיטל פון די זכרונות. דאָס טאָג־בוך הויבט זיך דהינו אָן פון דעם, ווי אַזוי אַ פאַרבינדלעריין קומט צוריק פון דער „אַרישער זייט" אין קראָקעווער געטאָ (אַגב אורחא

1) „יוסטינעס טאָג־בוך", קראָקע 1946.

די פאַרבינדלערין איז דאָס טאַקע די אויטאָרין אַליין). יוסטינע (דאָס איז איר פּסיידאָנים) איז געקומען פאַרמאַטערט און דערשעפּט נאָך וואָכן פון מאַטערנישן. דערצו האָט מען יעדן טאָג געדאַרפט אויפשטיין ביים קאַיאָר, מאַכן צופוס גאַנצע קילאָמעטערס — און לעבן אין אַ כסדרדיקער נערוון־שפּאַנונג... און דאָס ווי אַ צולאָג די לאַקאַמאַציע־מיטלען, די באַשווערטע פאַרבינדונג־מעגלעכקייטן, צענדליקער קילאָמעטערס אין אַ פור אָדער דאַראָזשקע, אָדער לשם שינוי אויף אַ מאָטאָציקל, וואַרטן שעהן אויף די וואָקזאַלן נאָך נישט־געשלאָפענע נעכט — און ביי דער פּערמאַנענטער מורא וועגן די נאָענטסטע״... יאָ, דאָס זענען דערוויל — די נאָרמאַלע מתנות פאַר אַ שליח פון יענע צייטן. פאַרווונדערונג רופט אָבער אַרויס אַן אנדערע רעאַקציע פון יוסטינע: „ווען זי האָט זיך נאָר דערנענטערט צו די שטעכעדיקע דראָטן און ווען זי האָט געהערט דעם רעש, וואָס האָט געשלאָגן פון די אָנגעפּראָפּטע גאַסן — האָט אַ וואַרעמקייט אָנגעפילט איר האַרץ און די מידקייט האָט געפּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז. שוין דורך די דראָטן האָט זי דערזען אַ באַקאַנט פּנים. איבעריקנס די אַלע פאַרפייניק־טע פּנימער זענען געווען מאָדנע טייער און נאָענט״. און אַביסל ווייטער: „דעריבער ווען יוסטינע איז זונטיק פאַרנאַכט אַריין אין געטאָ, האָט זי אַרומגענומען עפּעס אַזאַ היימיש, שטוביק געפיל — און זי האָט געוווּסט, אַז דאָ איז איר אָרט״.

דעם לייענער וואָס קען (אַפילו נאָר פון שרייבן) דיווירקלעכקייט פון די געטאָס, וועט שווער זיין צו באַנעמען, אַז פּונקט דאָרט איז מען געגאַנגען, בכדי זיך פּסיכיש אָפּצורוען. און דאָ דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז דאָס אַלץ קומט פאָר אין דער צווייטער העלפט פון 1942. בעת דעם פולן שגעון פון אויסזידלונג. דער לייענער וועט מסתם זיך טראַכטן: אַ מאָדנער אופן פון אויסרוען זיך. אמת.

אָבער דאָס דאָזיקע צוריקקומען, אַפילו דעמאָלט — שוין נאָך די שרעקלעכע בלוט־אָפּפלוסן (און אפשר הויפּטזעכלעך דעמאָלט!) — דאָס איז געווען אַ דירעקטער בונד מיט דער מאַסע, פאַר וועלכער די דאָזיקע קעמפער האָבן געוואָלט לעבן און שטאַרבן.

מיר האָבן געזאָגט, אַז די געפילס־טענדענצן, וועגן וועלכע ס׳איז די רייד, האָבן באַשווערט די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פון די געשעענישן.

זײַ זענען געוואָרן אײנע (אַן אַנדערע זאַך, אַז בלויז אײנע פון אַ סך) סיבות, וואָס האָבן געבערענגט דערצו, אַז אין אָנבליק פון דער דירעקטער פאַרניכטונג זענען די וועגן פון רעטונג כמעט פולשטענדיק פאַרמאַכט געווען. מען האָט באַצײַטנס נישט פאַרגעזען די מאָסן פון דער קאַטאַסט־ראָפע און נישט די גרויס פון דער דײַטשער פערפידיע.

צי איז אָבער אין דער ווירקלעכקייט דער עיקר געווען אָט דאָס נישט וויסן, אָט די טעותדיקייט, אָדער האַלבקייט פון די פאַרויסזעאונגען? ווען עס וואָלט טאַקע אַזוי געווען וואָלטן די דערמאָנטע טענדענצן גע־דאַרפט פאַרשווונדן ווערן. די פאַקטן האָבן שוין אוממעגלעך געמאַכט יעדע אילוזיע: גראָד אין די חדשים פאַר דער ענטגילטיקער „ליקווידאַציע" פון געטאָ, גראָד דעמאָלט האָט אין די געהיימע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זיך צעפלאַקערט אויפסניי דער וויכוח. גראָד דעמאָלט ווען ס'זענען שוין באַ־קאַנט געווען אַלע אַספּעקטן פון מאָרד, וואָס קומט פאַר אין אַ משוגענעם טעמפּאָ, אָן דער מינדסטער אילוזיע! אין אַ ריי קאַמפּס־גרופּן האָט זיך דעמאָלט באַוויזן דאָס פאָלגנדיקע פּראָבלעם:

— צי זאָל מען קאָנצענטרירן אַלע אָנשטרענגונגען אויף דעם אַרויס־פירן די אייגענע מענטשן אין וואַלד, כדי דאָרט צו שאַפן פּאַרטיזאַנער־גרופּן, אָדער פאַרקערט — ד. ה. — צי זאָל מען אָרגאַניזירן אַ קאַמף צווישן די מויערן פון געטאָ?

פאַקטיש (און די קעמפער האָבן זיך דערפון אָפּגעגעבן אַ געגויעם דין וחשבון) האָט נאָר דער ערשטער וועג פאַרגעזאָגט געוויסע מעגלעכ־קייטן. דאָס אַנקומען און דאָס בלייבן אין וואַלד, הגם ס'איז געווען פאַר־בונדן מיט טויזנט געפאַרן, האָט דאָך, טראָץ אַלעם, געהאַט געוויסע פּערס־פּעקטיוון. מעגלעכקייטן פון קאַמף און אַפילו געוויסע מעגלעכקייטן איבערצולעבן.

דאַקעגן דער קאַמף אין די מויערן פון געטאָ איז אין דער מערהייט פאַלן געווען פון פריִער אויס פאַרמשפּט, נישט בלויז אויף אַ פיזישער מפּלה, נאָר האָט אַפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייטן זיך צו אַנטוויקלען. טראַקטירנדיק די זאַך „שכלדיק" האָט דער אויסוואַל נישט געדאַרפט אונ־טערליגן קיין שום צווייפל. און דאָך איז אַזאַ צווייפל געווען. אויף דער איניציאַטיוו פון דער גרופּע „החלוץ" אין ביאַליסטאָק (27טער פעברואַר

1943) האָט איינער פון די אָנפירער, נאָך זיין אַנאַליז פון די „וואַלד״־מעג־לעכקייטן געמאַכט דעם אויספיר:

— עס בלייבט איין אויסוועג: דאָס אָרגאַניזירן אַ קאָלעקטיוון ווידער־שטאַנד אין געטאָ. פאַר יעדן פּרייז פאַרוואַנדלען די געטאָ אין אַ מסדה. איינשרייבן אַ ווירדיק בלעטל אין דער געשיכטע פון די ביאַליסטאָקער יידן און פון אונדזער באַוועגונג 1, 2).

פאַר מענטשן פון דרויסן איז אָפּטמאָל אַזאַ געדאַנקענגאַנג געווען אומפאַרשטענדלעך.

„נאָך אין 1942 — דערמאָנט אבא קאָוונער — האָבן מיר אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט די ערשטע פאַראַשוטיסטן פון מאָסקווע. אין אַ שטיקל צייט אַרום איז זייער אָפּטיילונג פאַרניכטעט געוואָרן... און דאָך האָבן זיי אונדז ביי די ערשטע באַגעגענישן נישט געקענט פאַרשטיין. מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז אונדזער ציל איז — נישט רעכענענדיק קליינע אָפּטיילונגען — נישט אַרויסצוגיין פון געטאָ, נאָר צו אָרגאַניזירן אַלע כוחות פאַר דער פאַרטיידיקונג פון געטאָ. דאָס זענען געווען ערלעכע יינגלעך און זעענדיק אונדזערע טאַטן האָבן זיי אונדז נישט געהאַלטן פאַר קיין בעלי חלומות. זיי האָבן אָבער איינס נישט געקענט פאַרשטיין: זיי זענען דאָ אַהערגע־קומען, ווי די שליחים פון זיג און מיר — אמת מיט ווירדע — ווילן אומקומען. זיי האָבן אונדז געפרעגט: גוט, איר, אָנפירער, פאַרשטייט אַזוי, זייענדיק איבערגענומען מיט געפיל פון באַזונדערער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, אָבער זאָגט אונדז, צו זענען טאַקע אייערע מענטשן מסכים דע־רויף צו לעבן אַ לאַנגע צייט בלויז מיטן געדאַנק פון אַ ווירדיקן טויט? מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס איז זייער אַ שווער פּראָבלעם. מיר האָבן זיך מיט אַלע כוחות באַמיט אונטערצוהאַלטן די דערשיינונג פון גלויבן, האָפע־

1) ס'איז פאַרהיטן געוואָרן דער אונטערערדישער פּראָטאָקאָל פון דער דאָזי־קער זיצונג. דער טעקסט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם בוך פון מאַטעריאַלן און דאָקומענטן „די אונטערערדישע קאָמיסיע אין קראָקע 1946. 2) מסדה — אַ פעסטונג אויפן ים המלח אין ארץ־ישראל וואָס האָט זיך געהאַלטן דריי יאָר נאָך דעם ווי ירושלים איז געהאַט געפאַלן. לסוף, ווען יעדער ווייטערדיקער ווידערשטאַנד איז געבראָכן געוואָרן, זענען די באַלאַגערטע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כדי נישט אַריינצופאַלן לעבעדיקע אין שונאס הענט. ביי יידן איז מסדה אַ סימבאָל פון העל־דישקייט און אומקאָמפּראָמיסלאַזער איבערגעגעבנקייט צום פאָלק. דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ, איז ווי מיר ווייסן, טאַקע אויסגעבראָכן.

נונג, פּערספּעקטיוון. אַ פּריִערדיקער אויסדרוק איז געווען דער גלויבן אין דער הילף פון פּוילישן אונטערערד. שפּעטער האָבן מיר געדעכנט אויף דעם ראַטנפאַרבאַנדישן אונטערערד. צום סוף האָבן מיר געזאָגט אונדזערע מענטשן: נאָכן קאַמף אין געטאָ, גייט אַרויס אין וואַלד 1).

פאַר אַ מענטש מיט אַזאַ איינשטעלונג איז דאָס לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן" (אין דער צייט ערב דעם ענטגילטיקן ליקווידירן די געגעבענע געטאָ) געווען נישט מער ווי אַ צייטווייליקייט. ער האָט פון דעם דאָזיקן לעבן רעזיגנירט ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעצייכנט די פּערעספּעקטיוו פון טעטיק זיין אין דער ייִדישער סביבה. אַ טשעקאַווער פּרט צו דער טעמע ברענגט אין אירע זכרונות אַננאַ באַרקאָווסקאַ, אַ פּוילישע סקויטין, וועל־כע האָט זיך דערנענטערט צו דער שומרישער באַוועגונג און האָט מיט איר צוזאַמענגעאַרבעט, געבראַכט איר פיל נוצן.

„... מען דאַרף ראַטעווען מענטשן — האָט מיר געזאָגט יאַדזשאַ ד. — איך וועל צו אייך ברענגען עטלעכע שומרים. איר האָט גוטע באַדינ־גונגען זיי צו באַהאַלטן".

זיי זענען געקומען מיט „אַרישע פּאַפּירן". זיי האָבן אונדז צוגעהאָלפן אין דער גאָרטן־אַרבעט און אין דערווירטשאַפט. חוץ דעם זענען געקומען עטלעכע מיידלעך. עס האָבן זיך צערוקט די ווענט פון אונדזער קליינעם הייזל. זיי האָבן זיך געפילט ביי אונדז זיכער.

... אין האַרבסט איז געקומען פון וואַרשע דער פאַרבינדלער ק. מיט דער ידיעה: די געטאָ גרייט זיך צו דער פאַרטיידיקונג. זי זאַמלט געווער און יוגנט.

„... ס'האָט גענומען קאָכן צווישן מיינע ייִנגלעך און מיידלעך! ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָפּפלוס קיין וואַרשע פון די, וואָס זענען דאָרט געבוירן געוואָרן. עס זענען אַוועק עטלעכע ייִנגלעך און מיידלעך. די ווילנער זענען אַוועק אין זייער געטאָ כדי צו אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. „אויב מיר דאַרפן שטאַרבן — איז מיטן טויט פון פרייע מענטשן, מיט געווער אין דער האַנט". די רעזיגנאַציע איז אָפּגעטרעטן דאָס אָרט דער

1) „מאָסטי", נר. 46 (168), 19טער אַפּריל 1948.

טראַגישער פאַרביסנקייט. איך האָב זיי געזעגנט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ. איך האָב געוווּסט אויף וואָס זיי גייען" 1).

די אויבדערמאָנטע טענדענצן האָבן זיך געשטיצט אויפן באַוווּסטזיין, אַז אַ גרופּע אין וואַלד (אַפילו ווען זי האָט אַנטוויקלט אַ פּאַרטיזאַנער־טעטיקייט) איז זי דאָך געבליבן אָפּגעריסן, אַנאָנים, איבערהויפּט אין יענע באַדינגונגען און ביי יענע שטימונגען, נישט בלויז פאַר די דייטשן. דאַקעגן די שאָסן וואָס זענען געגעבן געוואָרן די דייטשן אין די מויערן פון געטאָ זענען געווען יידישע שאָסן אין נאָמען פון אַ געמאָרדעוועטער מאַסע 2).

---

1) אַננאַ באָרקאָווסקי — „ווי אַזוי איך האָב באַקענט די שומרים". אין דעם זעלביקן אַרטיקל איז פאַראַן אַ בינטל ידיעות וועגן דעם שפּעטערדיקן גורל און דער אַרבעט פון געוויסע מיטגלידער פון דער דאָזיקער גרופּע.

„...וויטקע — אַ פאַרבינדלערין פון געטאָ — האָט צעלייגט מינעס אויף די נאָענטסטע באַן־ליניעס און איז געקומען צו אונדז צולויפן אויף אָונט־ברויט. מיכא (קאָוונער) האָט נישט דערלעבט די באַפרייאונג. ער איז אומגעקומען מיט אַ שרעקלעכן טויט ביי די פּאַרטיזאַנער. אבא... איז געגאַנגען אין געטאָ אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנדס־באַוועגונג. כ'האָב זיך מיט אים אַמאָל געטראָפן. ער האָט תמיד געבעטן וועגן קריגן געווער. כ'געדענק ווי ער האָט זיך געפרייט מיט מיין ערשטן גראַנאַט: „ס'וועט לייכטער זיין צו שטאַרבן, ווען מען האָט געווער אין האַנט — האָט ער געזאָגט. ישראל נ. — אַ יואיק וויל בחורל... איז דער ערשטער געגאַנגען קיין וואַרשע. פאַרטאָג האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע... ער איז אומגעקומען אין טרעבלינקע. אריהן (ווילנערן) האָב איך אַליין געברענגט פון שטאָט אין דער קאָלאָניע. איך האָב אים איינגעאָרדנט ביי באַקאַנטע און אים אַ נאָמען געגעבן יורעק. ער איז אָפט אין אָונט געקומען צו אונדז. מיר האָבן געשמועסט. מיר האָבן געשאַנעוועט אונדזערע איבערצייגונגען. מיר האָבן זיך געטוישט מיט אונדזער גייסטיקן אייגנטום. נישט אָן איינפלוס. ער איז געגאַנגען קיין וואַרשע צו אַ שווערער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. ער האָט אַ סך איבערגעליטן און איז אומגעקומען מיט אַ העלדן־טויט. (וועגן אריה ווילנער ווערט אויך דערמאָנט אין די וויטערדיקע טיילן פון דעם בוך.

2) די עלעמענטן פון דער דאָזיקער שטעלונג האָבן זיך באַוויזן אין פאַרשידענע דיסקוסיעס אַ סך פריער. אָט למשל איז אַ פראַגמענט פון אַ באַראַטונג (פון אַ פיל פריערדיקער דאַטע) אין איינער פון די קנים פון „השומר הצעיר".

„איינער פון די מיטגלידער — יעקב — האָט געמאַכט דעם אויספיר: „אונדזער גאַנצע ביז איצטיקע באַציאונג, אונדזער גאַנץ לעבן איז געווען געריכט נאָר אויף ארץ־ישראל. מיר האָבן אַלע מאָל נעגירט דעם גלות אין אַלע זיינע פאָרמען... דעם אמת זאָגנדיק איז עס נאָר אַ צופאַל, וואָס מיר געפינען זיך דאָ, וואָרום אונדזער אָרט איז אין ארץ־ישראל און מיט ארץ־ישראל איז פאַרבונדן אונדזער וועג, אונדזער ציל... מיר מוזן מאַכן אַלע באַמיאונגען כדי אָפּצוראַטעווען אַ וואָס גרעסערע צאָל חברים. מיר זענען דערצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט און צום קאַמף אין „ארץ" און נישט דאָ. דעם קאַמף וועלן מיר פירן דאָרט אַזש ביזן נצחון. אונדזער טעטיקייט אין געטאָ האָט נאָר דעם זין פון אַ דעמאָנסטראַציע". אאַ"וו. דערויף באַקומט ער אַ רעפּליק (רייזל): „אונדזער פאָלק ווערט אומקומען און דער שומרישער אַקטיוו

אומקערנדיק זיך צו די פריער דערמאָנטע פאַרבינדלער און פאַר־בינדלערינס: זייער סיטואַציע איז געווען פיל געפערלעכער, ווי פון די וואָס האָבן כסדר געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן". שוין דערפאַר, וואָס זיי האָבן די שוועריקייטן געמוזט אַלע מאָל דורכמאַכן פון דאָס ניי. חוץ דעם — דאָס אַריין־ און אַרויס־גנבענען זיך אין און פון געטאָ האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרויסע געפאַר, ווייל דערביי האָט מען געקענט אויף זיך ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַ מסור אָדער שאַנטאַזשיסט. ס'האָבן זיך איבריקנס דורכגעריסן נישט בלויז פאַרבינדלער, נאָר אויך מענטשן, וואָס זענען דעלעגירט געוואָרן דורך דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון איין געטאָ צו אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד אין אַ צווייטן געטאָ. אַזוי למשל האָט די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע אַרויסגעשיקט איר מיט־גליד טאַמאַראָוו (מרדכי טענענבוים) קיין ביאַליסטאָק. דאָרט מאַכט טאַ־מאַראָוו פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען כדי צו באַקומען געווער. ער גרייט צו דעם קאַמף, בעת וועלכן ער פאַלט אַלס העלדישער קאָמענדאַנט פון דעם דאָרטיקן אויפשטאַנד.

עס האָבן זיך פאַרהיטן אייניקע אַרויסזאָגונגען פון טאַמאַראָוון, צווישן אַנדערע: זיין אויפרוף צו דער „פּוילישער אָנפירערשאַפט פון ציווילן קאַמף אין ביאַליסטאָקער קרייז" און זיין בריוו צו דער שוועסטער אין ארץ ישראל 1). אין דעם לעצטן געפינט זיך (צווישן פיל אַנדערע פּרטים) פאָלגנדיקע באַמערקונג:

„... און איצט וועגן טעמען. אַ לאַנגע געשיכטע. זי איז געוואָרן וואַנ־דע מאַיעווסקאַ. אין געטאָ איז זי נישט געגאַנגען. איר אויפגאַבע: קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט, אינפאָרמאַציעס, צושטעלן שפּייז, אַרויס־העלפן פון אַ נויט. זי איז געפאָרן קיין וואַרשע, זיך אומגעקערט. זי האָט דורכגעפירט אונדזערע געראַטעוועטע ייִדן קיין ביאַליסטאָק נאָכדעם ווי־

וועט בלייבן. די וואָס וועלן זיך ראַטעווען וועלן ווייטער לעבן און אפשר שפּעטער עמיגרירן אין ארץ. איך פרעג זיך: ווער פון די וואָס וועלן בלייבן וועט האָבן דעם מוט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, צו ענטפערן אַ קינד אין ישראל ווען עס וועט פרעגן: וואָס האָסטו געטון? וואָס האָט איר געטון, ווען ס'זענען אומגעקומען טויזנ־טער און מיליאָנען? (לויט דעם טעקסט פון דעם אַרטיקל פון רושקע קאָרטשאַק אין „מאָסטי", נומ. 168).

1) פאַרגלייך: „די אונטערערדישע באַוועגונג אין די געטאָס און לאַגערן".

ס'איז איבערגעריסן געוואָרן דער קאָנטאַקט מיט וואַרשע (יעדער פּרווו — טויט!) און מיט דער באַוועגונג האָט זי אים אויפסניי אויפגעשטעלט און פון דעמאָלט אָן כסדר אָנגעהאַלטן: עטלעכע מאָל איז זי אַריבער די גרעג־נעץ אין „אָסטלאַנד" (געוועזענע ליטע, ווייסרוסלאַנד) 3טן רייך, אוקראַי־נע; קאָוועל, לוצק) דעם ביאַליסטאָקער באַצירק (20 מאָל) זי האָט געקענט יעדע געטאָ אין פּוילן, (מויערן, דראָטן, פּאַרצוימונגען) יעדן יודנראַט. דאָס איז זי געווען די אייגנטלעכע צענטראַלע פון „דזשאָינט", פון אַלע ציוניס־טישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די איינציקע „פּאָסט". זי האָט זיך אָנגעזאָפּט מיט ביטערקייט, נויט, ליידן. מיט איר אָנקום האָבן מיר באַקומען פאַר אונדזערע אויסגאַבן און אַרכיוון מאַטעריאַל אויף חדשים. אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון פּינצטערן גורל און מאַרטיראָלאָגיע פון פּוילישן יידנטום. ערגעץ ווו איז אַן „אַקציע" — מען מוז גלייך אַהין פאָרן. מען האָט געכאַפּט אין לאַגער — אַרויסשלעפּן. אויף די באַן־ליניעס גרייט מען אַ פאַרדעכטיקן צוזאַמענשטעל פון וואַגאָנען — זיך דערוויסן צו וואָס, ווו אַהין? פאָרן. וואָרענען. אַ פייער אין אַ שטעטל — אַהין פירן געלט. אין די וועלדער — זוכן פּאַרטיזאַנער. קויפן געווער. אַלץ. די פּליטים פון אַלע עקן פּוילן, וואָס זענען בדרך נס געקומען קיין וואַרשע דערציילן זיך אָן וווּנדער וועגן עפּעס אַ גרויסמוטיקער פּוילישער פרוי, וועלכע איז זיך מקריב פאַר יידן. נאָך עטלעכע פראַגן שמייכלען מיר: אומעטום איז דאָס אַ פרוי אין אַ ברוינעם מאַנטל, אָדער אין אַ גרינעם רעגנמאַנטל. זי האָט געטראָגן הויכע שיך. געהאַט ברוינע קאַשטאַן־צעפּ. די געסטאַפּאָ האָט זי געזוכט. זי האָט געטוישט די אַדרעסן. די דאָקומענטן. מיר זענען צוזאַמען געווען אַ וואָך און צעשיידט — דריי חדשים. זי איז געקומען אויף אַ טאָג און פאַרשוווּנדן אויף דרייסיק.

אַזוי.

דעם 11טן יאַנואַר איז זי געפאָרן קיין וואַרשע. אַהין פירן געלט און אַריבערשיקן קיין לאָנדאָן מיט דער הילף פון די שיקאָרסקי־לייט 1) דעם טעקסט פון אַ צירקולאַר פון די מיניסטאָרן ספּער און הימלער (וועגן דער אָפּשוואַכונג פון דער מיליטערישער פּראָדוקציע). דעם זעלביקן טאָג איז

1) פּוילישער אונטערערד (זע — אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען).

זי אַריבער די גרענעץ. דעם 13טן איז געווען אַ ידיעה פון וואַרשע. די געטאָ איז שוין געווען באַלאַגערט. זי איז אַריין אין געטאָ. דעם 19טן האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע „אַקציע". די פאַרטיידיקונג פון געטאָ. דער בלאָק פון אונדזער קיבוץ אויף זאַמענהאָף גאַס האָט זיך פאַרטיידיקט צוויי טעג. דערנאָך איז ער אויפגעריסן געוואָרן.

אויף אַלע בריוו און טעלעגראַמעס האָבן אַלע באַקאַנטע פון וואַנדען געשוויגן. הייסט עס: זי איז געפאַלן"...

אין אַלע עדות-דערקלערונגען, וואָס זענען נוגע דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק, זיינע קאָנטאַקטן מיט דער אויסערלעכער וועלט, דער צושטעלונג פון בריוו, דאָס צעטיילן פּראָפּאַגאַנדע-מאַטעריאַלן און געווער, חזרט זיך אָפּט איבער דער אויסדרוק „געפאַרבטע ייִדישקע". אַזוי האָט מען אין דער געגנט גערופן די ייִדישע פּרויען אויף „אַרישע פּאַפּירן" (צווישן אַנדערע: חיהקע גראָסמאַן, האַסקאַ וויעליצקאַ, מאַרישקאַ טשאַיניק און מראָזאָוויצקאַ 1).

ענלעך איז געווען אין ווילנע.

„וויטקע 2) האָט נאָך אין 1939 יאָר דערפילט וואָס עס זענען אַזעלכעס די דייטשן. זי האָט שוין געהאַט דעם כבוד צו זיצן אין געסטאַפּאָ אין קאַליש (איר געבוירן-שטאָט). איצט אין יאָר 1943 וואַרפט זיך וויטקע אַריין אין קעסל פון קאַמף. „ווען די ווילנער קאַמפּס-גרופּע באַשליסט אַרויסצושיקן פאַרבינדלער אין אַנדערע געטאָס (מיט די ערשטע באַוויזן וועגן דעם טאָטאַל-פּלאַנירטן מאָרד פון די דייטשן און מיט דעם אויפרוף צו אָרגאַניזירן ווידערשטאַנדס-גרופּן) פאַרבט זיך וויטקע אָפּ די האָר, נעמט אַראָפּ די געלע לאַטע, גייט אַרויס אין שטאָט אַלס „אַריערין" און אָרגאַניזירט דעם אָפּפאָר פון די ווילנער עמיסאַרן".

אַן אַנדער מאָל (צוזאַמען מיט איזאַ לאַטקאָוויטש) פאָרט זי אַרויס אין אויפטראַג פון דער אָרגאַניזאַציע, אויף אויסשפּיר און אויספאָרשן דאָס אָרט פון אַ געפּלאַנטן דיווערסיע-אַקט. נאָך דער „ליקווידאַציע" פון געטאָ פאָרשט זי די געגנט, די זיכערקייט פון די וועגן, כדי די פּאַרטיזאַנער זאָלן

1) פאַרגלייך די גבית-עדות פון דער פּוילישער פרוי מאַרילאַ רוזשיצקאַ (פּראָטאָקאָל 1249).
2) קעמפּנער.

קענען אָנקומען אין וואַלד. וויטקע טראָגט אַרויס געווער און אַמוניציע. „שפּעטער (צוזאַמען מיט איר חברטע זעלדע טרעגער) אַרבעט זי ווידער ביים אויסשפּיר: זי קאָנטראָלירט די טראַסע איידער די גרופּע מאַרשירט דורך". אין דער רודניצקע פּושטשע גיט מען איר אַ וויכטיקע אויפגאַבע. זי דאַרף גיין אין שטאָט און אויף די הויפּט־גאַסן פאַרניכטן טראַנספּאָר־מאַטאָרן און וואַסער־ליטונג.

אַנגעטון, ווי אַ גרויסשטאָטיש פרײלין — דערציילט ש. קאַטשער־גינסקי — אָנגעפּודערט, אָנגעשמינקט, מיט אַן עלעגאַנטער וואַליזע (מיט דינאַמיט) (?? — מ. ב.) שפּאַצירט זי איבער די הויפּט־גאַסן פון ווילנע. איידער זי פירט דורך די אויפגאַבע גנבעט זי זיך אַריין אין יודן־לאַגער „קייליס" 1), אָרגאַניזירט דאָרט אַ גרופּע ייִדן אַרויסצופירן אין וואַלד. אין אָונט גייט זי פון דאָרט אַרויס און אויף עק אזשעשקא און זיגמונטאָווסקי גאַס לייגט זי אונטער אַ מינע אונטער דעם עלעקטרישן טראַנספּאָרמאַטאָר און וואַסערלייטונגס־רערן, וואָס פירן אויף זאזשעטשאַ... צום סוף „פאַלט זי אַריין אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. מען געפינט ביי איר פּאַרטיזאַ־נישע ליטעראַטור. זי ווערט געפירט אונטער אַ וואַך פון ביקסן... זי נוצט אויס די געלעגנהייט, ווען איינער פון די זעלנער דרייט זיך אָוועק און פאַרשווינדט ווי אַ קאַץ אין דער פינצטערניש".

אַן אומצעשיידבאַרע חברטע פון וויטקען איז געווען — לויט דעם זעלבן מחבר — די שוין דערמאָנטע זעלדע, אַ יונג, צוואַנציק־יעריקע מיידל. אויך זי האָט זיך באַוועגט אין שטאָט אַלס „אַריערין". שפּעטער איז זי געווען אין אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע און געאַרבעט אין אויסשפּיר־דינסט. זי ווערט געכאַפּט דורך די ס.ס. און געשלאָגן. זי זאָגט דאָך גאָרנישט אויס. איר געלינגט צו אַנטלויפן. „אַן אַנדערמאָל איז זי געגאַנגען אויף אַן אויפ־גאַבע און אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דעם מיליטער פון פלעכאַווי־ציושן 2). זיי זענען געגאַנגען אויף אַן אַבלאַווע קעגן די פּאַרטיזאַנער. די קאַלטבלוטיקייט האָט זי געראַטעוועט פון געפאַר. זי איז צוגעגאַנגען צום ערשטן זעלנער: „צי קען איך ווייטער גיין?" ער האָט זי נאָר געפרעגט צי זי האָט נישט געזען קיין באַנדיטן, (ד. ה. פּאַרטיזאַנער) און האָט איר דער־

1) אַ לאַגער ביי די דייטשע אונטערנעמונגען.
2) אַ ליטווישער גענעראַל אין דייטשער דינסט.

לויבט צו גיין ווייטער. זעלדע האָט דעמאָלט געהאַט אין קיישל — תמיד לויט דעם זעלבן באַריכט — וואָפּן פאַר אירע חברים 1).

אויב אַפילו דער אָדער אַן אַנדערער פּרט אין דעם דאָ געבראַכטן באַריכט איז (דורך זיין מחבר, איבריקנס ספּאָנטאַניש און מיט דער בעס־טער כוונה) אַביסל — באַנוצנדיק זיינע טערמינען — „אָנגעפּודערט" און „אָנגעשמינקט" — גיבן די דאָזיקע ציטאַטן פּאָרט אַ געוויסן באַגריף וועגן דעם מין „עקסקורסיעס" אויף דער „אַרישער זייט".

1) ש. קאַטשערגינסקי אין זשורנאַל „דער רוף פון די יונגע" („זעוו מלאַ־דיך"), יאַנואַר 1946.

II

קאמפּס-אקטן אויף דער „אַרישער זייט"

1. די קראַקעווער ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע: א. דאָס „פּאַב־ריקל" פון דאָלאַרן. — ב. דער קאָנפליקט צווישן די קעמפער און סימפּאַטיקער. — 2. אין אַנדערע שטעטלעך (קאָברין, בריסק, קרעמעניעץ). — 3. די אויסשטראַלונג פון געטאָ

אַלס מוסטער פון אַ ייִדישער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַריבערגעוואָרפן איר קאַמפּס־טעטיקייט אויף דער „אַרישער זייט" (דעמאָלט ווען די געטאָ האָט נאָך עקזיסטירט) קען דינען די קראַקעווער גרופּע. אויך אין דעם פאַל איז דער עיקר פון פּלאַן (וועגן וואָס עס רעדט, צווישן אַנדערן, דער ציטירטער פראַגמענט פון „יוסטינעס טאָג־בוך") נישט געווען דאָס אַזוי גערופענע „איינאָרדענען זיך", נאָר דאָס אויספירן דאָרט באַשטימטע קאַמפּס־אויפגאַבן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעמע פון דעם דאָזיקן בוך איז ווערט אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף עטלעכע שטריכן אין דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער גרופּע. איר אָנהויב בינדט זיך גיכער מיט די סענטימענטן, וואָס געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס איז פראָסט פּשוט געווען אַ הייפל פריינד פון דער פאַרמלחמהדיקער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אין די נייע באַדינגונגען טוען זיי דאָס, וואָס עס האָבן געטון אַ סך אַנדערע קרייזן און קרייזלעך. זיי קומען זיך צוזאַמען, דערמאָנען די פריערדיקע יאָרן, פירן דורך קאָלעקטיווע שמועסן אויף זייער דערהויבענע טעמעס, וועלכע זענען אָבער זייער אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט.

פון צייט צו צייט קומט צו (מער־ווייניקער צופעליק) דער, אָדער

יענער נייער באַקאַנטער, דער אַדער יענער שכן. די צוגעהעריקע פון נישט איינעם פון זיי צו דער אָרגאַניזאַציע וועט איבריקנס ביזן סוף בלייבן אַ פּלאַטאָנישע. זי בלייבט שטיין ביי שמועסן, אָבער — אין דער שפּעטער־דיקער צייט — ביים אויסנוצן די באַהעלטעניש, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער אָרגאַניזאַציע; איבערהויפּט אויף דער פּראָווינץ, ווייט פון די אונטערנעמערישע אַקטיווע אַרויסטרעטונגען, וואָס זענען דורך דער גרופּע אָרגאַניזירט געוואָרן. שפּעטער, צוזאַמען מיט דעם רייף ווערן פון די קאַמפּס־דעציזיעס, קומט פאַר אַ במילאַדיקע איבערטאַסירונג פון דעם אַנסאַמבל. די וועלכע עס בינדט מיט דער גרופּע אַ בלויזע פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט, בלויז אינטעליגענטע שמועסן, אָדער בלויז די פּאַרמלחמה־דיקע סענטימענטן, וועלן בלייבן אויסער די ראַמען פון דער אייגנטלעכער טעטיקייט. דערפאַר ווערט אָבער דער קערן פון דעצידירטע קעמפער פאַר־גרעסערט מיט מענטשן פון אַנדערע גרופּעס. צו דער דריי פּערזאָניקער קאָמאַנדשאַפט געהערט: ראַמאַן לייבאָוויטש (פּסעוודאָנים „לאבאן") פון פּועלי ציון צ. ס., שמעון דרענגער (פּסעוודאָנים מאַרעק באַראָווסקי) און אַדאָלף ליבעסקינד (פּסעוודאָנים יאַן ראַפּא) פון דער אַלגעמיינער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע „עקיבה". גלייכצייטיק אין קאָנקרעטע אַקציעס — קומט צו אַ צוזאַמענאַרבעט (פון צייט צו צייט), מיט דעם יידישן קעמערל פון פּ.פּ.ר. (רעפּרעזענטירט דורך גאַלאַ מירער). אומאָפּהענגיק דערפון בינדט די גרופּע אָן אַ קאָנטאַקט מיט דער יידישער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ און שליסט זיך דערמיט איין אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון יידישן אונטערערדישן קאַמף.

„טאַט" האָט באַדייט (ווען מען נעמט אין אַכט די יוגנטלעכע אומ־דערפאַרנקייט פון דער גרופּע, וואָס האָט געבערענגט דערצו, אַז מען זאָל סוגערירט ווערן דורך די אַממייסטן פּאָפּולערע לאָזונגען) פּאַרטיזאַנער־קאַמף. דאָס לעצטע האָט באַדייט: וואַלד. די ערשטע זעקס בחורים (פּישע, שמואל גאָטליב, סאַלא קאַנאַל, זיגמונט מאַבלער, עדווין ווייס, ברוך וועקס־נער) ווערן אַרויסגעשיקט אין די לובלינער וועלדער, מיט דער באַוואָפע־נונגס־אויסשטאַטונג פון אַזש... צוויי רעוואָלווערן. ס'איז געווען אַ מסירה (אַ שטאַרק איבערגעטריבענע) און די דייטשן רינגלען אַרום דעם וואַלד. אַ כאַאָטיש איבערשיסן זיך און די דייטשן ציען זיך צוריק (נישט אנענדיק

וועגן דער נישטיקער צאָל פון קעגנער). דערנאָך — אַן אָנפאַל פון דער גרופּע אויף אַ דייטשן פּאָסטן בכדי צו באַקומען געווער און עס פאַלן פינף קעמפער. די ווייטערדיקע אַקטן פון דער קראַקעווער גרופּע ווייזן אַן אויף אַ גרעסערער טאַקטישער דערפאַרונג. דאָס דעראָבערן מלבושים (פון די מאַגאַזינען אין בנין פון „אָפּטימע" אין קראָקע) דאָס דעראָבערן געווער דורך די פאַרבינדלער, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט קיין מיעכאָוו, דאָס אונ־טערצינדן די מיליטערישע באַראַקן אין גזשעגאָרסק, דאָס אויפרייסן בריקן און באַן־ליניעס (אין פאַרשידענע ערטער אויף דער טראַסע: קראָקע־לעמבערג, וואָס איז געווען איינע פון די הויפּט־אַרטעריעס פון צופיר פון מיליטערישן מאַטעריאַל אויפן מזרח־פראָנט), צום סוף — דאָס באַוואַרפן מיט גראַנאַטן — אין דעצעמבער 1942 — די קאַפע „ציגאַנעריאַ" (אַן אָרט ווו דייטשע אָפיצירן פלעגן זיך צוזאַמענקומען). דער לעצטער אַקט ווערט באַגלייט דורך אַן אַקציע פון דעמאָנסטראַטיוון פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער. (פלוגבלעטלעך און אַפישן קאַלפּאָרטירטע און צעוואָרפענע אין פאַרשידענע פונקטן פון שטאָט, אין דער זעלביקער צייט פון איבער־פאַל אויפן קאַפע. דאָס איז געוואָרן אויסגעפירט דורך די מיידלעך פון אַקטיוו). ס'קומען דערנאָך אַרעסטן, תפיסה און דאָס אַנטלויפן פון תפיסה. דאַן נייע פּרוון צו אָרגאַניזירן קאַמפּס־אַקטן אין דער פּראָווינץ און דער שטופּנווייזער טויט פון אַלע (טאַקע אַלע!) אַקטיוויסטן פון דער ערשטער ליניע (נעבן דעם שוין דערמאָנטן דרענגער, לאַבאַן, ליבעסקינד, גאַלאַ, מירער, הערש באומינגער, אַלעקסאַנדער גאָלדבערג, בנימין האַלברייך, שלמה שיין, יהודה טענענבוים, הלל וולאַדזשיסלאַווסקי, מ. צוקערמאַן...).

די אויבנדערמאָנטע פּרטים זענען דאָ געגעבן געוואָרן בלויז צוליב אָריענטאַציע. עס גייט דאָ איצט נישט אין דער געשיכטע פון דער דער־מאָנטער גרופּע, נאָר אין באַלויכטן דורך איר די פראַגע פון „אַרישע פּאַפּירן". די דערציילטע פאַקטן באַווייזן, אַז די קאַמפּס־אויפגאַבן זענען דורכגעפירט געוואָרן מחוץ דעם געטאָ. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבן כמעט אַלע קעמפער פון דער ערשטער ליניע (שוין נישט רעדנדיק וועגן די פאַרבינדלער 1) געמוזט מער אָדער ווייניקער זיך באַנוצן מיט „פּאַ־

1) גוסטאַ דרענגער, באַלזאַם, האַנקאַ שפּריצער, האַלאַ שיפער, האַלינאַ רו־בינער, מרים ליבעסקינד, שפּינער, אַנקע פישער.

פירן״. אין דער שטאָט, אויסער דער געטאָ, האָט די אָרגאַניזאַציע אַפילו פאַרמאָגט אַ מין „עקספּאָזיטור״ אין דער פאָרם פון אַ וווינונג, וועלכע ס׳האָט פאַרנומען אַלעקסאַנדער גאָלדבערג („אַלעק״), אויף דער וויעלאָ־פּאָלע גאַס נומ. 26. דאָרט האָט זיך קודם כל געמאָלדן יעדער ניי־געקו־מענער און דאָרט האָט ער זיך אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אין געטאָ. פון אַלעקן האָט מען אויך באַקומען שיינען, מיט וועלכע מען האָט געקענט דורכגיין די געטאָ־טויערן.

דאָס אַלץ האָט נאַטירלעך געפאָדערט, אַז מען זאָל האָבן נישט בלויז „פּאַפּירן״, נאָר מען זאָל זיי אויך כסדר קענען בייטן. און נישט נאָר נאָר־מאַלע „פּאַפּירן״ (ד. ה. אַרישע „קענקאַרטעס״ מיט די נויטיקע צוגאַבן) נאָר אויך ייִדישע פּאַפּירן און נעמלעך — די דערמאָנטע פאַלשע שיינען, מיט וועלכע מען האָט געקענט אַריין גיין צו יעדער צייט אין געטאָ. לסוף אויך אויסלענדישע פּאַפּירן מיט אַ פאַרשידנאַרטיקער מאָטיווירונג און אָנווענדונג.

לאָמיר דאָס אַלץ גלייכשטעלן מיט דער דערשיינונג, וואָס איז גענוג אַרומגערעדט געוואָרן אין אַנדערע קאַפּיטלען. כ׳האָב אין זין די שווערי־קייטן, וועלכע ייִדן האָבן אין יענע יאָרן געמוזט בייקומען כדי צו קריגן די געפעלשטע „אַרישע״ באַשטעטיקונגען. דאָס שאַפן אַזאַ מין „פאַבריקל״ פון פאַלשע דאָקומענטן האָט דעריבער (ווייניקסטנס אין די ערשטע יאָרן) נישט געקענט זיין קיין זייטיקער ענין. ס׳האָט געפאָדערט אַ לאַנגע צו־גרייטונג, אָנשטרענגונג, איבערקלערונג און דערפאַרונג. עס האָט געפאָ־דערט בלאַנקעטן און שטעמפּלען, טעכנישע קענטענישן און גענוג־קאָמפּ־ליצירטע „סטודיעס״ (אָריענטאַציע אין די פאַרשידענע מינים דאָקומענטן, ווי אויך דער אופן פון זייער דעקונג און אָנווענדונג, אַ גאַנצע סטראַטעגיעביים אויספילן די פאַרשידענע רובריקן א. ד. גל.). פאַר די דערמאָנטע אַקציעס האָט דעריבער געמוזט זיין אַ צייט, ווען די פראַגע פון „פּאַפּירן״ איז פאַר די אָנפירער פון דער גרופּע געוועזן אַ צענטראַלע פראַגע. און פאַקטיש: די דאָזיקע „פּאַפּירן״ זענען געווען די ערשטע פּראַקטישע „טאַטן״, די ערשטע קאָנקרעטע מעשים.

און וועגן דעם ענין וועלן מיר אין „יוסטינעס טאָגבוך״ טרעפן אַן אינטערעסאַנטן פראַגמענט, וואָס האָט אַ שיכות צו דעם פאַר־עטאַפּ פון

דער טעטיקייט פון דער קאַמפּס־גרופּע און נעמלעך צו די שריט, וואָס זענען אונטערגענומען געוואָרן נאָך אין געטאָ.

„אין משך פון אַ קורצער צייט האָט דאָס טעכנישע ביוראָ אָפּערירט מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. נאָר איין זאַך, די וועזנטלעכסטע האָט מאַ־רעקן 1) געפעלט — אַ געהעריק לאָקאַל. ער האָט געטראָגן זיין גאַנצע ביוראָ אין די קעשענעס פון פּאַלטן. ווען מען האָט געדאַרפט עפּעס טון, האָט מען געמוזט אייליק זוכן ערגעץ־ווו אַ פריי צימער. דאָרט האָט ער צעלייגט זיין ביוראָ אויפן טיש און האָט אַזוי לאַנג „אַמטירט" ביז ס'האָבן זיך דערהערט טריט אויף די טרעפּ. דעמאָלט איז די גאַנצע ביוראָ ווידער־אַמאָל תיכף פאַרשוווּנדן אין זיינע קעשענעס. און ווען די טיר האָט זיך געעפנט איז ביים טיש געזעסן אַ מענטש, וואָס האָט זיך אומשולדיק גע־לייענט אַ צייטונג. מיט דער צייט האָט שוין די קעשענע נישט געקענט מער אַריינגעמען די גאַנצע איינריכטונג און דעמאָלט האָט זיך באַוויזן דער פּאָרטפעל. מיט אים האָט מאַרעק אַרומשפּאַצירט איבערן געטאָ און אַמ־טירט יעדע האַלבע שעה ערגעץ אַנדערש, אָפּהענגיק דערפון ווען דער באַלעבאָס פון שטוב איז אַהיים געקומען. גאַנץ אָפט האָט געטראָפן, אַז ער איז פאַרשוווּנדן מיט זיין ביוראָ אין דער באָד און איז אין אַ האַלבע שעה אַרום צוריק געקומען מיט אַ פּאַרטיק שטיקל אַרבעט. ער איז געווען דער אָביעקט פון האַרציקע חכמות מצד זיינע פריינד. גלייכצייטיק איז ער אָבער מיט זיין וואַנדערנדיקן ביוראָ געווען דער סימבאָל פון דער גאַנצער באַוועגונג, וואָס האָט פון גאָרנישט באַשאַפן אַ יש, וואָס האָט נישט האָבנ־דיק קיין שום אויסערלעכע באַדינגונגען אויסגעשמידט אַלץ אַ דאַנק דעם שטאַרקן ווילן און אויסדויער. דאָס איז אָבער געווען אַ שפּיל מיט פייער. מיט דער צייט האָבן צוויי פעסט־אָנגעשטאָפּטע פּאָרטפעלן נישט געקענט אַריינעמען די גאַנצע ביוראָ. ס'איז צוגעקומען מאַטעריאַלן. מען האָט מאַ־רעקן געמוזט נאָכטראָגן פּאָרטפעלן, שאַכטלעך, אַ שרייב־מאַשין און אַנדערע פּעקלעך".

די דאָזיקע פּרטים ברענג איך כדי בולט צו מאַכן די איבערראַשנדיקע (אָן אַנדערע מעשה — אַז אויך געפלאַנטע) איינהייטלעכקייט פון די ריכט־ליניעס. וואָרום אויב די דאָזיקע מענטשן האָבן אַזויפיל כוח אַוועקגעגעבן

1) ש. דרענגער.

כדי זיך צואייגענען די טעכניק און די סטראַטעגיע פון „אַרישע פּאַפּירן”, אויב זיי האָבן שוין אַפילו פאַרמאָגט אַ (נישט שלעכט־אויסגעשטאַט) פּאַבריקל פון דאָקומענטן (און דאָס אין דער צייט ווען אַרום און אַרום איז פול געווען מיט מענטשן, פאַר וועלכע יעדעס „פּאַפּירל” איז געווען דער העכסטער טרוים), אין דעם פאַל האָט שוין די אומגעבונג אַליין אונטערגערוקט דעם געדאַנק צו ריכטן דעם אַקטיוויזם אויפן וועג פון ראַטעווען מענטשן פון טויט. צו פאַרזאָרגן מיט „פּאַפּירן” זייטיקע פּערזאָנען, צו העלפן זיי „איינאָרדענען” אויסער די מויערן פון געטאָ, אונטערצונעמען אַ ברייטערע איניציאַטיוו, פּרווון אויסצובויען געוויסע „פּונקטן”, אויסצולייגן געוויסע וועגן 1).

אין דער ריכטונג האָט מען אָבער נישט פונאַנדערגעוויקלט קיין גרעסערע טעטיקייט. די אויסאַרבעטונג פון „טעכנישן ביוראָ” זענען טאַקע אָנגעקומען צו מענטשן אויסער דער גרופּע, אָבער צו אַ קליינער צאָל. עס האָט אַפילו געטראָפן, אַז מען האָט פאַרקויפט „קענקאַרטעס” און דאָס געלט איז געגאַנגען אויף פאַרשידענע אויסגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע (קויפן געווער א. ד. גל.). מיט אַנדערע ווערטער: אַפילו דאָס צעטיילן „פּאַפּירן” איז אין אַ געוויסער מאָס געווען נאָר אַ מיטל. דער ציל איז געווען — דער איינציקער און דער איבערוויגנדיקער — דער גליאיקער ווילן צו אָרגאַניזירן קאַמפּס־אַקטן. (די רייד זענען דאָ נאַטירלעך — ווייל נאָר דאָס איז וועזנטלעך — וועגן די קעמפער פון דער ערשטער ליניע, ד. ה. וועגן די אָנפירער און אמתע אַקטיוויסטן).

---

1) הילפס־ערטער אויסער די מויערן פון געטאָ, אָרגאַניזירן הילף, אינסטרוקטירנדיקע פאַקטאָרן, אָנווייזונגען, אויסזוכן אָדער העלפן אויסזוכן דירות און מליינעס. די אויפגאַבן פון דעם מין זענען שפּעטער אַריינגעגאַנגען — וועגן וואָס עס וועט נאָך זיין די רייד — אויך אין פּראָגראַם פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז געווען אַן ערנפולע און געפערלעכע טעטיקייט, וואָס האָט פאַרלאַנגט אויסדויער און קרבנות־גרייטקייט. אין דער צייט, וועגן וועלכער עס ווערט דאָ גערעדט איז נישט איין זאַך געווען לייכטער ווי שפּעטער.

אין טעקסט איז די רייד — אין דער ערשטער ריי — וועגן די פאַרנאַכלעסיקונגען מצד יידישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַקטאָרן. די קאָנסעקווענצן זענען אָבער געווען פיל ברייטער (און דאָס אין אַלע געגנטן, ווייל די טענדענצן זענען צוזאַמענגעפאַלן גענוג ענלעך). עס איז אָבער קלאָר, אַז אין יענע באַדינגונגען האָבן איינצלנע מענטשן און אָרגאַניזאַציעס מיט ווייטגייענדיקער איניציאַטיוו און קרבנות־גרייטקייט געקאָנט צוטריטלעך מאַכן דעם וועג, אויף וועלכן עס זענען געגאַנגען נאָר איינצלנע פאַר אַ גרעסערע צאָל.

אַרישע פּאַפּירן

צי האָט אָבער אין יענע באַדינגונגען דער געדאַנק וועגן ראַטעווען מענטשן געקענט נישט פּייניקן די מוחות?

מען דאַרף קענען לייענען די דערקלערונגען און עדות־אַרויסזאָגונגען פון יענע יאָרן כדי אַפילו אין אַזאַ „יוסטינעס־טאָג־בוך“ 1) צו אַנטדעקן אַ שלל מיט רירנדיקע מענטשלעכע קאָנפליקטן און זאָרגן.

1) צווישן זיך רעדנדיק איז דאָס אַ ווונדערלעך ביכל פון יענע פינצטערע יאָרן און דאָס טאַקע אַ דאַנק אירע פעלערן. די אומגעבונג, אין וועלכן דאָס ביכל איז אַנטשטאַנען, די ראָל, וואָס איז איר צוגעפאַלן אַלס דאָקומענט האָט פאַרשטעלט פאַר די צופעליקע קאָמענטירער דעם דאָזיקן אַספּעקט. דאָס טאָג־בוך איז נעמלעך געשריבן געוואָרן אין תפיסה אויף טואַלעט־פּאַפּירלעך בעת עס האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונגס־צייט פון די אויטאָרין. דאָס טאָג־בוך האָט איבערגעלעבט איר מחבר און איז נאָך דער מלחמה געוואָרן אַ רירנדיקער דאָקומענט, אַ קול פון קבר, וואָס האָט באַשטעטיקט דעם אמת וועגן דער גרופּע. פּאַטעטישע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס בוך איז אַנטשטאַנען, ווי אויך די שפּעטערדיקע ראָל (פון נישט אָפּיציעלע דאָקומענטן) האָבן געוויס געווירקט, אַז די קאָמענטירער האָבן זיך באַגנוגנט מיט אַן אַלגעמיינער „בראַנזירונג“ און דאָס אַ גאַנץ אויבערפלעכלעכער. אין דעם טאָג־בוך האָבן זיי קודם־כל געזען „ליטעראַרישע מעלות“ (נישט באַמיענדיק זיך איבעריקנס זיי נענטער און פּינקטלעכער צו כאַראַקטעריזירן). זיי האָבן אָבער נישט באַוווסט צו מאַכן זיך אַליין (און דעם לייענער) דעם פאַקטישן אינהאַלט פון דער שאַפונג, וואָס איז געשריבן מיט אַ גלאַטיקער און פאַררונדיקטער שפּראַך, (וועלכע איז נישט פריי פון דער לעבעדיקייט און דער נאַאיווקייט פון גימנאַזיאַלן טיפּ. געשריבן מיט אַ המשכדיקייט הן פון די כראָנאָלאָגישע געשעענישן, הן פון די אַסאָציאַטיווע אָנערגונגען. דאָס איז אַלץ. דאָס רעדן וועגן „ליטעראַרישע מעלות“ (פונקט ווי וועגן דעם פעלן פון זיי) איז אָבער נישט מער ווי אַ גוטמוטיקער ווערבאַליזם. דער סוד פון בוך שטעקט לגמרי ערגעץ אַנדערש: שרייבנדיק איר טאָג־בוך אין דער דערוואַרטונג פון טויט, (בכן מיטן בפירושן ווילן איבערצוגעבן רעלאַציעס פון קבר אַרויס), שרייבנדיק אים דערצו אין אַ געמיט פון פערזענלעכער אומגעבראָכנקייט אין דעם דאָזיקן האַרטן נסיון דערהאַלט גוסטא דרענגער כסדר צו דערהויבנקייט פון אויסדרוק. אָבער די געשעענישן, וועלכע זי באַשרייבט זענען דאָך נישט בלויז די געשיכטע פון דער באַוועגונג. דאָס זענען גלייכצייטיק די פערזענלעכסטע דערמאָנונגען, דערמאָנונגען וועגן מינוטן, דערמאָנונגען וועגן אינטימע, אַדער שווערע סיטואַציעס, דערמאָנונגען וועגן פריינט, וועגן איבערלעבונגען. אומעטום קאָנקרעטע זאַכן. און דאָס שפּילט טאַקע די הויפּטראָל. אין רעזולטאַט דערפון האָט די אויטאָרין אָנגעזעטיקט דאָס גאַנצע טאָגבוך מיט איר יוגנט און מיט דער יוגנט פון דער גרופּע. אומאָפּהענגיק פון די אויסגעזוכטע עפּיטעטן און סופּערלאַטיוון באַשרייבט זי דעם אמת פון טאָגטעגלעכן לעבן, צרות און סתירות. אומאָפּהענגיק פון דער גינסטיקייט, מיט וועלכער זי באַטייליקט אין געריכטקייט — אַלע, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער באַוועגונג, אָדער האָבן זיך מיט איר צוזאַמענגעטראָפן (אַפילו צופעליק), דערלויבן דאָך די רעאַליסטישע ערטער אין בוך צו שאַפן זיך אַ באַגריף וועגן די ריכטיקע פּראָפּאָרצן. און דאָס טאַקע מאַכט פון איר טאָג־בוך אַן אויסנעמלעכן קוואַל, מיט אַן אויסנעמלעכן רייץ. אַ דאַנק דעם באַזיצט איר טאָג־בוך די אייגנשאַפטן פון יענע ביכער, וואָס מ׳אַרואַ האָט אָנגערופן „גליקלעכע“ אין דעם זין, וואָס מיטן לויף פון דער צייט, מיטן

„מען האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן — לייענען מיר דאָרט — צווישן אַנדערן, אַז צום סוף ווען עס וועט פאָרקומען דער וואָפנשטיל־שטאַנד, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועט שוין קיינער פון זיי נישט זיין. קיינער פון זיי, וואָס איז געווען אַן עדות פון דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען״.

דעריבער רוקן טייל אַרויס דעם געדאַנק, אַז מען זאָל ראַטעווען כאָטש די, וועלכע קענען סיי ווי נישט אָנטייל נעמען אין קאַמף.

„דאלעק״ (ליבעסקינד) האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. ער האָט געשטעלט די פראַגע אויפן שפּיץ פון מעסער. אָדער קאַמף — אָדער ראַטעווען מענטשן. אויב קאַמף — גייען מיר צו אים אַלע. יעדער אַנדערער וועג איז דעזערטירעריי״.

אָבער די גרופּע (ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט) האָט געהאַט — ווי איבריקנס יעדע באַוועגונג און יעדע אָרגאַניזאַציע — אירע פריינד, אירע סימפּאַטיקער. צווישן אַנדערע אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צו דער גרופּע אין איר סאַמע אָנהויב, ווען די טעטיקייט האָט זיך באַגרעניצט בלויז צו שמועסן. שפּעטער, ווען עס איז שוין געקומען צו קאָנקרעטער אַרבעט זענען די דאָזיקע מענטשן געבליבן, נאַטירלעך, אויף די פּעריפעריעס, פאַרנומען מיט זייער אייגענער זיכערקייט. דער געפילס־קאָנטאַקט האָט אויך ווייטער עקזיסטירט. ס׳איז אַפילו אָפט געקומען צו צוזאַמענטרעפן און באַגעגענישן דורך דער פאַרמיטלונג פון די נייגעקומענע פאַרבינדלער. אָט למשל באַשרייבט „יוסטינע״, צווישן אַנדערן, איר אָנקומען קיין באָכניע, ווו עס האָט זיך געפונען אַ קרייזל פון אַזעלכע נאָענטע סימפּאַטיקער. איינער פון זיי האָט אַפילו צוגעזאָגט צו רעפערירן אַ נייעם פּראָיעקט.

— „מיר זיצן דאָ, אין דער ווייטנס פון אייך — האָט ער אָנגעהויבן — און נישט זייענדיק אין דער מיט פון דער אַרבעט זעען מיר מסתם געוויסע זאַכן אין אַן אַנדער ליכט. אייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז

אויפהערן צו זיין אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן געשעענישן פון ערשטן פּלאַן (וואָס איז אגב דאָ באַשריבן גענוג אַלגעמיין און פאַרנעפּלט צוליב דער דויערנדיקער אויספאָרשונג און דער נויטיקייט צוליב דעם צו זיין פאָרזיכטיק) דעקן זיי אויף זייער „צווייטן דנאָ״: דעם איבערצייטלעכן אמת וועגן מענטש און „מענטשלעכע ענינים״.

געוועדעט אויף פּאַרטיזאַנער־קאַמף און דאָ זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי ברענענדיקע ענינים, וואָס גיבן קיין רו נישט".

שפּעטער, נאָך עטלעכע אַרום־גענג (איינהילנדיק די זאַך אין שפּינוועבס פון דערהויבענע ווערטער) האָט ער מודה געווען, אַז עס גייט אים וועגן שוץ און רעטונג פון מענטשן „מיט אַ געטלעכן פונק".

„— די קעמפער האָבן שטענדיק זיך געבראַכט פאַר אַ קרבן. אָבער זיי זענען רויק וועגן זייער היים און וועגן זייער משפחה. דעריבער דאַרפן אויך מיר"... א. אַ. וו. איבערגעזעצט אויף פּראָזע באַדייט דאָס אָט וואָס: זייער שיין מיינע טייערע, וואָס איר קעמפט און זענט טאַקע העלדן. ס'וואָלט אָבער כדאַי געווען צו טראַכטן אַביסל אויך וועגן אונדז, וועלכע זענען נישט קיין העלדן און וועגן אונדזערע משפחות.

דערין איז געווען די פּראָזאַאישע זאָרג וועגן זיך און וועגן די נאָענטע. אַזאַ געוויינלעכע, מענטשלעכע, אַלטעגלעכע; אפשר איז דאָ אומזיסט געגרייכט געוואָרן צו באָמבאַסטישע ווערטער, צו אַ פילאָזאָפירנדיקער אַרגומענטן־באַגרינדונג, אָבער לסוף איז די דאָזיקע זאָרג אַזאַ נאַטירלעכע און פאַרשטענדלעכע.

אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט דערויף רעאַגירט יוסטינע? זי האָט געהערט אַ פאַרמאַטערטע, ווי דורך אַ נעפּל. עטלעכע מאָל האָט זי איבערגעחזרט, אַז זי גלויבט נישט דאָס עמיצער זאָל קענען איבערהאַלטן. זעט אויס, אַז דער געדאַנק וועגן אויסמיידן דעם טויט (וועלכער האָט — מיטן כוח פון דער סיטואַציע — געמאַטערט די פּאַסיווע סימפּאַטיקער), איז אין דער גרופּע פון אַקטיוויסטן נישט געווען פּאָפּולער. טראָץ דעם גיט יוסטינע צו:

— „איך וואָלט אייך פון גאַנצן האַרצן געווען דאַנקבאַר, ווען איר וואָלט דאָס גענומען אויף זיך. און עס דוכט מיר, אַז קיינער פון דער אָנפירערשאַפט וואָלט קעגן דעם אַ וואָרט נישט געזאָגט. פאַרקערט, אַלע וואָלטן דאָס אויפגענומען מיט פאַרלייכטערונג; וואָרום דאָס ליגט דאָך אונדז שטאַרק אויפן האַרץ".

נישט געקוקט דערויף וואָס: „עפּעס האָט דאָרט טיף אינערלעך זיך קעגנגעשטעלט קעגן דעם דאָזיקן פּראָיעקט".

ווען זיי פרעגן:

— „וועסט דאָס אַלץ איבערחזרן פאַר דער אָנפירערשאַפט?״
ענטפערט יוסטינע:

— „נישט גערן. כ׳בין זיך אויפריכטיק מודה. וואָרום איך האָב נישט די איבערצייגונג, בעסער געזאָגט: איך גלויב נישט, אַז עס וועט זיך עפּעס איינגעבן צו טאָן. איך האַלט, אַז מיין פאָרשטעלן דעם ענין וואָלט איך נאָר געקענט שאָדן ברענגען, ווייל דאָס וואָלט נאָר געווען אַ שלעכטער באַריכט״ 1).

בקיצור: די זאָרג וועגן די נאָענטע, די זאָרג אין אָנגעזיכט פון דער לויערנדיקער פאַרניכטונג האָט געשווערט (זי האָט דאָך געמוזט באַשווערן) אויף אַלעמען. אין דער גרופּע אַקטיוויסטן, צו וועלכער עס האָט געהערט יוסטינע, האָט אָבער עקזיסטירט עפּעס ווי אַ שטילער אָפּמאַך, אַז מען זאָל איבער די זאָרגן פון דעם מין נישט צופיל טראַכטן און נישט מאַכן פון זיי קיין פּראָבלעם. דער דאָזיקער חשבון האָט זיך קאָנדענסירט און אויסגעשעפּט אין די באַגריפן: קאַמף און טויט.

קאָנטראַ־ווערסיעס אויף דער דאָזיקער טעמע, די צוזאַמענשטויסן פון דער קאַמפּס־דעטערמינאַציע מיט די געוויינלעך מענטשלעכע געפילן פון די זייטיקע סימפּאַטיקער און באַקאַנטע האָבן, זעט אויס, געמוזט זיך אָפּט איבערחזרן, ווייל דאָס עכאָ פון די קאָנטראַ־ווערסיעס געפינען מיר אויך אין אַנדערע זכרונות. קלאַראַ קליין האָט למשל נאָטירט אַ צוזאַמענטרעף מיט דרענגערן און ליבסקינד אין קראָקע, אין אָקטאָבער 1942, שוין נאָך די „אַקציעס״:

„סימעק״ האָט פיבערהאַפט פאַבריצירט אַרישע דאָקומענטן. עדווין און זיגא האָבן אַקוראַט געהאַט אַרויסגעמאַרשירט מיט דעם ערשטן פּינפּטל אין וואַלד אַריין. דאָלעק האָט אָפּגעהאַלטן לאַנגע געהיימע קאָנפערענצן מיט לאַבאַנען. ביי דאָלעקן האָט שוין ענדלעך אָנגעגרייפט דער ענטגילטיקער באַשלוס. ער האָט געוואָלט נקמה און טויט. ער האָט נישט געקענט, ער האָט נישט געוואָלט קענען קיין אַנדערן וועג. ער האָט פון אַלע אַנדערע דערוואַרט די זעלביקע דעציזיע.

— פאַרוואָס אָבער זאָל מען נישט פאַראייניקן אונדזער וועג מיט אַ

1) „יוסטינעס טאָג־בוך״, זייט 73־74.

פּאָזיטיווער אַקציע פון אַרויסרייסן מענטשן פון געטאָ? — האָב איך גע־פרעגט. — צי זענען מיר דאָס נישט שולדיק אונדזערע טויזנטער יוגנט־לעכע, וועלכע שלאָגן זיך נאָך איצטער אין שטייג, ווי אַ געפאַנגענע חיה, גרייט צו גיין אויף יעדן רוף אין וואַלד אַריין, צו יעדן קאַמף אַבי נאָר נישט צו זיין שוצלאָז?... אין „ארץ" וואַרטן אונדזערע ברידער. פאַר זיי וואָלט נייטיק געווען צו ראַטעווען די יוגנט.

— ניין! אונדזערע ברידער אין „ארץ" זענען מיר שולדיק בלויז אַ טויט, וואָס פּאַסט פאַר חלוצים...

— און אונדזערע מוטערס? צי האָבן מיר רעכט פאַר זיי צו באַשטי־מען אַזאַ שרעקלעכן טויט? אַרויסגעבן זיי אין דער גרויליקער לאַפּע פון הענקער און אַליין זיך אויסצוקלייבן אַ בעסערן טויט, וואָרום מיט געווער אין דער האַנט?

איך רייס אויף אָן רחמנות זיינע ווייטיקלעכע ווונדן. אין קאָפּ איז ביי מיר פאַראַן נאָר איין געדאַנק, אַז דאָרט איז נאָך פאַראַן אַ ליבנדיקע מאַמע, וואָס האָפט און גלויבט און ווערט שוין קיינמאָל, שוין קיינמאָל... ניין, מיר האָבן נאָך נישט קיין רעכט. מיר זענען נישט אַליין.

ער וויל שוין מער נישט הערן.

— צי קענען מיר אָפּראַטעווען אַלע מאַמעס? ווי אַזוי? ראַטעווען לעבן? ווען דאָס גאַנצע פאָלק גייט אונטער? מיר געהערן שוין נישט צו אונדזערע מוטערס, הערסט?" 1).

און ערשט דעמאָלט ווען מיר וועלן זיך אַריינלעבן אין דעם קלימאַט וועלן מיר פאַרשטיין די דעקלאַראַציע, וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן דורך דאָלעק ליבעסקינד אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען:

„פון אונדזער וועג איז נישטאָ קיין צוריק. מיר שפּרייזן אין די טריט פון טויט. ווער עס וויל לעבן זאָל דאָס לעבן נישט זוכן צווישן אונדז. מיר זענעןביים ראַנד. אָבער אונדזער ראַנד איז נישט קיין אונטערגאַנג. אונד־זער ראַנד איז דער טויט, וועלכן אַ שטאַרקער מענטש גייט אַליין אַנטקעגן".

אין דעם דאָזיקן קלימאַט האָבן די „אַרישע פּאַפּירן" געקענט פאַר

---

1) קלאַראַ קליין — „לאָמיר זיך דערמאָנען".

זיי זיין נאָר דאָס, וואָס זיי זענען פּאַקטיש געווען: אַ רעקוויזיט פון קאַמף און דאָס נישט פון קאַמף פאַרן לעבן, נאָר קאַמף אויף טויט.

**
*

מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אַביסל לענגער ביים גורל פון דער דערמאָנטער גרופּע כדי צו באַלייכטן (ווי אַביישפּיל) געוויסע „אומפּאַנדעראַביליען“ וואָס זענען נוגע דעם מאָטיוו: „אַרישע פּאַפּירן“ אין דעם דאָזיקן צוזאַמענהאַנג. ענלעכע ענינים האָבן געהאַט אויך אַנדערע צענטערן, אויב זיי האָבן אָנגעווענדעט ענלעכע מעטאָדן. אַ פּרטימדיקע אַרומרעדונג פון די אַלע פאַרשידנאַרטיקע ביישפּילן וואָלט איבערגעטרעטן די ראַמען פון דעם דאָזיקן בוך. פונדעסטוועגן — אויפן גרונט פון די פּרטים, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן ביים סקיצירן די ראָל פון די פאַרבינדלער און פאַרבינדלערינס קען דער לייענער זיך שוין אָריענטירן, אַז אַ גאַנץ ענלעכע טאַקטיק האָבן אָרגאַניזירט 1) די גרופּע פון ווילנע און ביאַליסטאָק. לאָמיר צו דעם צוגעבן, אַז אויף דער אַזוי גערופענער „אַרישער זייט“ האָבן אויסגעפירט זייערע „שפּרונגען“ אויך די קאַמפּס־גרופּן, וועלכע האָבן זיך געשאַפן אין קלענערע ערטער, ווי למשל: אין פּיליצא 2). די מיטגלידער, וועלכע האָבן געבילדעט די אָרטיקע אָרגאַניזאַציע האָבן שוין אינעם ערשטן עטאַפּ (דעמאָלט ווען זיי האָבן נאָך געוווינט אין געטאָ) געמאַכט אַרויספאַלן אין דער אומגעגנט, כדי אויסצופירן סאַבאָטאַזש־אַקטן. שפּעטער זענען אַ טייל פון זיי איבערגעגאַנגען אין צוגעגרייטע באַראַקן און אַ טייל — אין וואַלד; דאָרט זענען פאָרגעקומען עראָאישע קאַמפן 3). די דאָזיקע געשעענישן האָבן נישט קיין ענגערע פאַרבינדונג מיט דער טעמע פון אונדזער בוך דערפאַר, ווייל די „אַרויספאַלן“ זענען געמאַכט געוואָרן אָן דער באַנוצונג פון „אַרישע פּאַפּירן“. אַפילו אין מעטאַפאָרישן זין (ד. ה. אָן דעם, אַז ס'זאָל האָבן אויסבאַהאַלטן געוואָרן די „ייִדישקייט“

---

1) און דאָס אויך דעמאָלט ווען די געטאָס האָבן נאָך עקזיסטירט (דערווייל איז בלויז וועגן זיי די רייד).

2) אלקושער פּאָוויאַט, קעלצער געגנט.

3) פאַרגלייך דעם פּראָטאָקאָל 520 („מאַטעריאַלן און דאָקומענטן“ — וועגן דער אונטערערדישער באַוועגונג).

פון די אַנטיילנעמער). צוליב דעם דאָזיקן טעם מוז מען אויסמיידן געשעע־נישן אין לעבן פון די יידישע וואַלד־גרופּן, די א. ג. „באַנדעס". דאָ וואָלט מען העכסטנס געקענט רעדן וועגן דעם קלימאַט אין וועלכן יענע גרופּן זענען געווען טעטיק. ד. ה. וועגן נאָך איין אַספּעקט פון די שטימונגען, וועלכע האָבן געהערשט בנוגע יידן אויף דער „אַרישער זייט".

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָבן מיר געווידמעט אַ ריי באַמער־קונגען וועגן דער באַדייטונג פון געטאָ אַלס צענטער אין וועזנטלעכן זאַמל־פּונקט פון אונטערנעמערישער איניציאַטיוו, אויך אין די פאַלן ווען די אייגנטלעכע טעטיקייט איז שוין אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אויף דער „אַרי־שער זייט". די דאָזיקע באַמערקונגען דאַרף מען אויספילן מיט דעם פּרט, אַז אָפט איז טאַקע אין געטאָ (טראָץ די שווערע באַדינגונגען) אויסגעפירט געוואָרן אַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע און טעכנישע אַרבעטן, און די פאַלן ווען דער פּלאַן האָט פאַרגעזען דאָס אַנטלויפן און דאָס אַנטוויקלען די קאַמפּס־אַקציע ערשט אין וואַלד. אַ קאָמיטעט פון געהיימע פינפטלעך, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל דאָס כסדרדיקע אַרויסשיקן מענטשן אין וואַלד איז, צווישן אַנדערע, געשאַפן געוואָרן אין קאָברין 1). און אין בריסק 1). אין דער דאָרטיקער געטאָ איז געשאַפן געוואָרן אַ וואַרשטאַט, וואָס האָט פּראָ־דוצירט גראַנאַטן און פאַריכט געווער. דאָס לעצטע האָט מען אויך גע־קויפט ביי די אוקראַינישע מיליציאָנערן און די מיידלעך, וועלכע זענען באַשעפטיקט געווען ביי דייטשן האָבן געגנבעט ביי זייערע „ברויטגעבער" קוילן. אין רעזולטאַט פון שווערע צוגרייטונגען האָבן זיך אין סוף 1942 צוזאַמענגענומען אין וואַלד אַ גרופּע פון 30 יידישע קעמפער, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַ ריי דיווערסיע־אַקטן (פאַרברענט דייטשע שפּייכלער, אַנטוואָפנט דייטשע פּאָליציי־פּאָסטנס 3).

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָ אַרומגערעדטן אופן פון טראַכטן איז דער פּלאַן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַ־ניזאַציע אין קרעמעניץ. די מיטגלידער פון דער דאָרטיקער גרופּע (האָבנ־

1) 2) פּאָליעסער געגנט.

3) די דאָזיקע גרופּע האָט שפּעטער אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיט סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער. איר ווייטערדיקער גורל איז אומבאַוווסט. זי איז פאַרשוווּנדן אָן שפּור. (פאַרגלייך „מאַטעריאַלן און דאָקומענטן" — אונטערערדישער קאַמף אין געטאָ און לאַגערן צ. יי. ה. ק. 1946).

דיק שוין אַ גרויסע צאָל געווער) האָבן זיך באַזאָרגט מיט „אויסוויזן״ 1), וועלכע האָבן זיי געגעבן דאָס רעכט ארויסצוגיין פון געטאָ. „זייער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויב די דייטשן וועלן אונטערנעמען אַן אַקציע אין געטאָ, וועלן די קעמפער נישט דערלאָזן דערצו פון דרויסן, אָנפאַלנדיק אויף די ס.ס.־מענער, פּאָליציי און זשאַנדאַמעריע. די קעמפער, וועלכע וועלן זיך געפינען אויסער דער געטאָ וועלן זיך קענען פריי באַ־וועגן און דעריבער וועלן זיי זיך נאָכן קאַמף צוזאַמענקומען אויף אַן אָרט אין וואַלד און וועלן בילדן אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג״. די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן איז אָבער פאָרגעקומען אַנדערש, ווי דער פּלאַן האָט פאָר־אויסגעזען. דעם 9טן אויגוסט 1942 איז דאָס קרעמעניצער געטאָ בליץ־שנעל אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. די אומ־געריכט געטראָפענע יוגנט האָט נישט געהאַט שוין קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגיין אויסער דער געטאָ. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נישט פּלאַ־נירטער, נישט־ אָרגאַניזירטער קאַמף אינעווייניק אין געטאָ. דעם ערשטן און דעם צווייטן טאָג זענען געפאַלן אַ פּאָר דייטשן און פּאָליציאַנטן. דעם דריטן טאָג האָט די יוגנט גענומען אונטערצינדן דאָס געטאָ. אין בהלה, צווישן די פלאַמען, האָט מען פאַרגעזעצט דעם קאַמף און די פאַרניכטונג. די געטאָ האָט געברענט אַ גאַנצע וואָך 2).

אין דעם לעצטן ביישפּיל באַשטעטיקט דער פאַקט פון אונטערנעמען אַ קאַמף אין פולשטענדיקער אומגעריכטקייט, די פעסטקייט און דעצי־דירטקייט פון די אָנטיילנעמער. דערפאַר רופט אַרויס דער פּלאַן, וואָס זיין רעזולטאַט איז געווען די דאָזיקע אומגעריכטקייט אַ ריי רעפלעקסן. קודם כל וואַרפט זיך אין די אויגן די יוגנטלעכע אומבאַרעכנטקייט, וואָס נעמט נישט אין אַכט די קאָמפּליקאַציעס פון קאַמף (אַפילו, לאָמיר זאָגן, ווען ער וואָלט אויסגעפאַלן אין הסכם מיטן פּלאַן — אויסער דער געטאָ), די צו גרויסע גראַדלייניקייט ביים ענין פון פרייען באַוועגן זיך אויף דער „אַרישער זייט״ און דאָס אַזש ביז דעם אויסחשבונען די קאָנצענטראַציע אין וואַלד נאָכן קאַמף. וועגן דעם וואָלט מען אָבער געקענט רעדן נאָר מיט דער וויטגייענדיקסטער באַוואָרעניש. ווייל עס קען זיין, אַז דער

1) באַשטעטיקונגען.
2) פּראָטאָקאָל 1670.

דעריבער זיך געשטיצט אויף אַזעלכע טאַקטישע שריט, וואָס מיר קענען פּלאַן איז געווען צוגעפּאַסט פּאַר יענע אַרט־באַדינגונגען און ער האָט נישט צוליבן טויט פון די אָנטיילנעמער. ווי עס זאָל נישט זיין אילוסט־רירט דער געבראַכטער פאַקט ביז וואָס פּאַר אַ גראַד די פאַרבינדונג מיטן געטאָ האָט באַדינט דעם לויף פון דער איניציאַטיוו און האָט געפורעמט די ניכטערע סטראַטעגישע הנחות.

די זעלביקע פאַרבינדונג טייטשט אויס אַזעלכע געשעענישן, ווי אין לאַכוויע 1) און ערגעץ אַנדערש.

דאָ ברענגען מיר נאָך איין פראַגמענט פון דעם שוין דערמאָנטן בוך „יוסטינעס טאָגבוך“:

— „ווען איך טראַכט — זאָגט ווייטער (יוסטינע) — אַז דאָ װעלן פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך אַלע ישובים פון אונדזער פאָלק, אַז ס'וועט נישט איבערבלייבן קיין זכר פון דעם אַלעם, וואָס איז אונדז דאָס טייערסטע, איז גאָט מיר אַן עדות, אַז איך וויל שוין בלויז איינס — דעם טויט. כ'וויל נישט קיין קרבן, כ'וויל נישט לעבן אויף די חורבות פון אונדזער פאָלקס־לעבן... כ'וויל נישט“...

1) פאָלעסיער געגנט. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען טעטיק אין יענעם שטעטל האָט טראָץ דער אוממעגלעכקייט צו באַקומען געווער אין דער האָפנונגסלאָזיקייט פון דער סיטואַציע דאָך באַשלאָסן נישט צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ. אין די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער 1942, ווען די ס. ס. און זשאַנדאַרמעריע האָבן אַרומגערינגלט די געטאָ האָט די יידישע יוגנט זיי אָפּגעוואַרט באַוואָפנט... מיט העק, דרענגער און ציינד־מאַטעריאַל. „אַזייגער 10 מיט 10 מינוט איז געפאַלן דער ערשטער שאָס, וועלכער האָט שטערבלעך פאַרוואונדעט יצחק דרעצקי. דעמאָלט האָבן פון פאַרשידענע געטאָ־ווינקלען גלייכצייטיק זיך באַוויזן פלאַמען. עס איז אַנט־שטאַנען אַ בהלה, בעת וועלכער די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געוואָרפן אויף די מערדער. עס זענען דערהרגעט געוואָרן אַ פּאָר פּאָליציאַנטן און זשאַנדאַרמען. איידער דער שונא האָט זיך באַוויזן צו אָריענטירן, האָבן 600 יידן באַוויזן זיך אַרויסצוקריגן פון געטאָ. איין ייד האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַ ביקס. אַ צווייטער (היילעץ) האָט מיט אַ האַק געשפּאָלטן דעם קאָפּ פון אַ זשאַנ־דאַרם. זיין ברודער האָט אַרויסגעריסן ביי אַ דייטש דעם אויטאָמאַט און מיט אים באַשאָסן די פּאָליציי... דאָס גאַנצע געטאָ איז פאַרברענט געוואָרן. די פלאַמען האָבן זיך אַריבערגעוואָרפן אויף די הייזער אויסער דער געטאָ. עס זענען פאַרברענט גע־וואָרן צוו. אַנד. די הייזער, אין וועלכע ס'האָט זיך געפונען: די ווערמאַכט, די פּאָסט, מיליץ, אַפּטייק, אַ מאַגאַזין מיט צוגעראַבעוועטע יידישע זאַכן.

ביים פריפּעטש זענען זיך צוזאַמענגעקומען 600 יידישע מענער, פרויען און קינדער, מיינענדיק, אַז די פּאָליציי וועט זיי נאָכיאָגן, האָבן זיי זיך צעטיילט אין גרופּן און זיך געלאָזט אין וואַלד זוכן די פּאַרטיזאַנער (צ. יי. ה. ק. פּראָטאָקאָל 36).

דערויף:

— „מיידל — האָט זיך אָנגערופן דאָלעק אומגעריכט — אַזויפיל האָט זיך שוין אין מיר אָנגעזאַמלט מרידה, אַז טיילמאָל — ער האָט זיך אַ וואַקל געטון אַ רגע — טיילמאָל וואָלט איך שוין וועלן בלייבן אינ־גאַנצן אַליין. דעמאָלט וואָלט איך זיך שוין נישט געמוזט רעכענען. קיינעם נישט אָפּשפּאָרן. כ'וואָלט זיך געוואָרפן אינגאַנצן אין קאַמף... ביז איך וואָלט צום סוף אומגעקומען אַ באַרויקטער".

און אויף אַן אַנדער אָרט — נאָך דער באַשרייבונג פון אַן אַפּאַקאַ־ליפּטישער „אַקציע" אין קראַקעווער געטאָ, וואָס האָט איינגעשלונגען אַ גרויסע צאָל פון אירע טייערסטע מענטשן:

„זיי זענען געווען (די רייד איז וועגן די קעמפער) פריי. די לעצטע פעדעם, וואָס האָבן זיי געבונדן מיט... דעם טאָגטעגלעכן לעבן האָבן גע־פּלאַצט. ווער ס'האָט דעריבער זיך נאָך געוואַקלט צי ער זאָל איבערלאָזן זיין יונגערן ברודער, זיין איינציקע שוועסטער, זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע, האָט פּלוצים נאָך דער „אַקציע" דערפילט, אַז ער האָט פרייע הענט און ער קען אָן באַוואָרענישן זיך וואַרפן אין לויף פון דער אַרבעט... דאָס איז געווען דאָס געפיל פון פרייהייט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף די חורבות פון פאַמיליען־לעבן. און שווער איז געווען דעם מענטש, וואָס איז אַנט־קעגנגעגאַנגען דער אויפגאַבע ווען אַלע געפילן זענען שוין געווען אויסגעשטאָרבן.

ס'זענען דעריבער אַנטשטאַנען פראַגן, וואָס האָבן געפּייניקט ווי געוויסנס־ביסן: פאַרוואָס בין איך פריִער נישט גרייט געווען? פאַרוואָס איז ערשט נויטיק געווען דער טויט, כדי איך זאָל זיך דערפילן נישט געבונדן? און די דאָזיקע פראַגן האָבן זיך וואָס אַמאָל טיפער אַריינגעריסן אין האַרץ און דעמאָלט, ווען דער אָדער יענער האָט זיך געפונען הינטער די תפיסה־מויערן 1) האָט ער געדאַרפט פּטרן לאַנגע שעהן כדי זיי צו פאַרענטפערן".

1) געוויס: דאָס איז אַ דירעקטע אלוזיע צו דער תפיסה, אין וועלכע די אויי־טאָרין האָט זיך געפונען בעתן שרייבן דאָס טאָגבוך (און נישט נאָר אַ רעטאָרישע ווענדונג!). דאָס איבערוואַרפן די באַטראַכטונגען אַזש ביז צו דער תפיסה טייטשט אויס דעם ווייטערדיקן טעקסט: איצט אָבער, געוואָרפן אין לויף פון דער אַרבעט האָבן זיי נישט געקאָנט קיין סך אַריינקלערן. עס איז נישט געווען קיין צייט צו רעפלעקסן" (דאָס „טאָגבוך פון יוסטינע", זייט 87־86).

אומקערנדיק זיך צום עיקר פון די אַרומגערעדטע שטראָמען: ווי לאַנג די געטאָס האָבן עקזיסטירט, אַזוי לאַנג האָבן די טעטיקייטן, וואָס זענען געפירט געוואָרן מיטן געדאַנק וועגן זיי, אָדער אין שייכות מיט זיי, געהאַט פאַר די יידישע טוער אַ מאָראַלישע מאָטיווירונג. דאָרט האָט זיך געפונען די יידישע מאַסע און דאָרט — צוזאַמען מיט דער מאַסע — זע־נען געווען פאַרזאַמלט (טראָץ אַלע אויסקרימונגען) די ווערטן פון דורות און זייער טראַגיזם. דער דאָזיקער נישט צערייסבאַרער בונד מיטן געטאָ, וואָס איז פאַרמשפּט געווען אין אַלע פאַלן נישט נאָר אויף אומקום און פאַרניכטונג, (אַפילו ביי דעם בעסטן אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד) נאָר אויך אין די מיינסטן פאַלן פאַרמשפּט אויך אויף דער אוממעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַ גרעסערן ווידערשטאַנד — האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם נעווראַלגישן אוממאַכט־אַרויסרופנדיקן פּונקט פון אַלע פּלענער. קעגן אַזאַ טראַגישן בונד איז יעדע סטראַטעגיע געווען אוממעכטיק. געוויס: מיטן אויסנאַם פון דער סטראַטעגיע פון ... נישט יידישע „אויזיצער" פון דעם דאָזיקן טיפּ, וואָס ליגנדיק אויף זייערע סאַפּקעס האָבן זיי „זיך געוווּנ־דערט", און וועלכע האָבן שוין מיט דער דאָזיקער (אין אַ מאַסע וואַריאַנטן אַרויסגעזאָגטער) „פאַרוווּנדערונג" געגעבן אַ באַווייז פון זייער אייגענער „העלדישקייט".

III

אין פּאָליציאַנטישן מונדיר אין דייטשער דינסט

באַזונדערס דאַרף באַרירט ווערן די דערשיינונג, וועלכע וואָלט געקענט אָנגערופן ווערן „וואַלענראַדיזם“. זי איז דער הויפּט־מאָטיוו אין דער פאַרכאַפּנדיקער געשיכטע פון רופּאייזענען. דער דאָזיקער בחור (געבוירן אין יאָר 1920 1), האָט אויסגעמעקט פון זיין פּאַספּאָרט צוויי ווערטער און זיי פאַרביטן מיט אַנדערע. דעם נאָמען „שמואל“ האָט ער פאַרביטן אויף „אָסוואַלד“ און זיין נאַציאָנאַליטעט אויף דער פּוילישער. פון ווילנע, ווו ער האָט געוווינט, איז ער אַרויסגעפאָרן אין אַ דאָרף. פון דאָרט, פאָרט ער, אין אַ צוויי חדשים אַרום אריבער אין דער שטעטעלע טורעץ (מירער פּאָוויאַט 2). דאָ באַקומט ער אַ פּאָסטן אין דער אָרטיקער שול אַלס וועכטער און שליסט באַקאַנטשאַפט מיטן פּאָליציי־קאָמענדאַנט סעראַפינאָוויטש — אַ באַרימטער פאַרשוין אין דער גאַנצער געגנט. סעראַפינאָוויטש נעמט אים מיט זיך קיין מיר, ווי אַ פּריוואַטן לערער פון דער דייטשער שפּראַך. אין מיר האָט אָסוואַלד נושא־חן געווען ביים שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע, וועלכער נעמט אים צו אַלס איבערזעצער און באַשענקט אים מיט אַן אויסערגעוויינלעכער האַרציקייט און צוטרוי. רופּאייזן נוצט אויס די לאַגע, וועלכע האָט זיך פאַר אים געשאַפן כדי צו העלפן די יידן. ער ווערט אַ מין וואלענראַד 3). וועגן זיין האַלטונג און טעטיקייט

1) אין קראָקעווער געגנט; 2) באַראַנאָוויטשער געגנט; 3) קאָנראַד וואַלענראַד (אַ העלד פון אַדאַם מיצקעוויטשעס אַ פּאָעמע אונטער דעם זעלביקן נאָמען איז פון זיין אָפּשטאַם אַ ליטווינער. ער קריגט זיך אַריין אינעם אָרדן פון די קרייצלער, וועלכע זענען געפערלעכע שונאים פון ליטע. ער גיט זיך אָן פאַר אַ קרייצלער. צייכנט זיך אויס. מאַכט „אַ קאַריערע“. צום סוף ווערט ער דער גרויסמייסטער פון די קרייצלער. אַלס אַזעלכער איז ער, בעת דער מלחמה פונעם אָרדן מיט ליטע, גורם די מפּלה פון די קרייצלער. אין דער פּוילישער ליטעראַטור באַדייט „וואַלענראַדיזם“ פאַרעטערישע אַקטיוויטעט, וואָס איז דיקטירט דורך ליבע צום אייגענעם פאָלק, וואָס ווערט אומברחמנותדיק געפייניקט דורך דעם פאַרהאַסטן פיינט.

אין יענע יאָרן דערציילן אַ סך מענטשן. עס האָבן זיך אַפילו פֿאַרהיטן לידער, וואָס זענען אין יענער צייט געשריבן געוואָרן לכבוד אים. ער אַליין... נאָר לאָמיר נישט פֿאַרלויפֿן די פֿאַקטן. לאָמיר זיך פֿאַרהאַלטן ביי די רעלאַציעס, וואָס זענען אָפּגעגעבן געוואָרן דורך זיין נאָענטן פֿריינד שלמה בארכאס, וועלכער האָט רופֿאייזענען געקענט נאָך פֿאַר דער מלחמה פֿון דער יידישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין ווילנע.

„דעם 14טן אָקטאָבער 1941, עטלעכע טעג נאָך דער אַקציע 1) בין איך געגאַנגען מיט מיין חבר לייזער ברעסלין צו דער אַרבעט. אַנטקעגן אונדז איז אָנגעקומען דער קאָמענדאַנט פֿון דער מירער זשאַנדאַרמעריע מיט אַ ווייסרוסישן פּאָליציאַנט. אין דעם פּאָליציאַנט האָב איך דערקענט רופֿאייזענען. ער האָט מיך אויך דערקענט. ער האָט זיך אַ רגע פֿאַרהאַלטן, כלומרשט צורעכט מאַכנדיק דעם שטיוול און ווען דער קאָמענדאַנט איז געהאַט אַוועק עטלעכע שפּאַן ווייטער, האָט רופֿאייזען צו מיר געזאָגט: „שלמה! היינט וועל איך זיין ביי דיר". דער חבר וואָס איז געגאַנגען צו־זאַמען מיט מיר האָט שטאַרק געוואָלט איך זאָל אים זאָגן, וואָס דער פּאָ־ליציאַנט האָט צו מיר גערעדט. כ'האָב זיך געהאַלטן ביי דאָס מייניקע, אַז איך וויים גאָרנישט, אַז איך האָב גאָרנישט געהערט".

דאָס זענען געווען טעג ווען די ווייסרוסישע פּאָליציי האָט געפּייניקט אין דער געגנט די יידן. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין די הייזער, האָבן גערויבט, אויסגעפּירט גוואַלט־אַקטן איבער פֿרויען.

„דעם 14טן אָקטאָבער 1941, דעם זעלביקן טאָג, אַזייגער 11 אין אָוונט — דערציילט ווייטער דער עדות — האָט עמיצער אָנגעהויבן קלאַפּן אין אונדזער טיר.

מיר האָבן געעפֿנט. אין שטוב איז אַריין רופֿאייזן אין אַ שוואַרצן מונ־דיר מיט גרויע קענטלעך 2) און פֿאַרלאַנגט אונדזערע דאָקומענטן. אַלע זענען דערשראָקן געוואָרן. רופֿאייזן האָט גענומען שרייען און זידלען. ער האָט אַלע אויסלעגיטימירט און ווען ער האָט אַ קוק־געטון אויף מיין דאָ־קומענט האָט ער באַמערקט מיין פֿאָטאָגראַפֿיע, אויף וועלכער איך בין אַרויסגעקומען אַ לאַכנדיקער. אויפֿן דייטשן מוסטער האָט ער גענומען

---

1) פֿאַרגעקומען דעם 9טן סעפּטעמבער 1941; 2) דער מונדיר פֿון דער ווייס־רוסישער פּאָליציי אין דינסט ביי די דייטשן.

שרייען הלמאַי איך לאָך אויף דער פאָטאָגראַפיע. ד. ה. אַז איך לאָך פון דער דייטשער מאַכט, וועלכע געפעלט מיר נישט א. אַ. וו. די געבעטן פון מיין מוטער און שטוב־מענטשן, וועלכע האָבן אים געפרוווט פאַרטייטשן, אַז די פאָטאָגראַפיע איז נאָך אַ פאַרמלחמהדיקע, האָבן נישט געהאָלפן. ער האָט מיר באַפוילן זיך אָנטון און גיין מיט אים.

פון דער שטוב האָט ער מיך אַרויסגעפירט מיט אַן אָנגעשטעלטן אויטאָמאָט. ווען מיר האָבן זיך נאָר דערווייטערט פון שטוב (ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט) זענען מיר זיך געפאַלן אין די אָרעמס. רופּ־איזן האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. מיר זענען אַרויס הינטערן שטאָט. אַסוואַלד האָט זיך מיר פאַרטרויט, אַז דער ציל פון זיין לעבן איז צו העלפן יידן און זיי צו ראַטעווען. ער האָט געהאַט חשק זיך איבערצוטראָגן קיין באַראַנאָוויטש. אָבער אַזוי ווי ער האָט אין מיר געטראָפן זיינע חברים, האָט ער באַשלאָסן צו בלייבן.

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אַז מיר וועלן אַלע פאָר טעג זיך טרעפן אין דעם אָפּגעברענטן בנין פון דער מירער ישיבה.

אַסוואַלד האָט מיר דאַן כסדר צוווּיסן געטון וועגן רעפּרעסיעס און „אַקציעס" וואָס ווערן געגרייט אויף יידן. ער האָט אונדז תמיד מודיע געווען וועמען די פּאָליציי האָט בדעה „צו באַזוכן" א. ד. גל. דעם פּרעזעס פון יודנראַט ברוך שולמאַן האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב אַ באַקאַנטן פּאָליאַק, וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן אַלערליי אינפאָרמאַציעס וועגן די געפאַרן וואָס קענען דראָען די יידן. די באַגעגענישן אין בנין פון דער ישיבה זענען געוואָרן שווערער און געפערלעכער, דעריבער האָבן מיר זיך באַשטימט צוויי פאַרבינדלער. דאָס זענען געווען: הירש פּיער־ניקאָוו (אַ שיק־יינגל אין דער „אופּראַווע" 1) און פּאַניאַ שמושקאָוויטש (אַ רוימערין אין דער קאָמענדאַנטור).

אַסוואַלד האָט אָבער נישט בלויז די יידן געהאָלפן און זיי געוואָרנט פאַר רעפּרעסיעס. ער איז אויך געווען אַן אָפטער גאַסט ביים אָרטיקן גלח, דורך וועלכן ער האָט געוואָרנט די פּוילישע געזעלשאַפט און איר געגעבן עצות ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון די רעפּרעסיעס און פּראָוואָקאַציעס פון דער מאַכט.

1) אַדמיניסטראַציע פון די הייזער.

ער האָט אויך ביי יעדער געלעגנהייט געהאָלפן די סאָוועטישע געפאַנגענע. ער האָט פאַרלייכטערט דאָס אַנטלויפן פון 40 אַזעלכע געפאַנגענע. די לעצטע האָבן געדאַרפט אָפּגעפירט ווערן אויף דער באַן־סטאַציע האַראָדע (אַן ערך 10 קילאָמעטער פון מיר) ווו מען האָט זיי געזאָלט ווייטער טראַנספאָרטירן. אָסוואַלד האָט אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט, אַז די געפאַנגענע זענען אַזוי אויסגעהונגערט און אָפּגעשוואַכט, אַז ס׳וועט גענוג זיין אַ דריי פּאָליציאַנטן אויף שמירה. אין וואַלד זענען זיך די געפאַנגענע צעלאָפן.

די געפאַנגענע האָבן געהאַלטן, אַז אָסוואַלד איז זייערס אַ מענטש. („אַ וואָסטאַטשניק״ אַ מזרחדיקער — ס׳הייסט אַ סאָוועטישער). די פּאָליאַקן האָבן געהאַלטן, אַז אָסוואַלד איז נישט קיין פאָלקסדויטש, נאָר אַ פּאָליאַק. בלויז די יידן האָבן אָסוואַלדן נישט געקענט פאַרשטיין און אים געהאַלטן פאַר אַ פּראָוואָקאַטאָר.

ווינטער 1942 האָט אָסוואַלד דורך מיר געוואָרנט דעם „יודנראַט״, אַז די דאָרפישע יידן דאַרפן אויסגעמאָרדעט ווערן.

בעניע שימאַנאָוויטש האָט געהאַנדלט ביי אַ פּויער מיטן נאָמען כודאבא אַ פּיסטאָלעט. כודאבא האָט וועגן דעם געמאָלדן דער פּאָליציי. אָסוואַלד האָט געשריבן דעם פּראָטאָקאָל. אין דער פּאָליציי האָט מען כודאבאן געגעבן אַ פּיסטאָלעט. זונטיק האָט ער געזאָלט אַריינגיין אין געטאָ. בעת ער האָט דאָרט געזאָלט דורכפירן דאָס מיסחר, האָט די זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי געדאַרפט אַרומרינגלען דאָס געטאָ. די „אַנטדעקונג״ פון דעם דאָזיקן פאַרברעכן האָט געזאָלט זיין אַ תירוץ פאַר אַ מאַסן־שחיטה.

אָסוואַלד איז געקומען אין געטאָ אַריין אויף אַ ראָווער. ער איז געווען זייער דענערווירט. ער האָט מיך אַרויסגערופן און באַפוילן צו פאַרמאַכן דאָס געטאָ־טויער און קיינעם בשום אופן נישט אַריינצולאָזן, ווייל אויב נישט קען זיין אַן אומגליק.

כודאַבאַ האָט אומזיסט געקלאַפּט אין טויער. די פּראָוואָקאַציע האָט זיך נישט איינגעגעבן.

שימאַנאָוויטש איז דאָך אַרעסטירט און דערהרגעט געוואָרן.

אַזעלכע פאַלן זענען געווען אַ סך כאָטש אָסוואַלד... האָט אומאויפ־

הערלעך געוואָרנט סיי די געטאָ און סיי איינצלנע מענטשן וועגן די פּראָ־וואָקאַציעס.

אין מאַי 1942 האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אין אַ צווייטן געטאָ (וואָס האָט זיך געפונען אין אַ פירשטלעכן שלאָס). אין דער זעלביקער צייט האָט אָסוואַלד אַוואַנסירט. ער איז געוואָרן אָרטסקאָמענדאַנט און אין עטלעכע וואָכן אַרום — ראַיאָן־קאָמענדאַנט. ער איז געווען זייער באַליבט און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אינטעליגענץ צווישן די ווייסרוסישע „חברים״.

די לאַגע פון די ייִדן האָט זיך פאַרבעסערט. טראָץ דעם באַפעל אָפּ־צושליסן דאָס געטאָ, האָבן ייִדן זיך פריי באַוועגט, זענען געגאַנגען אויפן מאַרק איינקויפן.

דאָך:

„דעם יודענראַט״ האָט זיך אָסוואַלד אַרויסגעוויזן פאַרדעכטיק. זיי האָבן געזאָגט: ווי אַזוי קען אַ דייטשער קאָמענדאַנט זיין אַזוי גוט צו ייִדן און נישט נעמען קיין שוחד?

איך און מיינע חברים האָבן מיר דעריבער אָנגעהויבן צורייִדן אָס־וואַלדן, אַז ער זאָל (כדי זיך נישט צו דעמאַסקירן) פאָדערן ביים „יודענ־ראַט״ עפּעס אַ מתנה. ער האָט אָפילו דערוועגן הערן נישט געוואָלט.

איך האָב אַליין געזאָגט דעם „יודענראַט״, אַז אָסוואַלד פאָדערט דורך מיך פאַרמיטלונג אַ זייגערל. (מיט אָסוואַלדן האָט זיך דער „יודענראַט״ קאָמוניקירט דורך מיר).

ווען איך האָב אים פאָרגעלייגט דאָס זייגערל האָט ער זיך אויפגע־רעגט. כ׳האָב אים אַריינגעלייגט דאָס זייגערל אין טאַש. ער האָט עס אַרויסגעכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, זאָגנדיק: איצט זאָג זיי, אַז כ׳האָב גענומען כאַבאַר.

אין יוני 1942 איז אין מירער געטאָ אַנטשטאַנען אַ געהיימע אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס האָט געציילט 60 מענטשן. אָסוואַלד האָט געוואָרנט, אַז די שחיטה אויף ייִדן איז אומפאַרמיידלעך. ער האָט זיך אונטערגענומען צו צושטעלן געווער. בעת דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד האָט ער געזאָלט זיך צו אונדז פאַראייניקן מיט אַ מאַשין־געווער.

מיר האָבן גענוי געוווּסט ווי ס׳זעט אויס דער פּלאַן פון דער „אַקציע״,

ווי עס וועט זיך געפינען די גרופּירונג פון די דייטשע פּאָליציאַנטן. אַשר קאָן האָט דער ערשטער געדאַרפט וואַרפן אַ גראַנאַט אין זייער זייט. דאָס האָט געזאָלט זיין דער סיגנאַל צום קאַמף.

אין קאַמף, אין בהלה, האָט די געטאָ זיך געדאַרפט צעלויפן. די וואָס וועלן אַרויס לעבעדיק פון דער בהלה דאַרפן זיך טרעפן אין די וולאַדימירער וועלדער. אָסוואַלד האָט יעדע עטלעכע טעג אַליין געברענגט געווער אין געטאָ אַריין. יעדע נאַכט איז ביים געטאָ־טויער געשטאַנען אַ וואַך פון די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט ביי אים דאָס געווער צו־גענומען...

סוף יולי 1942 האָט אָסוואַלד שוין אויף זיכער געוווּסט, אַז מיטוואָך דעם 13טן אויגוסט 1942 דאַרף אין מירער געטאָ זיך אָנהייבן די „אַקציע". פון אָסוואַלדן האָבן מיר געענוי געוווּסט ווו עס וועלן זיך געפינען אונד־זערע קברים־גריבער.

נאָך לענגערע באַראַטונגען האָבן מיר באַשלאָסן צו ענדערן דעם פּלאַן. אָסוואַלד האָט אָנערקענט, אַז ס'וועלן זיין ווייניקער קרבנות אויב די ייִדן וועלן זיך צעלויפן אין וואַלד איידער די „אַקציע" וועט זיך אָנהויבן.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זונטיק דעם 9טן אויגוסט 1942 אַזיי־גער 6 אינאָוונט וועט אָסוואַלד אַרויספאָרן מיט דער גאַנצער פּאָליציי אויף פיר לאַסט־אויטאָס כדי דורכצופירן אַן אַבלאַווע אין וואַלד.

די אָרגאַניזירטע און באַוואָפנטע יוגנט פון געטאָ האָט אין דעם זעלביקן טאָג, צווישן 8 און 10 אינאָוונט געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס געטאָ און גיין אין וואַלד אַריין מיט דעם זעלביקן וועג, מיט וועלכן אָסוואַלד האָט געפירט די פּאָליציי.

אין שטאָט וועט אין דעם אויפדערנאַכט לגמרי נישט זיין קיין פּאָלי־ציי. נאָך דער יוגנט וועט די באַפעלקערונג פון געטאָ האָבן די מעגלעכ־קייט אַרויסצוגיין אויסער דער שטאָט. פון דער אַבלאַווע האָט אָסוואַלד זיך געדאַרפט אומקערן מיט אַן אומוועג ערשט מאָנטיק דעם 10טן אוי־גוסט, אַזייגער 11 פאַרמיטאָג. ער האָט אויסגערעכנט, אַז איידער די פּאָ־ליציי וועט זיך דערוויסן, וואָס עס איז געשען, איידער זי וועט אים דאָס מיטטיילן וועט זיך פאַרציִען ביז נאַכט. די ייִדן וועלן אַ גאַנצע זונטיקדיקע נאַכט און כמעט אַ גאַנצן מאָנטיקדיקן טאָג האָבן צייט צו פאַרלאָזן דאָס

געטאָ. אָסוואַלד האָט אויסגערעכנט, אַז מאָנטיק אַזייגער 7 אינאָוונט וועט ער דאָס געטאָ מוזן ארומרינגלען. ס׳איז אָפּגערעדט געוואָרן מיט אים, אַז ווי נאָר מיר וועלן אַנטרעפן אויף פּאַרטיזאַנער וועלן מיר אים צווויסן טון ווו מיר געפינען זיך. ער וועט אַרויספאָרן אויף אַן אַבלאַווע און כלומרשט אַריינפאַלן צו אונדז.

עטלעכע טעג פאַרן 9טן אויגוסט האָט מיכאַל פּיסעצנער, אַ מיטגליד פון „יודענראַט״, וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט מיר, באַמערקט אויפן בוידעם אַ ביקס.

דער „יודענראַט״ האָט מורא געהאַט פאַר אַ פּראָוואָקאַציע. מען האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ זיצונג. מען האָט מיך געפרעגט צי מיר האָבן געווער. כ׳האָב געענטפערט באַשטעטיקנדיק. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען, ווי דערוועג איך זיך צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַזוי־פיל יידישע לעבנס אין געטאָ. איך האָב זיי באַרויִקט, אַז דאָס געווער איז גוט באַהאַלטן אין געטאָ. די מיטגלידער פון „יודענראַט״ האָבן מיך געפרעגט צי איך בין זיכער, אַז דער וואָס גיט מיר דאָס געווער וויל נישט פּראָוואָצירן קיין „אַקציע״? איך האָב געענטפערט, אַז וואָס נוגע דעם דאָזיקן מענטש בין איך זיכער. די מיטגלידער פון „יודענראַט״ האָבן מיך געבעטן, אַז איך זאָל איינעם פון זיי אויסזאָגן ווו דאָס געווער ליגט באַהאַלטן. ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך באַרויִקט.

דער איינער האָט געזאָלט זיין סאַניע טשאַרני. אים האָב איך דערציילט, אַז מיר זענען געווי אינפאָרמירט, אַז אין די נאָענטסטע טעג דאַרף אין מיר זיין אַן „אַקציע״; אַז מיר זענען אָרגאַניזירט און אין איינער אַ נאַכט וועלן מיר פאַרלאָזן דאָס געטאָ. אַלע וועלן האָבן די מעגלעכקייט זיך צו צעלויפן, ווייל אין דעם טאָג וועט קיין פּאָליציי אין שטאָט נישט זיין.

כ׳האָב אים געזאָגט, אַז אונדזער געווער איז באַגראָבן אויפן בית־עולם אויסער דער געטאָ (כ׳האָב געזאָגט אַ ליגן — דאָס געווער האָבן מיר געהאַט ביי זיך). סאַניע טשאַרני האָט מיך געבעטן, אַז בעתן אַנטלויפן זאָל מען אים מיטנעמען.

דעם 9טן אויגוסט, זונטיק 6 פאַרנאַכט איז אָסוואַלד — ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט — אַרויסגעפאָרן אויף דער אַבלאַווע. דעם זעלבן אויפ־

דערנאַכט האָבן 60 באַוואָפנטע און 150 נישט־באַוואָפנטע ייִדן פאַרלאָזט דאָס געטאָ.

מיר זענען אַוועק אין מירער וואַלד.

ווי אָסוואַלד האָט אונדז געזאָגט, איז דאָס געטאָ מאַנטיק 7 אַזייגער אינאָוונט געוואָרן אַרומגערינגלט. אין געטאָ זענען געבליבן 500 ייִדן.

דינסטיק אינדערפרי האָט די פּאָליציי שוין געוווּסט, אַז די ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן זענען געווען באַוואָפנט. אונדזער גרופּע האָט אין דער נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק געמאַכט אַן איבערפאַל אויף דעם פויער כּודאבא (דעם פּראָוואָקאַטאָר מיטן פּיסטאָלעט). דינסטיק איז אין געטאָ אָנגעקומען דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע, ער האָט צוזאַמענ־גענומען די ייִדן און זיי מיט האַרציקע רייד איבערצייגט, אַז ס'איז נישט געווען קיין שום נויטווענדיקייט צו אַנטלויפן, אַז די ייִדן דראָט גאָרנישט (די גריבער זענען שוין דעמאָלט געווען אויסגעגראָבן — גרייט).

ייִדן האָבן געגלויבט דעם דייטש. עס האָבן קורסירט קלאַנגען, אַז די וואָס זענען אַנטלאָפן זענען דערהרגעט געוואָרן אין וועג, אַז אַ טייל האָבן זיך דערטרונקען. און דאָ זאָגט דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע צו דאָס לעבן. געוויסע אַנטלאָפענע האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ.

אַ סטאַניסלאַוואָווער ייִד האָט געאַרבעט ביים זשאַנדאַרמעריע־שעף אַלס „קאַניוך". דער שעף האָט אים צוגעזאָגט צו לאָזן לעבן און טון מיט אים ספּעציעלע חסדים אויב ער וועט אים זאָגן פון וואַנען די ייִדן האָבן גע־נומען געווער און ווער עס האָט זיי געוואָרנט וועגן דער „אַקציע". דער סטאַניסלאַוואָווער ייִד, גלויבנדיק, אַז פאַר דעם פּרייז וועט ער זיך ראַטע־ווען, האָט געזאָגט דעם זשאַנדאַרמעריע־שעף, אַז מען שמועסט, אַז אָס־וואַלד האָט געגעבן די ייִדן געווער און זיי געהייסן זיך צעלויפן.

דער שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע האָט צו זיך גערופן אָסוואַלדן, האָט אים אַנטוואָפנט און אים געזאָגט אין וואָס ער באַשולדיקט אים. דער שעף האָט צו אים גערעדט האַרציק, פאָטערלעך:

— איך ווייס, אַז דו האָסט אַ גוט האַרץ. צוליב רחמנות אויף די ייִדן האָסטו זיי געהייסן אַנטלויפן. אָבער פאַרוואָס האָסטו זיי געגעבן געווער?

אָסוואַלד: ווער האָט דעם שעף דערציילט וועגן דעם?

שעף: אַ ייִד פֿון געטאָ.

די טרערן האָבן אָסוואַלדן געוומען שטיקן. ער האָט געזאָגט:

— כ'האָב אויסגעפּילט מײַן חוב לגבי די ייִדן, ווײַל איך בין אַ ייִד.

דער זשאַנדאַרמעריע־שעף איז שיר פֿון בענקל נישט אַראָפּגעפֿאַלן. עס איז אַנטשטאַנען אַ שטילשווײַגן. אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דער שעף אויפֿגעהויבן און גענומען שרײַען:

— וואָס זאָל מען דיר טון דערפֿאַר?

אָסוואַלד: גיט מיר אַ פּיסטאָלעט. כ'וועל אַליין מיט זיך פֿאַרענדיקן.

דער שעף איז דענערווירט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער.

— פֿאַרוואָס האָסטו מיר דאָס געזאָגט, ייִנגל? פֿאַרוואָס האָסטו נישט געלייקנט? דיר וואָלט איך מער געגלויבט ווי דעם ייִד.

אָסוואַלד: כ'האָב געמוזט זאָגן, ווײַל כ'בין מער נישט בכוח צו שפּילן די קאָמעדיע.

דער שעף האָט אָסוואַלדן געהייסן אַלץ אָנשרײַבן. מאָרגן וועט ער וועגן דעם ענין פֿאָרן קיין באַראַנאָוויטש.

אָסוואַלד איז געבליבן אין הויז־אַרעסט. עס האָט אים געהיטן אַ זשאַנדאַרם. דעם זעלביקן טאָג, דעם 11טן אויגוסט, אַזייגער 7 אינאָוונט איז אָסוואַלד אַרויסגעשפּרונגען דורכן פֿענצטער און אַנטלאָפֿן.

מען האָט אָרגאַניזירט אַ געיעג נאָך אים.

עס האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַהאַלטן אין קאָרן. בײַנאַכט איז ער אַוועק צו די מאַנאַכינס אין מאָנאַסטיר (זיי האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ פּאָליאַק). זיי האָבן אים אויפֿגענומען און באַהאַלטן.

ווען די מאָנאַכינס האָבן דערהאַלטן אַ באַפֿעל אין משך פֿון צוויי שעה זיך אַרויסצוציען הינטערן שטאָט, האָבן זיי אָסוואַלדן אָנגעטון אין זייערע בגדים און אַזוי אים דורכגעפֿירט דורך דער שטאָט.

אַ יאָר און פֿיר חדשים האָט אָסוואַלד זיך געפֿונען בײַ די מאָנאַכינס. לענגער האָט ער שוין נישט געקענט פֿאַרבלײַבן. ער איז אַוועק אין וואַלד, כּדי זיך צו פֿאַרייניקן צו די פּאַרטיזאַנער.

אין שטעטעלע רוביעשעוויטש האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף פּאַרטיזאַנער פֿון דער אָפּטיילונג א. נ. פֿון פּאַנאַמאַרענקאָ, פֿון דער לעניניִשער

בריגאַדע. מען האָט אים אַוועקגעפירט אין דער אָפּטיילונג. דאָרט האָט מען אים אַרעסטירט אַלס דייטש און שוין געזאָלט דערשיסן.

די ידיעה וועגן דעם אַרעסט פון אָסוואַלדן האָט דערגרייכט צו די ייִדישע פּאַרטיזאַנער (וועלכע האָבן זיך געפונען אין די שכנותדיקע אָפּ־טיילונגען). זיי האָבן גיך אַרויסגעשיקט מענטשן, וועלכע זאָלן דעם קאָמענ־דאַנט טשערניכאָוו (פסעוודאָנים: פלאַטאָן) אויפקלערן די ראָל פון אָס־וואַלדן אין מיר.

פלאַטאָן האָט בטל געמאַכט דעם טויט־אורטייל און געהייסן אויפ־נעמען אָסוואַלדן אַלס פּאַרטיזאַנער.

בעת זיין פּאַרברענגען ביי די מאָנאַכינס איז אָסוואַלד געוואָרן טיף רעליגיעז 1). אין דער פּאַרטיזאַנקע איז ער געווען זייער באַשיידן. זיך געהאַלטן אין אַ זייט. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָננעמען קיין מלבושים אָדער שיך, טראָץ דעם וואָס ער איז געגאַנגען כמעט באָרוועס און געטראָגן צעריסענע הויזן.

וועגן זיין רעטונג און וועגן זיין געשפּרעך מיטן שעף האָט ער אונדז אויך דערציילט, זייענדיק מיט אונדז צוזאַמען ביי די פּאַרטיזאַנער" 2).

צווישן זיך רעדנדיק איז שווער נישט צו באַמערקן די אויגנרייסנ־דיקע ענלעכקייט צווישן די געשעענישן מיט רופאייזענען און דעם איינ־האַלט פון מיצקעוויטשעס בוך „קאָנראַד וואַלענראָד". די אַנאַלאָגיע האָט אַ שייכות, נישט בלויז צו דער ריכטונג און דער סיבה פון דער טעטיקייט. זי גרייכט אַזש צו געוויסע ניואַנסן און ווענדונגען.

געוויס: צווישן דער פּאָעמע פון מיצקעוויטשן (צי אַן אַנדערער) און דער טעטיקייט פון רופאייזענען איז נישטאָ קיין שום צוזאַמענהאַנג. די לעצטע איז דאָ „קאָמפּאָנירט" געוואָרן דורך געשעענישן — אַזש ביז משוגעת — קאָנקרעטע, וועלכע זענען פון יסוד אויסגעוואשן פון יעדער „ליטעראַרישקייט". פאַראַן אָבער אַן אַנדערע צוזאַמענהאַנג. די „אייגנ־טימלעכע" (און טאַקע דערפאַר אַזוי פּאַרפּירנדיקע) אַנאַלאָגיעס פּראָוואָ־צירן דעם פאַרטראַכט איבער דער ענלעכקייט פון די דערשיינונגען, וועל־

1) אין דער דאָזיקער נייגונג, וואָס האָט געהאַט איר המשך (נאָך דער מלחמה האָט זיך אָסוואַלד געפונען אין אַ קלויסטער אין קראָקע) האָט געווירקט צוו. אַנד. אויך די דערשלאָגנקייט צוליב זיין פיזיאָלאָגישער קראַנקייט.

2) פּראָטאָקאָל נומער 7127.

כע זענען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דער ענלעכקייט פֿון דער אומגעבונג. נאַטירלעך: נישט פֿאַרגעסנדיק דעם אונטערשיד אין ...פּראָפּאָרציעס.

און אויך דאָ דאַרף מען וואָרענען קעגן דער גראָדליניקער „בעלעט־ריזירונג".

לאָמיר, למשל, נישט זוכן קיין שום „דעמאָנישקייט" אין דעם רופֿאיי־זענען, ווייל זי איז נישט געווען. מיר קענען אים נישט פֿון דער לעגענדע, נאָר פֿון דער טאָגטעגלעכקייט. ער איז געווען איינער פֿון די, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין דער פֿאַרמלחמהדיקער, ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע. נישט בעסער און נישט ערגער פֿון אַנדערע.

אויף „אַרישע פּאַפּירן" איז ער צום ערשט געגאַנגען צוליב אַ צופֿאַל. אָן שום צוגעגרייטן פּלאַן וועגן קאַמף מיט דער הילף פֿון פּאַראַט. דער דאָזיקער געדאַנק איז אים דיקטירט געוואָרן ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך געפֿונען (אין אַ געוויסער מאָס אומאָפּהענגיק פֿון אים) אין אַ סיטואַציע, אין וועלכער ער האָט געדאַרפֿט אויסוויילן: אָדער גיין מיט די דייטשן קעגן יידן פֿאַרן פּרייז פֿון ראַטעווען די אייגענע פֿעל, אָדער — מיט די יידן קעגן די דייטשן פֿאַרן פּרייז פֿון כסדרדיקן איינשטעלן דאָס אייגענע לעבן. ער האָט באַלד אויסגעקליבן די צווייטע לעזונג, מיט אַלע קאָנסעקווענצן, און אָן צו פֿאַרווישן די גרענעצן צווישן די סתירותדיקע טענדענצן און איינזען... לגבי זיך.

דאַקעגן קיין פּאַראַט (אַלס מאָראַליש פּראָבלעם) איז אין דעם צו־זאַמענשטעל פֿון פֿאַקטן, אין וועלכן ער האָט געווירקט, נישט געווען און האָט לגמרי נישט געקענט זיין. די דייטשן האָבן זיך באַנוצט מיט פּאַראַט אין אַלע מעגלעכע פֿאָרמען און אומוואַנדלונגען, אין די גרעסטע און אין די קלענסטע זאַכן, אין זייער סיסטעם און אין איינצלנע שריט, אין יע־דער שעה און אין יעדן טאָג. אין דער לאַגע איז דאָס באַנוצן זיך מיט מיסטיפֿיקאַציע לגבי זיי נאָר געווען אַן אויסשליסלעכער מיטל פֿון גע־ווינלעכער אַליינפֿאַרטיידיקונג. אין באַצוג צו דער גרויסער פּערפֿידיע, וואָס איז פּראַקטיצירט געוואָרן דורך די דייטשן איז די מיסטיפֿיקאַציע (מיט וועלכער עס האָבן זיך, אין דער, אָדער יענער פֿאָרם, באַנוצט אַלע אונטערערדישע פֿאַקטאָרן) געווען בלויז דער הויכפּונקט פֿון רי־טערלעכקייט.

ס'איז געזאָגט געוואָרן, אַז די וועזנטלעכסטע אייגנשאַפט אין דער האַנדלונג פון רופאיזענען איז געווען דער מאַנגל פון איינזען, קודם כל, פאַר זיך אַליין. איך פאַרשטיי אונטער דעם דאָס פאָלגנדיקע:

דער סיסטעם פון אָקופּאַנט (וואָס איז נישט בלויז פּראַקטיצירט געוואָרן, נאָר וואָס איז אויך גלייכצייטיק דורך אים פאַרסירט געוואָרן און דאָס מיט אַן אומגלויבלעכער אויסברייטערונג פון מיטלען) האָט געברענגט דערצו, אַז אַ גרויסע צאָל מענטשן (און דאָס, אַן אויסנאַם, פון אַלע באַזיגטע פעלקער) האָבן זיך געפונען אויף דינסט ביים אָנפאַלער. דירעקט אָדער אומדירעקט, פון אָפּאָרטוניזם אָדער דורך צוואַנג. דאָס זענען, פון איין זייט, געווען די מיטאַרבעטער פון פאַרשידענע אַמטן און פון דער צווייטער זייט — די „מיליציאַנטן" און פּאָליציאַנטן, מוסרים און געוויינלעכע אַגענטן. ביי די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן געווירקט צום שאָדן פון זייערע מיטבירגער, און וועלכע האָבן אויסגעפירט פונקציעס — נישט איינמאָל פּינצטערע, האָט זיך פון צייט צו צייט געמוזט אָפּרופן דאָס געוויסן, וואָס זיי האָבן באַרויִקט אויף זייער אופן. נעמלעך: דורך דעם העלפן דעם אָדער יענעם קרבן. אַ סך האָבן דאָס געטון אַפילו סיסטעמאַטיש. באַגראַבנדיק די, האָבן זיי געהאָלפן יענע. אַ סך האָבן אַפילו פון אָט דעם „ראַטעווען" פאַרשטאַנען ווי אַזוי אַרויסצוציִען ריווח. גאָר אָפט האָבן זיי אָבער געגעבן הילף אינגאַנצן אָן אינטערעס פאַר זיך.

נאָך דער מלחמה ביי די פּראָצעסן איבער די געוועזענע קאָלאַבאָראַציאָניסטן האָט כמעט יעדער איינער פון זיי זיך פאַררופן אויף דעם חסד, וואָס ער האָט עמיצן געטון בעתן דערפילן זיינע פונקציעס. אַ סך פון זיי האָבן זיך געעדותט מיט אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיי פּאַרטייִדיקט מיט אַן אויפריכטיקער איבערציַיגונג, געדענקענדיק זייער הילף. דאָס אַלץ קען אָבער נישט פאַרדעקן דעם פאַקט פון זייערע מעשים, וועלכע זענען געווען דאָס פאַרזיכערן זיך. נאָר אין די ראַמען האָט געהאַט אַן אָרט זייער „אויסלייזן דאָס געוויסן".

אָט טאַקע אין דער הינזיכט איז רופאיזנס טעטיקייט געווען לגמרי קעגנזעצלעך. אין דער צווידייטיקער סיטואַציע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען איז פאַר אים כאַראַקטעריסטיש די גראַדליניקייט און די דעצידירטקייט, דאָס פעלן פון איינזען פאַר זיך, די אויף אַ רגע נישט אָפּגע־

שוואַכטע מאָראַלישע פּילבאַרקייט. ער וואַרפט אָפּ קאָמפּראָמיסן נישט איינמאָל אין אַזעלכע פאַלן ווען די געוויינלעכע טאַקטיק פאָדערט זיי. דער ענין מיטן זייגערל איז אין דער הינזיכט טיפּיש. אַזוי אויך שפּעטער — זיין האַלטונג אין דער פּאַרטיזאַנקע.

(לגמרי פון אַ זייט: אַ באַזונדערער צופאַל האָט געפירט רופאייזענען אין דינסט ביי די דייטשן אין נאָענטער שכנות פון יענע ערטער, וווּ די לעגענדע האָט געמאַכט פאַרקומען די טעטיקייט פון דעם לעגענדאַרן מייסטער פון די קרייצלער־וואַלענראַד).

IV

אויף דער אַרישער זייט צוליב דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ

צי בלויז אַ קאַשמאַר? — פון אַ קלויסטער אַרום ווילנע. אויף אַרבעט אין וואַרשע. — אַריה ווילנער, קאָנטאַקט־פונקטן. — ביי אַ טישל אין גאַרקיך. — געוועזער פאַרן געטאָ.

און דעריבער: די אָנשטרענגונג, צו וועלכער עס האָט געשטויסן די אָרגאַנישע און אומווידערשטיילעכע פאַרבינדונג מיטן געטאָ (ריכטיקער: מיט די און מיט דעם אַלעם, וואָס האָט זיך געפונען אין אירע מויערן), איז אונטערגענומען געוואָרן להכעיס דער סטראַטעגישער זיכערקייט, קעגן די פּראַקטישע מעגלעכקייטן און קעגן דעם אינסטינקט צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן. די דאָזיקע אָנשטרענגונג ווידער איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער שוואַרצערווירקלעכקייט פון געטאָ. לאָמיר דאָס נאָכאַמאָל איבערחזרן: עס גייט דאָ נישט וועגן דעם, וואָס אין געטאָ האָט יעדער (ווערטלעך: יעדער) אויפשטאַנד געמוזט זיך פאַרענדיקן מיט אַ פיזישער מפלה און מיט אַ פיזישער פאַרניכטונג. נאָר, אַז אַפילו דאָס אָרגאַניזירן דעם אויפשטאַנד איז געווען כמעט אוממעגלעך. לאָמיר דערביי שוין נישט רעדן אַפילו וועגן די שטערונגען פון טאָגטעגלעכער נאַטור. (און די ווירקלעכקייט פון געטאָ איז דאָך געווען, ווי אַ געדיכטער עקסטראַקט פון אַלערליי מעגלעכע שטערונגען). נעבן זיי האָט עקזיסטירט אַן עלעמענטאַרע קעגנזעצלעכקייט: דאָס אָרגאַניזירן אַן אויפשטאַנד (פון אַן אומפאַנג, וואָס זאָל קענען גענומען ווערן אין אַכט) האָט פאַרלאַנגט צייט; לאַנגע צוגרייטונגען. און דאָס אין אַלע באַדינגונגען, מכל שכן ערשט אין יענע

באַדינגונגען! דערוויל האָבן דאָרט די „אַקציעס" און אַנדערע רעפּרעסיעס יעדעס מאָל פּלוצים אַרויסגעריסן טויזנטער מענטשן, האָבן געענדערט ראַפּטום די פּלענער און די גאַנצע „געאָגראַפיע" פון געטאָ. זיי האָבן איבערגעקערט בוכשטעבלעך אַלץ, אַ תל מאַכנדיק די צוגרייטונגען, וועלכע זענען שוין אַפילו געטון געוואָרן. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז דאָס אָרגאַניזירן אויפבּרויזן פון ברייטערן פאַרנעם געווען אַ שווערע און פאַמעלעכע בויאונג (אַ ציגל נאָך אַ ציגל!)... אויף זאַמד. און דאָס אויף אַזאַ זאַמד, וואָס ווערט ווי אַ צולייג צו אַלץ, כסדר געשטורעמט דורך דעם ווילדן וויכער.

צי זענען דעריבער די דערמאָנטע אָנשטרענגונגען געווען בלויז אַ קאָשמאַר? להיפּוך: קעגן אַלע מעגלעכקייטן האָבן זיי דערפירט צו אַ גאַנצע ריי אויפרייסן. אָבער כדי זיי צו דערפירן האָט מען געדאַרפט אַ מוראַשקע־מי אַן פּערספּעקטיוון, אַ מי וואָס איז דערטרונקען געוואָרן אין די שוואַרצע כוואַליעס אָן שפּור און אָן עכאָ, אָן אָנשטרענגונג וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין געווירבל מיט פּאַסיע, מיט דער אויסמיידונג פון דער „געזונטער לאָגיק", מיט דעם פאַרטאַכלעווען די זייטיקע וועגן, וואָס האָבן צוגעזאָגט די רעטונג פון מענטשן, שכלדיקע וועגן.

דאָס איז די אמתע שפּראַך פון די אויפרייסן, וועלכע האָבן זיך איינגעגעבן צו רעאַליזירן. זיי זענען קוים געווען ברוכטיילן פון אַ ברייטן שטראָם, זיינע פראַגמענטן, וועלכע עס האָט זיך איינגעגעבן אַנטקעגן צו שטיין דעם פלוס פון דער כוואַליע און דערמיט זיך צו געשטאַלטיקן.

איינע פון די נצחונות פון די טענדענצן פון דערמאָנטן טיפּ איז געווען דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ 1).

אומקערנדיק זיך קאָנקרעטער צו דער טעמע:

מען דאַרף ערשט נישט דערציילן, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָבן אַרויסגעשיקט זייערע מענטשן אויף דער „אַרישער זייט" און דאָס מיט שטאַרק פאַרשידענע אויפגאַבן. די צוגריי־

---

1) דער פאַרלויף פון דעם, ווי אויך פון אַנדערע אויפשטאַנדן גייט נישט אַריין אין די ראַמען פון דעם בוך. דאָ ווערן זיי נאָר באַרירט אויף אַזויפיל אויף וויפל די, אָדער אַנדערע פון זייערע אַספּעקטן און פראַגמענטן האָבן אַ שייכות מיט דעם מאָטיוו פון „פּאַפּירן", דאָס וואָס האָט געווירקט דערפאָלגרייך אויף דעם דאָזיקן וועג, אָדער האָט געהאַט אַ העמענדיקע ווירקונג.

טונגען צו דער אינסורעקציע אין דער געטאָ פון דער הויפּט־שטאָט האָבן צווישן אַנדערן פאַרלאַנגט קאָנטאַקטן כּדי צו באַקומען געווער און עס אַריבערצושמוגלען פון דרויסן אין דער געטאָ אַריין. אומאָפּהענגיק דערפון האָט די אָרגאַניזאַציע זיך באַמיט צו באַקומען — און באַקומענדיק זיי, זיך באַמיט אָנצוהאַלטן — די קאָנטאַקטן מיט גרופּעס אין אַנדערע געטאָס. עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן וועגן אַרויסשיקן מענטשן כּדי צו אָרגאַניזירן אַ טעטיקייט אין אַנדערע צענטערן. למשל — קיין ווילנע, אָדער ביאַליסטאָק (טאַמאַראָוו). ווייטער איז געווען (דורך פאַרבינדלער) אַ קאָנטאַקט מיט דער קראַקעווער גרופּע און בענדינער גרופּע. אומאָפּהענגיק דערפון (וועגן וואָס עס איז שוין אויך דערמאָנט געוואָרן) האָט עקזיסטירט אַ מיגראַציע פון קעמפער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַנדערע שטעט, קיין וואַרשע, אויף דער ידיעה וועגן דעם זיך גרייטנדיקן אויפשטאַנד.

אין וואַרשע גופא איז דער באַפולמעכטיקער פון דער ייִדישער קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער „אַרישער זייט" צום ערשט געווען אַריה ווילנער 1). זכרונות וועגן אים נאָטירט, צווישן אַנדערע, דער פּאָליאַק גראַבאָווסקי 2), וועלכער האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט די ייִדישע גרופּעס און האָט איבערגעשיקט געווער אין געטאָ. ער האָט באַקענט „יורעקן" אין יאָר 1941 אין ווילנע, ווו גראַבאָווסקי איז געקומען צופאָרן — אַרויסגעשיקט אַהין כּדי אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט צווישן דער שומרישער יוגנט פון ווילנער און וואַרשעווער געטאָ: „עס האָט מיך באַקענט מיט אים — שרייבט גראַבאָווסקי — יאַדזשע, וועלכע האָט, אָנווייזנדיק אויף אים געזאָגט: — אָט איז דער ליבלינג פון דער מוטער 3). ער האָט געהאַט אַן עכט אַרישן אויסזען. אָבער בעת דער מעסע אין קירכע האָב איך גלייך באַמערקט, אַז אין זיין אויפפירונג פעלט נאָך פיל, וואָס זאָל אים צוהעלפן שפּילן אַ פּאָליאַק. ער האָט געקניט ווען מען דאַרף נישט און אָפט פאַרפּלאָנטערט די תּפילות. ווען ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז יורעק דאַרף

---

1) דערמאָנט אין דעם קאַפּיטל וועגן ווילנע און ביאַליסטאָק; 2) וועגן נישט־יידן וואָס האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיט דער יידישער אונטערערד וועט די רייד זיין באַזונדער; 3) די אויפזעערין פון דאָמיניקאַנער קלויסטער, וועלכע האָט אויסבאַהאַלטן אַ גרופּע שומרים.

פאַרן קיין וואַרשע האָט מען אים געקויפט אַ געהעריקן אָנצוג כדי ער זאָל זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. נאָך זיין אָנקומען קיין וואַרשע פלעגט ער אָפט אַרויסגיין פון געטאָ אויף דער „אַרישער זייט", כדי צו דערליידיקן פאַרשידענע געלט־ענינים און צוזאַמענצונעמען אינפאָרמאַציעס. אין אַ צייט אַרום ווערט ער אַרויסגעשיקט קיין לאָדזש און קיין זאַגלעמביע 1), כדי צו אָרגאַניזירן די קיבוצים.

עס קומט די ערשטע „אַקציע". יורעק ווערט צוריק גערופן אין געטאָ, ווו ער באַקומט די אויפגאַבע אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער „אַרישער זייט". די דאָזיקע קאָנטאַקטן זענען זייער שוואַך. פוןביידע זייטן לאָזט זיך פילן דער מאַנגל אין צוטרוי. אין צווישן צייט באַקומט ער — דורך מיין פאַרמיטלונג — 20 דעקאָ ציאַנקאַלי, 10 דעקאָ קאַליכלאָר, שפּרינג־מעסערס און 50 גראַנאַטן פון פּוילישן טיפּ.

אויף מיין אַדרעס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פאַרשידענע פּעקלעך און געלט פאַרן געטאָ. כ'בין געוואָרן אַ מין „קעסטל". אין דער צייט האָט יורעק ביי מיר גענומען ווױנען, באַהאַלטנדיק אין מיין צימער פאַרשידענע ברען־ און לייכט־מאַטעריאַלן, וועלכע ס'האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן אַריינצושמוגלען אין געטאָ. ווען ביי מיר איז געוואָרן „הייס" איז ער אַריבער אין אַן אַנדער ווױנונג, אויפן ראָג ווספּולנע און פּאָזנאַנסקע. דאָרט טאַקע איז ער געוואָרן אַרעסטירט. וואָרום די ווױנונג האָט זיך געפונען אונטער דער אָבסערוואַציע פון געסטאַפּאָ, נאָך פון דער צייט, ווען עמיצער האָט דאָרט געווױנט פאַר יורעקן. יורעק איז דעריבער אַריינגעפאַלן פולשטענדיק צופעליק, אָנשטאָט דעם אַנדערן. די סיטואַציע איז אָבער דערמיט געווען ערנסטער, וואָס אין צימער האָט עמיצער געהאַט באַהאַלטן פלענער און נאָטיצן מיט נעמען. דער אַרעסט איז פאָרגעקומען — ווי יורעק אַליין האָט מיר דערציילט — אויף פאָלגנדיקן אופן:

ווען ער איז אַריין אין צימער האָבן זיך אויף אים געוואָרפן 6 דייטשן, וועלכע האָבן אים געבונדן. שפּעטער האָבן זיי אים געוויזן אַלץ, וואָס זיי האָבן געפונען בעת דער רעוויזיע. אויף דער פראַגע האָט ער געענטפערט,

1) איידער ער איז אַרויסגעפאָרן קיין זאַגלעמביע איז ער אויך געווען אַלס עמיסאַר פון דער אָרגאַניזאַציע אין טשענסטאָכאָוו, ווו ער האָט אָרגאַניזירט די פאַרטיידיקונג.

אַז דאָס אַלץ געהערט צו אים. די געסטאַפּאָ־לייט האָבן אים ווייטיקלעך צעשלאָגן און אַוועקגעפירט מיט אַן אויטאָ אין דער געביידע פון געסטאַ־פּאָ אויף שוכאַ. אויפן וועג פרווט איינער פון די געסטאַפּאָ־לייט אים אויס־צופאָרשן, אָבער ער זאָגט זיך אָפּ צו געבן דערקלערונגען. דעמאָלט האָט אים דער דייטש געגעבן מיט דער פויסט איבערן פּנים און געזאָגט: „וועסט אַלץ אויסזינגען; נישט איינעם אַזעלכן האָבן מיר שוין געהאַט ביי זיך".

אַ געבונדענער איז יורעק געלעגן דריי טעג אין אַ פינצטערער קאַ־מער אויפן בעטאָן. די ידיעה וועגן זיין אַרעסט האָב איך באַקומען צו־מאָרגנס און געמוזט תיכף איבעררייסן אַלע קאָנטאַקטן כדי די געסטאַפּאָ זאָל נישט פאַלן אויף אונדזערע שפּורן. יורעק איז דערווייל געלעגן מיט געשוואָלענע הענט. — שפּעטער — די אויספאָרשונג. מען האָט אים אָנ־גענומען פאַר אַן אַריער. צום ערשט האָט מען אים געוואָלט איינרעדן, אַז ער קען זיך ראַטעווען דאָס יונגע לעבן אויב ער וועט זאָגן דעם אמת. יורעק האָט אָבער געשוויגן ווי אַ פאַרשטיינערטער. מען האָט אים גענומען שלאָגן. בעת דער צווייטער אויספאָרשונג האָט יורעק מודה געווען, אַז ער איז אַ ייִד און דאַן איז פאָרגעקומען אַ קאָנסטערנאַציע. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּרטימדיקע אויספאָרשונג: ווי אַזוי איז ער אַרויס פון געטאָ? פון וואַנען האָט ער באַקומען געווער? יורעק האָט כסדר געענטפערט: „איך בין נישט געבונדן מיט קיין שום אָרגאַניזאַציע. ווייל איך אָנערקען זיי נישט. כ'בין זיך אַליין נוקם פאַרן טויט פון מיינע עלטערן. און צוליב דעם האָב איך געהאַלטן געווער". דעמאָלט האָבן זיי אים מערדערלעך צע־שלאָגן און דערמונטערט יעדעס מאָל ווען ער האָט פאַרלוירן דאָס באַ־וווסטזיין. שלעגער זענען געווען פיר. זיי האָבן אים געשלאָגן מיט די פויסטן, מיט בייטשן און מיט ספּעציעלע אינסטרומענטן צו שלאָגן אין די פּילבאַרע ערטער (ס'איז געגאַנגען אין פאַרשאַפן אַ מוראדיקן ווייטיק, נישט שאַדענדיק דערביי דעם אָרגאַניזם). צום סוף האָט יורעק אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער גע־הערט ווי איינער פון די שלעגער זאָגט: „ווי צו דער וואַנט". מען האָט אים אויפסניי אַראָפּגעוואָרפן אין קעלער, ווו ער האָט זיך געוואָלט אויפ־הענגען, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל נישט פאַרראַטן זיינע חברים. די

יידן, וועלכע האָבן זיך אָבער געפונען אין קאַמער מיט אים האָבן אים דערצו נישט געלאָזט.

נאָך צוויי און אַ האַלבע וואָך איז פאָרגעקומען אַ „סעלעקציע", בעת וועלכער יורעק ווערט איבערגעשיקט אויפן פּאַוויאַק. דאָרט קומט די סעגרעגאַציע פון אַזעלכע וואָס האָבן שוין אַן אורטייל און פון אַזעלכע וואָס דערוואַרטן אים. ווענדיק צוזאַמען דעם סוף, פאַראייניקט זיך יורעק מיט די, וואָס האָבן שוין אַן אורטייל. ס'ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז מען פירט זיי נישט צום טויט, נאָר אויף אַרבעט ביי דער באַן" 1).

פון דאָרט געלינגט אים אַרויסצושיקן אַ „גריפס" צום אויטאָר פון די זכרונות. עס שאַפט זיך אַ קאָנטאַקט און דערנאָך קומט דאָס אַנטלויפן פון יורעקן, וועלכן די חברים היילן מיט היימישע מיטלען.

„כ'האָב זיך שפּעטער נאָך עטלעכע מאָל געטראָפן מיט יורעקן — ענדיקט גראַבאָווסקי — ווען ער איז אויפסניי אַרויסגעשיקט געוואָרן דורכן „זשאָב" 2) כדי אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט דער „אַרישער זייט" 3).

וועגן „יורעקס" טויט בעת דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד וועט אויסקומען צו ריידן שפּעטער. דאָ האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן ביי זיין גורל מיט דעם ציל צו אילוסטרירן — אויפן ביישפּיל פון אַן אויסדערוויילטן איינס — די אופנים און די „חסדים פון אינוועטאַר" פון דער געגעבענער אַרבעט. פונדעסטוועגן איז זיכער, אַז יורעק איז נאָר געווען איינער פון אַ סך. די אָרגאַניזאַציע האָט געבויט (ריכטיקער: זי האָט אויסגעהאָדעוועט) אויף דער „אַרישער זייט" די סאַמע נויטווענדיקסטע צענטערן... זי האָט געהאַט איר מאַנשאַפט און האָט אָנגעווענדעט (בעסער געזאָגט: זי האָט יעדעס מאָל אויפסניי געפונען) אירע מעטאָדן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז געוויסע טוער האָבן אָנגעהאַלטן צווישן זיך אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט.

„די קאָנטאַקט־פונקטן" זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע און גאַנץ אָפט האָט מען זיי געמוזט בייטן. צוליב דעם, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט תמיד געליטן דערפון, וואָס זי האָט געפילט אַ דוחק אין ווינונגען און צוליב דעם, וואָס דער צוזאַמענטרעף פון אַ גרעסערער צאָל מענטשן אין אַ פּריי־

1) דאָס איז געווען אַ מין לאַגער אויפן שעמבעק־פּלאַץ אין רעמבערטאָוו: 2) די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע; 3) הענריק גראַבאָווסקי „מיינע באַגעגענישן מיט יורעק ווילנער".

וואָטער שטוב וואָלט לייכט געקענט אַרויסרופן אַ חשד, האָט מען אויס־געניצט צו דעם צוועק די עפּנטלעכע ערטער, וועלכע האָבן זיך אָבער געפונען אַביסל אין אַ זייט. איינער פון די „פּונקטן" איז למשל געווען די קיך, וואָס איז געפירט געוואָרן דורך נאָנעס אויף סעווערינוּוו 6. אַ קליי־נער רויכער־צימער, אַ גאַרדעראָבע און צוויי גרויסע זאַלן. דאָרט זענען טאָג־טעגלעך געקומען אַ גרופּע טוער אין דער צייט ווען די נאָנעס האָבן אַרויסגעגעבן ביליקע מיטאָגן. ד. ה. צווישן צוויי און דריי בייטאָג. זיי האָבן זיך תמיד אַוועקגעזעצט אין ערשטן זאַל נעבן פענצטער, ביים טיש מיט דער פּאַלמע. בעתן מיטאָג האָבן זיי איבערגעשמועסט די לויפנדיקע ענינים. ווען אַ זייטיקער האָט זיך דערנענטערט האָט מען די טעמע גע־ביטן אויף טיפּזיניקע רעפלעקסן וועגן וועטער.

ביים טיש איז תמיד געזעסן „מיקאַלאַי" (אַדוואָקאַט לעאָן פיינער 1) פון קראָקע, אַ פאַרשטייער פון „בונד", וועלכער האָט אָנגעהאַלטן דעם נאָענטסטן קאָנטאַקט מיטן פּוילישן אונטערערד איבערהויפּט און מיט די טוער פון פּ.פּ.ס. בפרט. אַ הויכער, אַ דאַרער און גרויער, מיט לאַנגע וואָנ־צעס, פאַרלאָזט בעת דער מלחמה, האָט ער אין יענע יאָרן געהאַט דעם אויסזען פון אַ טיפּישן שליאַכטשיץ. שטענדיק אין גלייכגעוויכט, אַזוי ווי מיר האָבן אים געקענט פאַר דער מלחמה אין קראָקע, האָט ער יעדע סיטואַציע אָפּגעוויגן אין רויקייט. די חברים און פאַרבינדלער האָט ער תמיד מיט אַ מילדן פּאַטערלעכן טאָן דערמאָנט אין דער נויטווענדיקייט צו זיין פאַרזיכטיק. ער האָט אַלע ענינים דערליידיקט מיט אַן אומפּאַר־פּירבאַרער פּרעציזקייט 2). דאָרט איז געזעסן באַראַווסקי (אַדאָלף בער־מאַן, דער פאַרשטייער פון די לינקע פּועלי ציון) אינזשיניער מיכאַל קלעפּפיש, (וועלכער האָט געהאַט עטלעכע אַרישע נעמען לויט דער ריי; וועגן אים וועט נאָך אויסקומען צו דערמאָנען). עס פלעגט אַריינקומען, העניק (פישגרונט) וולאַדקע 3) און אַנדערע.

---

1) ער האָט אין דער צייט געוווינט אויף דער סענאַטאָרסקע 9, ווו עס זענען אויך פאָרגעקומען באַגעגענישן.

2) ער האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע, געשטאָרבן באַלד נאָך דער מלחמה;

3) איר אַרישער נאָמען איז צוו. אַנד. געווען: סטאַניסלאַווא וואַנכאַלסקא. מיכאַ־לינאַ וואַיטשיק, אאַ"וו. דער ריכטיקער נאָמען — פייגע מענדזיזשעצקא. אַ געוואַגטע פאַרבינדלערין, וועלכער עס איז אויסגעפאַלן אויסצופירן אַ ריי וויכטיקע אויפגאַבן

דער פאַרשטייער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף דער אַרישער זייט, איז געווען — דער אונדז שוין באַקאַנטער — „יורעק“. בעת ער איז צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין, איז ער געווען יצחק צוקערמאַן („אַנטעק“).

געווער פאַרן געטאָ

אַט וואָס די פאַרשטייער פון דער יידישער אונטערערד אין פּוילן האָבן אין האַרבסט 1942 מיטגעטיילט דער קוריער פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן, יאַן קאַרסקי און וואָס ער האָט — אין הסכם מיט זייער בקשה איבערגעגעבן אין לאָנדאָן:

„מיר האָבן פּרעטענזיעס, וועלכע מיר וועלן קיינמאָל נישט מוחל זיין. מיר האָבן זיך געווענדעט וועגן געווער כדי צו אָרגאַניזירן דעם ווי־דערשטאַנד. האָבנדיק דעם דאָזיקן ציל וואָלטן מיר כאָטש געקענט שטאַרבן ווי מענטשן מיט געווער אין דער האַנט. מען האָט אונדז אָפּגעזאָגט און קיין געווער נישט געגעבן“ 1).

די ציטירטע דערקלערונג האָבן זיי באַליגט 2) — לאָמיר איבערחזרן די דאַטע — אין האַרבסט פון יאָר 1942. עס איז וויכטיק, אַז דעם דאָזיקן פּרט זאָלן געדענקען און אין אַכט נעמען די אַלע, וועלכע האָבן דעמאָלט — קוקנדיק פון דער זייט — פיל זאַכן „נישט פאַרשטאַנען“.

נישט האָבנדיק די אַלע קוואַלן פון באַזאָרגן זיך מיט געווער, וועלכע די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן — טראָץ אַלעם — דאָך

(פאַרגלייך אירע אינטערעסאַנטע זכרונות א. נ.: „אויף ביידע זייטן פון געטאָ־מויער“. אַרויסגעגעבן דורך דעם בילדונגס־קאָמיטעט ביים „אַרבעטער־רינג“ אין אַמעריקע, אין דער יידישער שפּראַך.

1) וועגן דער מיסיע פון פּוילישן פאַרבינדונגס־אָפיציר יאַן קאַרסקי האָבן מיר שוין דערמאָנט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. מיר האָבן אויך אינפאָרמירט וועגן זיין בוך, וואָס איז דערשינען בעת דער מלחמה אין לאָנדאָן און וועגן די מאַטעריאַלן, וועלכע זענען דורך אים איבערגעגעבן געוואָרן ש. זיגלבוימען („אַרטורן“) וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ניו־יאָרקער חודש־זשורנאַל „די צייט“ אין מערץ 1942. צווישן די דאָזיקע מאַטעריאַלן געפינט זיך אויך דער אויבנציטירטער זאַץ;

2) אין דער באַגעגעניש מיט יאַן קאַרסקי האָבן אָנטייל גענומען אַלס רעפּרעזענ־טאַנטן פון דער ייד. אונטערערד: דער פאַרשטייער פון „בונד“ (ד״ר ל. פיינער) און אַ פאַרשטייער פון דעם בלאָק פון די ציוניסטישער פאַרטייען. זיין נאָמען איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן. וואַרשיינלעך איז דאָס געווען מנחם קירשנבוים.

געהאַט (מאַגאַזינען פון באַגראָבענעם געווער נאָך דער קאמפאניע אין יאָר 1939, נאָך דער מפּלה; חוץ דעם דאָס דערהאַלטענע געווער — שוין בעת דער אָקופּאַציע — פון אויסלאַנד מיט דער הילף פון אַעראָפּלאַן־דעסאַנטן) האָבן די ייִדישע אָרגאַניזאַטאָרן פון אויפשטאַנדן און ווידערשטאַנדן געמוזט קויפן געווער שטיק נאָך שטיק. דער קויף פון יעדן שטיקל געווער האָט פאַרלאַנגט אַ לאַנגע אויסשפּירונג און אַ טרעפן זיך מיט אומבאַקאַנטע מענטשן. דאָס געקויפטע האָט מען געדאַרפט דורכשמוגלען דורך די געטאָ־מויערן. טיילמאָל האָט מען דאָס געמאַכט אויף פאָלגנדיקן אופן:

אין געטאָ האָבן נאָך פונקציאָנירט עטלעכע טעלעפאָן־אַפּאַראַטן (נעמלעך: אין די דייטשן פאַבריקן, אין די אַזוי גערופענע „שאַפּן", וועלכע זענען, ווי באַוווּסט, שפּעטער געוואָרן די נעסטן פון אויפשטאַנד). ספּעציעלע מענטשן פון „בערשטער־שאַפּ" האָבן לאַנגע שעהן אָפּגעוואַרט אויף אַ טעלעפאָן פון יענער זייט מויער. ווען אויף דער „אַרישער זייט" איז געקויפט געוואָרן געווער, האָט מען וועגן דעם מודיע געווען אין געטאָ טעלעפאָניש. מען האָט צו דעם צוועק באַנוצט עפּנטלעכע טעלעפאָנען. אין דער באַשטימטער שעה האָט מען דאָס געווער אַדורכגעשמוגלט, גאַנץ אָפט אויף דעם זעלביקן אופן, ווי די שמוגלער האָבן דורכגעשמוגלט זייער סחורה. צווישן אַנדערן — דורך די לעכער אין די מויערן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער שווענטאָיערסקע און אויף באָניפראַטן־גאַס. כמעט תמיד — צווישן 8 און 9 אַזייגער אינאָוונט. דעם „גראַנאַטענעם" פּאָליציאַנט האָט מען געדאַרפט עפּעס געבן „אין יד", דעמאָלט האָט ער נאָענט צוגעלאָזט צו די מויערן. ער האָט נישט געוווּסט, אַז די וואָס גיבן איבער די פּעקלעך אין געטאָ זענען אָפט ייִדן. און וואָס עס געפינט זיך אין די פּעקלעך האָט ער אַוודאַי קיין אַנונג נישט געהאַט. גרעסערע צושטעלונגען זענען געגאַנגען אין אַן אַנדערן פּונקט, נעמלעך: דורך דעם מויער ביים פּלאַץ (ריכטיקער ביים געסעלע) פּאַריסאָווסקאַ (צווישן דער דזשיקאַ און אָקאָפּאָווע). מען האָט צוגעפירט אַ וועגעלע 1) נאָך וועלכן עס זענען געווינלעך געגאַנגען — מיט געלאָדענע רעוואָלווערן — מיכאַל (קלעפּפיש) און „יורעק" (ווילנער). אויף דעם אָרט, וועגן וועלכן ס'גייט די רייד, האָבן

1) אין אָנהויב האָט דאָס וועגעלע געשטופּט סטעפאַן מ., נישט קיין ייִד. אַ שפּעטערדיקער פּראָוואָקאַטאָר (פאַרגלייך אין קאַפּיטל וועגן שאַנטאַזשיסטן).

די שוואַרץ־הענדלער און שמוגלער געפירט זייער האַנדל מיטן געטאָ. ווען די קאָנוואָיעגטן האָבן אויסגעשריגן זייער פּאַראָל, האָבן אויף דעם מויער זיך אַרויפגעדראַפּעט די קעמפּער און אַריבערגענומען די קעסטלעך מיט „טשוועקעס״. אויף דער פּונקט איז אײַנגיכן אוועקגעפאַלן. די דײַטשן האָבן זיך דערוווּסט וועגן האַנדל, וואָס דאָרט גייט אָן, האָבן זיי דערשאָסן עט־לעכע שוואַרץ־הענדלער און עטלעכע אַרעסטירט.

מען האָט „אַריבערגעגעבן״ געווער אויך ערגעץ אַנדערש. אומאָפּ־הענגיק דערפון האָבן געווער אַריבערגעשמוגלט (טראָץ דער שרעקלעכער קאָנטראָל ביי די טויערן) די ייִדישע אַרבעטער, וועלכע זענען אַרויס אויף אַרבעט אויסער דעם געטאָ.

ביים אײַנקויפן געווער האָט אָפט געטראָפן, אַז דער פאַרקויפער האָט, נאָך דעם, ווי ער האָט שוין באַקומען דאָס געלט, „אָנגעזעצט״ און די צו־געזאָגטע סחורה נישט געבראַכט 1). אַן אַנדערשמאָל האָבן די ייִדישע טוער אָנגעטראָפן אויף אַ פּראָוואָקאַטאָר. „טאַדעק״ (טוביה שיינגוט) האָט צום ביישפּיל אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט וועגן אַ גרעסערער „צושטעלונג״. די אונטערהאַנדלונגען האָבן געצויגן לאַנג געדויערט. צום סוף האָט מען אָפּגע־רעדט דעם טאָג און דאָס אָרט פון איבערנעמען דאָס געווער. „טאַדעק״ איז אַוועק מיט „קאַזשיקן״ (שמחה ראָטהייזער) אויף דעם אָנגעוויזענעם אדרעס, אויף פּראַגע, וואַשינגטאָן גאַס 50. אין דער שטוב, אין וועלכער זיי זענען אַריין האָט זיי לכתחילה קיין שום זאַך נישט געוועקט קיין חשד. די בחורים האָבן שנעל געגומען באַקוקן די רעוואָלווערן. פּלוצים — אַ הויך קלאַפּן אין דער טיר. איידער זיי האָבן זיך באַוויזן צו אָריענטירן, איז אין שטוב אַריין געסטאַפּאָ. היות דאָס צימער האָט זיך געפונען אין פּאַרטער, זענען די קעמפּער מיט רעוואָלווערן אין די הענט צוגעשפּרונגען צום פענצטער. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסעריי. „טאַדעק״ און „קאַזשיק״ האָבן צוריק געשאָסן און שיסנדיק זענען זיי אַרויסגעשפּרונגען דורכן

1) דאָס פלעגט פּאַסירן אויך אין אַנדערע שטעט און נישט איינמאָל האָט עס גורם געווען טראַגישע קאָנסעקווענצן (פאַרגלייך צוו. אַנד. די פּאַסירונג וואָס איך האָב באַשריבן אין מיין בוך „דער אוניווערסיטעט פאַר תלינים״ (אויף פּויליש. „אוניווערסיטעט זביראָוו״, קראָקע 1946).

פּענצטער. „קאַזשיקן" האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. „טאַדעק" איז געפאַלן אויפן אָרט פון די קוילן 1).

דעם 18טן יאַנואַר ברעכט אויס אין געטאָ דער ערשטער קאַמף. דאָס פּרעלודיום. דער רוף נאָך געווער פאַרשטאַרקט זיך. די מיטגלידער פון „זשאב", וואָס זענען טעטיק אויף דער „אַרישער זייט", ווענדן אָן אַלע מיטלען. די „צושטעלונג" אין געטאָ ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער. און דאָך איז זי נאָך אַלץ צו קליין. מיכאַל קלעפּפיש, וואָס איז פון פאַך אַן אינזשיניער, הייבט אָן אויף דער „אַרישער זייט" דעם פּרווו צו פּראָדוצירן צינד־פלעשער. דער עקספּערימענט גיט זיך איין. „מיקאָלאַי" פּירט אים צונויף מיט אַ פאַכמאַן אויף דעם געביט, דעם חבר „ליאָן" פון פּוילישן אונטערערד. די צוזאַמענטרעפן קומען פאָר אין קלויסטער אויף פאַבריטשנע גאַס. נאָך יעדן צוזאַמענטרעף קערט זיך מיכאַל אום מיט נייע רעצעפּטן און בראָשורן. אָבער די מאַסן־אויסאַרבעטונג פון אַזעלכע צינד־פלעשער קומט פאָר נישט אויף דער „אַרישער זייט" נאָר אין געטאָ. דאָרט אין די שאַפּ־קעמערלעך, אין די חורבות און בונקערס האָט מען אויסגעבויט אַ גרויסע נעץ פון פיבערהאַפט ארבעטנדיקע פאַבריקלעך. דערווייל קומען אין דער זעלביקער צייט פאָר אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַקטאָרן פון דער פּוילישער אונטערערד. זיי גייען שווער און שלעפּן זיך 2).

1) דעם פאַרלויף פון דער געשעעניש האָט מיר דערציילט „קאַזשיק", בעת זיין קומען צו מיר (זען אין די ווייטערע טיילן פון בוך). חוץ דעם פאַרגלייך די רעלאַציעס פון וולאַדקען.

2) די צאָל געווער וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן פון די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס איז שווער פעסטצושטעלן צוליב פאַרשידענע סיבות. אַלע אָנגאַבן פון די באַזונדערע יידישע טוער אין דעם ענין זענען טיילווייזע. אַזוי צום ביישפּיל דערמאָנט מאַרעק עדעלמאַן וועגן געווער, וואָס איז באַקומען געוואָרן דורך דער אָנפירונג פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" אין סוף דעצעמבער 1942 (10 פּיסטאָלעטן, וועלכע זענען, אגב גאַנץ גוט צונויץ געקומען אין די קאַמפן פון 18טן יאַנואַר 1943). אויף אַן אַנדער אָרט רעדט ער וועגן אַ טראַנספּאָרט פון געווער פון דער זעלביקער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" אין סוף יאַנואַר 1943 (50 גרויסע רעוואָלווערן און 50 גראַנאַטן). אַן איינקויף פון אַ גרויסער צאָל מאַטעריאַל (200 ליטער בענזין) צו פאַבריצירן גראַנאַטן און צינד־פלעשער אין געטאָ האָט מיכאל קלעפּפיש אָרגאַניזירט אין פאַרשטענדיקונג מיט פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטן) און וו. ר. ג. — פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן); (פאַרגלייך: מאַרעק עדעלמאַן: „דאָס געטאָ קעמפט". אויסגאַבע פון „בונד" 1945).

מיכאל בארוויטש

דעם 14טן אַפּריל 1943 ברעכט אויס דער אויפשטאַנד אין וואַרשע־ווער געטאָ. זיין פאַרלויף געהערט נישט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, צו דער טעמע פון דעם דאָזיקן בוך. פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן אין געטאָ־אויפשטאַנד געוואָלט זען אַן אַקט פון פאַרצווייפלונג פון מענטשן אַן אויסגאַנג איז נאָר כדאַי אונטערצושטרייכן, אַז אַ ריי קעמפער, וועלכע זענען שוין געווען „איינגעאָרדנט" אויף דער „אַרישער זייט" זענען פאַרן אויפשטאַנד צוריק אַוועק אין געטאָ און אָנטייל גענומען אין די קאַמפן. צווישן די שוין פריִער דערמאָנטע האָט זיך געפונען אין די רייען פון די געטאָ־קעמפער מיכאל קלעפּפיש און אין דריטן טאָג פון קאַמף איז ער געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט. „יורעק" (אַריה ווילנער) האָט בעת די קאַמפן געהערט צום הויפּט־שטאַב. נאָך דריי וואָכן קאַמף האָט ער זיך געפונען צוזאַמען מיטן הויפּט־אָנפירער פון אויפשטאַנד מרדכי אַנילע־וויטש און אַנדערע מיטגלידער פון שטאַב אין בונקער אויף מילע 18, דאָס האָט טאַקע ער גערופן אַלע אָנוועזנדיקע צו באַגיין זעלבסטמאָרד אין דעם מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם בונקער און גע־פאָדערט זיך אונטערצוגעבן 1). אין די רייען פון „בערשטער־שאָפּ" (פון וואַנען עס איז, ווי באַוווסט, געפאַלן דער ערשטער זאַלפּ צו די דייטשן), האָט צ. אַ. געקעמפט דער אונדז שוין באַקאַנטער „קאַזשיק".

---

1) וועגן די לעצטע מינוטן אין בונקער פון דער קאָמאַנדע און וועגן דעם דורכשלאָגן זיך דורך די קאַנאַלן — פאַרגלייך צווישן אַנדערן, גבית־עדות פון צביה לובעטקין („צעליני") אַרויסגעגעבן אין ישראל אין דער העברעאישער שפּראַך. פראַגמענטן דערפון זענען געדרוקט אויף יידיש (אין דער ניו־יאָרקער אויסגאַבע „קידוש השם") און אין פויליש אין דער צייטונג „נאַשע סלאָוואָ" און „אָפּיניאַ".

V

בעת דעם אויפשטאנד פון ווארשאווער געטאָ

דער אויפרוף פון קעמפנדיקן געטאָ. — די שליחות פון קאַזשיקן און זיגמונטן אויף דער „אַרישער זייט". — אין די רעלאַציעס פון פוילישע שרייבער. — דער ראַפּאָרט פון דייטשן גענעראַל י. סטראָאָפּ. — די שטימען פון דער פוילישער אונטערערדישער פּרעסע און די פלוגבלעטלעך פון פוילישע אָרגאַניזאַציעס וועגן געטאָ־אויפשטאַנד.—די פּובליקאַציע פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור. — דער בריוו פון גובערנאַטאָר פראַנק אין דער רייכס־קאַנצעלאַריע.

אויפן פינפטן טאָג פון קאַמף האָט די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע אויף דער „אַרישער זייט" אַרויסגעגעבן דעם באַקאַנטן אויפרוף פון קעמפנדיקן געטאָ וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „פּאָליאַקן! בירגער! זעלנער פון דער פרייהייט!" דער אויפרוף האָט פאַרזיכערט אַז „יעדע שוועל פון געטאָ איז און וועט ווייטער זיין אַ פעסטונג". „מיר קענען אַלע אומקומען אין דעם דאָזיקן קאַמף, אָבער מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן. מיר אָטעמען, ווי איר, מיט דעם באַגער נקמה צו נעמען און צו באַשטראָפן פאַר אַלע פאַרברעכנס דעם געמיינזאַמען שונא. עס קומט פאַר אַ שלאַכט וועגן אונדזער און אייער פרייהייט. וועגן אייער און אונדזער מענטשלעכער, גע־זעלשאַפטלעכער, נאַציאָנאַלער ערע און כבוד... זאָל לעבן די ברידערלעכ־קייט פון וואָפן און בלוט פון קעמפנדיקן פוילן. זאָל לעבן די פרייהייט! אַ

טויט די תלינים און מערדער! זאָל לעבן דער קאַמף, אויף טויט און לעבן, מיטן אָקופּאַנט"!

אויפן 11טן קאַמפּס־טאָג דערשלאָגן זיך דורך די קאַנאַלן צו דער „אַרישער זייט" צוויי עמיסאַרן פון קעמפנדיקן געטאָ — זיגמונט (ז. פרידריך) און קאַזשיק (ס. ראַטהייזער). זיי ברענגען אַ רוף נאָך הילף. אַ ריי טעג דויערן די פאַרצווייפלטע זוכענישן. צום סוף קערן זיי זיך אום מיט די זעלביקע קאַנאַלן אין געטאָ כדי אַרויסצופירן די רעשטלעך פון די קעמפער. דורך דער צייט זענען געפאַלן די הויפּט־פּאָזיציעס פון קאַמף. אַרום און אַרום זענען בלויז חורבות, רויִנען, מתים און פלאַמען. דעם 18טן מאַי, אַ טאָג פאַר זייער צוריקקומען אין געטאָ, האָט זיך אָפּגעשפּילט דער לעצטער קאַמפּס־אַקטביים פאַלן פון קאָמענדאַנטישן בונקער אויף מילע 18. נאָך אַ קאָשמאַרער וואַנדערונג דורך די קאַנאַלן, גיט זיך איין צוזאַמענצוברענגען די רעשטלעך פון די קעמפער. ביים אויסגאַנג פון קאַנאַל, אויף דער אַרישער זייט, וואַרטן יידישע קעמפער מיט אַ „גוטן" אויסזען און דער פאַליאַק קזשאַטשאַק (פּסעוודאָנים: „קאַסטעק"). עס קומט נאָך דעם אַ פאַרצווייפלטע זוכעניש פון אַ לאַסט־אויטאָ. דער דערמאָנטער קזשאַטשאַק באַקומט זי לסוף. דערנאָך ווערן די געראַטעוועטע קעמפער, אין דער אָנוועזנהייט פון פאַרזאַמלטע צוקוקער, אַנגעלאָדנט אויפן אויטאָ און דורכגעפירט דורך דער גאַנצער שטאָט. אָבער אין לעצטן מאָמענט ביים אַרויסגאַנג פון קאַנאַל פאַלן 11 קעמפער. עס קומט אום דער דערמאָנטער „זיגמונט", וועלכער האָט זיך אומגעקערט אין קאַנאַל, כדי אַהער צוברענגען אַ גרופּע חברים. ווען ער קומט צוריק מיט זיי צום קאַנאַל־אויסגאַנג איז דאָס אָרט שוין אַרומגערינגלט דורך דייטשן. איינער פון די צוקוקער דערקענט אים און ער פאַלט.

וועגן די אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּוילישער אונטערערד מכוח הילף וועט זיין אַ רייד אין דעם קאַפּיטל, וואָס איז געווידמעט דעם „ראַט פון הילף פאַר יידן".

דאָ לאָמיר צוגעבן, אַז דעם 21טן אַפּריל איז אויפן ראָג נאָוויניאַרסקע און פראַנציסקאַנער באַשאָסן געוואָרן דורך מאַשין־געווער די דייטשע מאַנשאַפט. וואָס האָט זיך דאָרט פאַרפעסטיקט אין קאַמף מיטן געטאָ. ווי מען גיט איבער, איז דאָס געטון געוואָרן דורך אַ גרופּע קעמפער — פאַ־

ליאַקן פון דער „פאָלקס־גוואַרדיע״. אין שפּיץ פון דער גרופּע איז געשטאַנען אַ מאַלער (פּסעוודאָנים: „יאַצעק״). גענעראַל סטראָאָפּ באַטירט אין זיין ראַפּאָרט פון זעלביקן טאָג: „אונדזער מאַנשאַפט היגטער די געטאָ־מויערן האָט געהאַט צוויי טויטע. אויך אין אַנדערע ערטער זענען פאָרגעקומען פאַרשידענע קליינע „אינצידענטן״, וואָס זייער מאָס און פאַרלויף (ווי אויך די אָרגאַניזאַציאָנעלע אָנגעהעריקייט פון זיינע באַטייליקטע) האָט זיך נישט איינגעגעבן פעסטצושטעלן 1).

מיר האָבן געברענגט אַ בינטל פּרטים וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות מיט די קאַמפן. לאָמיר זיך אָקאָרשט צוקוקן צו דער „אַרישער זייט״ אין וואַרשע אין די טעג פון קאַמף און דערביי לאָמיר דאָס טון מיט די אויגן פון אַן איינוווינער פון דער זעלביקער „אַרישער זייט״ 2).

19טער אַפּריל, ד. ה. אין טאָג פון אויסברוך פון אויפשטאַנד: „די

---

1) שווּעריקייטן ביים פעסטשטעלן די דאָזיקע פּרטים נעמען זיך אויך דערפון, וואָס נאָך דער מלחמה איז נישט געקומען צו דער פולער דעקאָנספּיראַציע פון דעם גאַנצן פוילישן אונטערערד. נאָר ביי געוויסע געלעגנהייטן זענען באַקאַנט געוואָרן ענלעכע פּרטים, צ. וו. אַנד. ביי די פּראָצעסן קעגן די געוועזענע פירער און זעלנער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״, וועלכע זענען באַשולדיקט געוואָרן אין קאָנטינואירן זייער אומלעגאַלער טעטיקייט אויך אין דער נאָך מלחמה־צייט. אַזוי, למשל, האָט אויפן פּראָצעס פון פולקאָווניק זשעפּעצקי און חברים (יאַנואַר 1947) די פאַרטיידיקערין פון מאַיאָר ריביצקי — אַדוואָקאַטין וויענצקאָווסקאַ, — געזאָגט צווישן אַנדערן, אַז ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן דער פאַקט, אַז זי וועט פאַרטיידיקן ריביצקין, זענען צו איר געקומען פאַרשידענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי פאַררופן ווי עדות. עס זענען צווישן זיי געווען יידן, וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ און זיי האָבן דערציילט, אַז ריביצקי האָט אָנגעפירט מיט אַן אָפּטיילונג, וואָס האָט געהאָלפן די אויפשטענדלער פון געטאָ. ריביצקי האָט אָבער נישט מסכים געווען, אַז די דאָזיקע עדות זאָלן אַרויסטרעטן. ער האָט דערקלערט, אַז דערמיט האָט ער נאָר דערפילט זיין בירגערלעכן חוב און וויל נישט, אַז די ענינים זאָלן דיסקוטירט ווערן אין געריכט. אַן ענלעכער מאָטיוו האָט זיך פראַגמענטאַריש באַוויזן אויך אין אַן אַנדערן פּראָצעס. אָבער אויך דאָ איז נישט געקומען דערצו מען זאָל אויסהערן די עדות, ווייל דאָס געריכט האָט געהאַלטן, אַז די ענינים האָבן נישט קיין שייכות מיטן פּראָצעס. פאַרגלייך חוץ דעם דאָס מאַטעריאַל, וואָס ווערט געברענגט אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פון בוך, וווּ עס ווערן אַרומגערעדט די קאָנטאַקטן מיט די פוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס.

2) דער דאָזיקער טעמע זענען געווידמעט אַ גאַנצע ריי זכרונות. נעבן די זאַכלעכע פּראָטאָקולאַרע מעמוּאַרן זענען אויך פאַראַן באַשרייבונגען, וואָס געהערן שוין צום פּראָזע־געביט. צווישן די לעצטע זענען פאַראַן ווערק, געשריבן דורך עד ראיה און דאָס פאַרפיקסירן די פאַקטן איז געטון געוואָרן מיט אַ דאָקומענטאַרישער פּינקטלעכקייט.

קוואַרטאַלן וואָס ליגן אין שכנות מיט די געטאָ־מויערן זענען פול געוואָרן מיט מענטשן — דערציילט יעזשי אנדזשעיעווסקי 1) — דאָרט האָט מען זיך אַמשנעלסטן געקענט אָריענטירן אין די געשעענישן. אין די פענצטער פון די הייזער וואָס גייען אַרויס צו די מויערן זענען אַלע מאָל געפאַלן שאָסן. די דייטשן האָבן אַראָפּגעבראַכט צו די געטאָ־מויערן די גאַנצע זשאַנדאַרמעריע... פון שעה צו שעה איז אָנגעוואַקסן די שטייגערונג פון דער קאַנאָנאַדע. אָבער דעמאָלט, אין ערשטן טאָג האָט זעלטן ווער גע־קענט אָננעמען, אַז די פאַרניכטונג פון געטאָ וועט דויערן לאַנגע וואָכן. און דאָך — אין משך פון פיל, פיל טעג האָבן די ייִדן געדאַרפט זיך פאַר־טיידיקן און נאָך מער טעג האָט די געטאָ געדאַרפט ברענען און אַזוי האָט אין דער צייט פון פרילינגס־שטימונגען, אין דער „גרויסער וואָך", אינעם האַרץ פון וואַרשע, וועלכער דער פיר־יעריקער טעראָר האָט נישט באַוויזן איינצוברעכן, זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון די ייִדישע אויפשטענדלער, דער פאַראייניזאַמטער און וויטיקלעכסטער פון אַלע קאַמפן, וואָס זענען ביז איצט אונטערגענומען געוואָרן אין דער פאַרטיידיקונג פון לעבן און פרייהייט.

... ... נאָך אַ שיסערײַ, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, איז אין דער פרי אַריינגעטרעטן אַן איבעררייס אין קאַמף. איצט האָט זיך די קאַ־נאָנאַדע אָנגעהויבן אויפסניי, פאַרביסענער ווי אין פריערדיקן טאָג. דורך דעם קראַשינסקי פּלאַץ האָט מען שוין קיינעם נישט געלאָזט דורכגיין און דורכפאָרן. דערפאַר האָט דער המון, אַן אומרויִקער, אַ טומלדיקער און אויפגערעקטער פאַרפולט די דורכגענג פון נאַוויניאַרסקי און דלוגע. ווי ביי אַלע אַנדערע גרעסערע געשעענישן אין וואַרשע, האָט אויך דאָס לויפן קוקן אויף דער דאָזיקער געשעעניש געהאַט אין זיך עפּעס פון דעם מין קוקן אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. די וואַרשעווער שלאָגן זיך זייער גערן און פונקט אַזוי גערן האָבן זיי ליב צו קוקן ווי יענער שלאָגט זיך.

אַן אַ צאָל יונגע יינגלעך, ווי אויך אָנפריזירטע אויסגעפּוצטע מייד־לעך זענען זיך אָנגעלאָפן פון דער שכנותדיקער אַלט־שטאָט. די נייגערי־קע האָבן זיך געשטופּט אין דער טיף פון דער נאַוויניאַרסקע גאַס און וואַנען

1) אַ באַקאַנטער פוילישער שרייבער פון יונגערן דור פון אַ קריסטלעכער וועלט־אַנשויאונג (נישט קיין ייד).

מען האָט בעסער געקענט אָבסערווירן די געטאָ־מויערן. אין אַלגעמיין האָט זעלטן ווער באַדויערט די ייִדן. דאָס פּאָלק האָט דער עיקר הנאה געהאַט וואָס דער פאַרהאַסטער דייטש האָט אַ נייע צרה אויפן קאָפּ. ביי דעם דורכשניטלעכן מענטש האָט דער בלויזער פאַקט פון מוזן פירן אַ קאַמף מיט אַ הייפל פאַראיינזאַמטע ייִדן לעכערלעך געמאַכט די זיגערישע אָקופּאַנטן״ 1).

אין די ווייטערדיקע טעג פון קאַמף: „דער פאַרזאַמלטער המון האָט זיך געקענט צו זאַט אָנקוקן אויף די מתים, וואָס זענען געהאַנגען אויף די פענצטער־ראַמען. מען האָט נאַטירלעך געקענט באַמערקן פאַרשידענע שטייגער־בילדער. אַ פרוי מיט רעטעכלעך און שפּינאַק האָט שטאַרק גע־וואָלט עפּעס זען. זי האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט.

— ווו? ווו? — האָט זי זיך געפרעגט אומרויִק, מרוזשענדיק די קורצ־זיכטיקע אויגן.

עמיצער האָט איר לסוף געענטפערט:

— נעמט אייך אַרויס אַן אויג. אפשר וועט איר עפּעס דערזען.

דער עולם האָט זיך צעלאַכט״ 2).

די שטימונג ביי די דאָזיקע צוקוקער ווידמעט אַ ריי פראַגמענטן אין זיינע דערציילונגען. צווישן אַנדערע, אַדאָלף רודניצקי:

„די קאַנאָנירן (דייטשן) — שרייבט ער — האָבן אָנגעלאָדנט און אויסגעשאָסן ביי דער צושטימונג פון המון. קינדער האָבן געגלעט די פיינט איבער די אַרבל. די פרויען־בליקן האָבן באַגלייט די גדלנותדיקע ס.ס.־רייטער ביז צו די מויערן. מען האָט דאָס געזען און ס׳האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן... ס׳האָט צופיל ווי געטון.

וואַרשע האָט אַלע מאָל געהאַט אירע הונדערט גערעכטע, כאָטש ס׳איז נישט געווען קיין גערעכטיקייט נידעריקער, ווי פאַרן פרייז פון לעבן. אויף צומאָרגנס האָבן די דייטשן אָפּגערייניקט און אָפּגעשלאָסן דעם קראַ־שינסקי־פּלאַץ (זייער אַרטילעריע־באַזע קעגן געטאָ) און אַלע דערנעבנ־דיקע גאַסן. מען האָט גערעדט, אַז פון עפּעס אַן הויז אויף נאַוויניאַרסקע

---

1) יעזשי אַנדזשעיעווסקי — „די גרויסע וואָך״ (אין דער זאַמלונג: „נאַכט״, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַרלאַג „טשיטעלניק״ 1946); 2) דער זעלבער מחבר.

האָט מען געשאָסן אויף די דייטשן. מען האָט גערעדט וועגן אַ פּרווו צו קומען צו הילף, די קעמפער.

עס האָט זיך באַוויזן אַ נייע אינדוסטריע. אויפן אָרט פון טראַמוויי וואָס האָט זיך געשטעלט, זענען אויסגעוואַקסן צענדליקער פּלאַטפאָרמעס און וועגעלעך. די פּורמאַנעס האָבן אָוועקגעשטעלט בענקלעך אָנשטאָט טרעפּ. די פורמאַנעס האָבן לאַנג נאָך דעם, ווי ס׳האָבן איינגעשטילט זיך די קאַמפן איבערגעקויפט דעם קאָמיסאַר ראַסטאָנסקי, ער זאָל נישט לאָזן אין גאַנג דעם טראַמוויי.

די זענען געקומען, אַנדערע זענען אַוועקגעגאַנגען. אַ גאַנצן טאָג איז מען געשטאַנען הינטער די מויערן. זיי האָבן געקוקט, גערעדט, באַדויערט. זיי האָבן באַדויערט די סחורות, דאָס אייגנטום, דאָס גאָלד — דאָס לעגענדאַרע גאָלד. קודם כל אָבער האָט מען באַדויערט די הייזער און וווינונגען, „די שענסטע הייזער". זיי האָבן געזאָגט: „צי האָט דאָס דער קעניג היטלער נישט געקענט לייזן דאָס פּראָבלעם אויף אַן אַנדער אופן? די פלאַמען האָט מען געזען אין אַלע עקן שטאָט און צו יעדער צייט. וועגן דעם אַלעם, וועגן די קינדער וואָס זענען לעבעדיקערהייט פאַרקוילט געוואָרן, האָט מען געזאָגט: „דאָס איז אין געטאָ" און דאָס האָט געקלונגען ווי „דאָרט ערגעץ ווייט". מען האָט געזאָגט: „דאָס איז אין געטאָ" און די רו האָט זיך אומגעקערט. און דאָס איז געווען אויף נאָוואָליפּיע, אויף מוראַנאָוו, אויף שוויענטאָיערסקע, מיט עטלעכע זעכציק מעטער ווייטער...

דער געטאָ האָט געברענט. מענטשן האָבן געזאָגט: ס׳איז אַ גליק, וואָס קיין ווינט איז נישטאָ; אַ נישט וואָלטן אויך אונדזערע הייזער פאַרברענט געוואָרן. צוויי־מאָטאָרדיקע הע־217 (דייטשע אַעראָפּלאַנען) האָבן רויק און שטיפעריש געקרייזט אויפן הימל, וועלכער האָט געשיינט מיט פרילינג און דערנאָך זענען זיי אַריינגעדרונגען אין דעם קרייז פון רויך ווו זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייערע — ווי מען האָט דאָס גערופן — אייער. דאָרט צווישן די מויערן איז מען אומגעקומען מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס אַכזריות האָט אויפגערודערט ס׳מענטשלעכע האַרץ. אין דער אמתן, וואָס האָט געקענט זיין נאָך מער? גענעראַל שיקאָרסקי האָט אַפּעלירט צום געוויסן. אָבער מיר דאָ אויפן אָרט האָבן געזען, ווי קליין, ווי נישטיק און

ווי נעבעכדיק ס'איז דאָס געווען. די דעטאָנאַציעס האָבן אויפגעטרייסלט די ערד, די גאַסן, אָבער נישט די מענטשן" 1).

צווישן אַנדערע טרעפן מיר אויך נאָטיצן אויף דער דאָזיקער טעמע אין די ראַפּאָרטן פון „הויפּט־אָנפירער" פון די קאָנצענטרירטע דייטשע מיליטערישע כוחות קעגן געטאָ, דעם גענעראַל סטראָאָפּ 2).

ס'איז נאַטירלעך נישט נייטיק אויפצוקלערן, אַז די ציטירטע פראַגמענטן באַשטעטיקן נאָר איין טייל פונעם אמת. וואָרום די וואָס האָבן צו

1) אַדאָלף רודניצקי: טאָג־ביכער („קוזשניצא נומער 1, און אין באַנד דערציילונגען א. נ. „שעקספּיר").

2) גענעראַל סטראָאָפּ, שעף פון וואַרשעווער פּאָליציי־דיסטריקט, גענעראַל פון ס. ס. און גענעראַל־מאַיאָר פון דער פּאָליציי, האָט אַלע טאָג איבערגעשיקט ראַפּאָרטן פון זיין קאַמפּס־פּלאַץ צו זיין העכער־שטייענדיקער מאַכט קיין קראָקע (די הויפּט־שטאָט פון „גענעראַל־גוווערנעמאַן") נאָכן פאַרענדיקן די „גרויסע אָפּעראַציעס", האָט ער די טעגלעכע ראַפּאָרטן דערגענצט מיט אַ „סינטעטישן" ראַפּאָרט. די דאָזיקע אַלע ראַפּאָרטן אָטעמען נאַטירלעך מיט אַ שנאה צו די יידן און צו די יידישע קעמפער און זענען פול מיט זידלערייען. אָנגעבנדיק די ציפערן פון די אייגענע פאַרלוסטן, איז פאַר סטראָאָפּן נאַטירלעך די טענדענץ זיי צו פאַרקלענערן. דאָך — קעגן דער בפירושער כוונה פון זייער אויטאָר — זענען די דאָזיקע ראַפּאָרטן (געפונענע אין די אַרכיוון און אַנטדעקט בעת די נירענבערגער פּראָצעסן) אַ דענקמאָל פאַר דער העלדישקייט פון די יידישע קעמפער. און דאָס צוליב דעם, וואָס סטראָאָפּ באַשרייבט די גאַנצע פאַקטן־קייט פון יידישער גבורה. ער נאָטירט זיי, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווי ביישפּילן פון חוצפה, עקשנות, פאַרביסנקייט, פאַנאַטיזם, גיט צו צו זיי באַליידיקנדיקע עפּיטעטן. די עפּיטעטן פון סטראָאָפּן בלייבן אָבער נישט מער ווי עפּיטעטן און די פאַקטן בלייבן פאַקטן: „די פּאָליאַקן־איינוווינער פון וואַרשע — טיילט ער מיט דעם 26טן אַפּריל 1943 — זענען אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון די גוואַלטיקע קאַמפן, וועלכע קומען פאָר אין געוועזענעם געטאָ. די לעצטע ראַפּאָרטן טיילן מיט וועגן אַן אַלגעמיינער באַרויקונג, מיטן אויסנאַם פון אייניקע קליינע אינצידענטן".

אינעם באַריכט פון 6טן מאַי 1943 יאָר: „...די פּוילישע פּאָליציי, געלאָקט דורך די, דורך אונדז, צוגעזאָגטע באַלוינונגען מאַכט אַלע באַמיאונגען כדי צוצושטעלן יעדן ייד, וואָס באַווייזט זיך אין שטאָט. מיר באַקומען אַנאָנימע בריוו, אין וועלכע מען איז אונדז מודיע וועגן דער אָנוועזנהייט פון יידן אין די אַרישע קוואַרטאַלן".

אין דעם סינטעטישן באַריכט: „...אין אַלגעמיין האָט די פּוילישע באַפעלקערונג אַפּראָבירט די קאַמפּס־מיטלען, וועלכע מיר האָבן אונטערגענומען קעגן די יידן ביים סוף פון די אָפּעראַציעס האָט דער גובערנאַטאָר פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלן אַפּעל צו דער פּוילישער באַפעלקערונג (וועלכער איז סטראאפּן צוגעשטעלט געוואָרן פריער צו באַשטעטיקן). דער דאָזיקער אַפּעל האָט אויפגעקלערט דער פּוילישער באַפעלקערונג די סיבות וואָס האָבן געשטויסן צו פאַרניכטן די געוועזענע געטאָ. אינעם אַפּעל איז דערמאָנט געוואָרן די נישט לאַנג צוריק פאָרגעקומענע אַטענטאַטן אין וואַרשע, די קרבנות אין קאַטין, און ער האָט גערופן צום קאַמף קעגן די קאָמוניסטישע אַגענטן און קעגן די יידן".

די געשעענישן געהאַט אַ פאַרקערטע באַציאונג האָבן געמוזט זייערע מיינונגען באַהאַלטן.

מענטשן, וואָס זענען איבערראַשט געווען מיט דעם אויסברוך פון אויפשטאַנד און מיט זיין פאַרביסענעם דויער, האָבן זיך דאָס אויסגעטייטשט מיט אַ כלומרשטן אָנטייל פון פוילישע אָפיצירן אין די קאַמפן. די דאָזיקע ווערסיע האָבן זיך באַמיט צו פאַרפעסטיקן אויך די דייטשע קאָמוניקאַטן. אין די לעצטע האָבן זיך נעבן די „צעבונטעוועטע ייִדן" געפונען נישט בלויז „פוילישע באַנדיטן", נאָר אויך „דייטשע דעזערטירן" 1).

סטראָאָפּ אַליין, וועלכער האָט די מעשה אויסגעטראַכט, דערמאָנט זי כסדר אין זיינע אָפיציעלע ראַפּאָרטן. זעט אויס, דער הער גענעראַל האָט זיך געמוזט שטאַרק אָנשטרענגען כדי פאַר זיין העכער שטייענדיקער מאַכט אויסצוטייטשן די סיבה פון דער ייִדישער קאַמפס־פאַרביסנקייט.

די דייטשן האָבן פאַרשטאַרקט די אַנטי־ייִדישע פּראָפּאַגאַנדע און זיי האָבן פאַרשאַרפט די רעפּרעסיעס קעגן פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן ייִדן. צווישן דער פוילישער באַפעלקערונג, זענען זיך צעגאַנגען שושקערייען, וואָרענונגען און פאַרזיכערונגען, אַז די ייִדן אַנטלויפן מאַסנוויז פון דער ברענענדיקער געטאָ. די דאָזיקע רעוואָלאַציעס זענען געווען אַ פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע. חוץ די מויערן איז די געטאָ אין יענע

1) ווי ווייט פאַרשפּרייט ס׳איז געוואָרן די דאָזיקע ווערסיע קאָן מען זען דערפון, וואָס זי האָט זיך באַוויזן אויך אין אויסלענדישע אויסגאַבן. אין דעם בוך פון שענדע (וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די דערציילונגען פון פאַלקמאַנען, וועלכן ס׳איז געלונגען — ווי מיר דערציילן אויף אַן אַנדער אָרט — צו אַנטלויפן דורך נאָרוועגיע קיין שוועדן) געפינען מיר פאָלגנדיקן אָפּזאַץ: „די דאָזיקע 40.000 מענער, פרויען און קינדער (די רייד איז געווען וועגן די איינוווינער פון וואַרשעווער געטאָ) געשטאַרקט דורך עטלעכע דייטשע דעזערטירן און פּאָליאַקן, האָבן אונטערגענומען אַ נישט־גלייכן און האָפענונגסלאָזן קאַמף קעגן דער דעמאָלט גרעסטער מיליטערישער וועלט־מאַכט". („דער לעצטער ייִד פון פוילן", זייט 81). קוריאָז איז דאָ דער אויסדרוק „עטלעכע". דער גלויבן אין דער דייטשער מיליטערישער גאונות איז, זעט אויס געווען אַזוי גרויס, אַז כדי צו שטאַרקן דעם אויפשטאַנד זענען גענוג געווען נאָר „עטלעכע" דייטשע דעזערטירן. פאַלקמאַן האָט נאַטירלעך איבערגעגעבן נאָר דאָס וואָס ער האָט געהערט. דאַקעגן וואָס נוגע דער ווערסיע וועגן אָנטייל פון פוילישע אָפיצירן — אַ ווערסיע, וועלכע ס׳האָבן פאַרשפּרייט און געגלויבט די פאַרביסנסטע אַנטיסעמיטן, קומען אויף אַנדערע רעפלעקסן. און נעמלעך: אַפילו אַנטיסעמיטן, ווען זיי האָבן גענומען טראַכטן מיט אַ גלייכן שכל האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אויב אין האַרץ פון דער פוילישער הויפּטשטאָט איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד, האָבן פוילישע אָפיצירן .. דאָרט געדאַרפט זיין.

טעג געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קייט פון מיליטער און דאָס אַנטלויפן איז לגמרי אוממעגלעך געווען. אַן אויסנאַם איז געווען דאָס שפּעטערדיקע אַנטלויפן פון די דערמאָנטע געטאָ־קעמפער דורך די קאַנאַלן און איינצלנע אַנטלויפונגען „אויף בלינד". דאָס זענען געווען קליינע אויסנאַמען און אין דער סומירונג האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ נישטיקייט, וואָס האָט קיין שום פאַרהעלטעניש געהאַט צו יענע לעגענדעס. דאָך האָט די ווערסיע וועגן כלומרשטע אַנטלאָפענע מאַסן פון געטאָ פאַרשטאַרקט די חשדים און דאָס נאָכשפּירן. די קרבנות זענען דערביי געווען יענע ייִדן, וואָס האָבן שוין לאַנג געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן".

צו די פאַרגעקומענע קאַמפּן האָט די דייטשע ראַדיאָ כסדר צוגעגעבן קאָמענטאַרן. ס'האָבן צווישן זיי אַפילו נישט געפעלט קיין נאַרישקייטן פון דעם מין, אַז ייִדן וואָס אַנטלויפן פון געטאָ מאָרדן פּאָליאַקן. ס'האָבן אויך נישט געפעלט קיין פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אין דער נאַרישקייט געגלויבט.

גלייכצייטיק — אין שום פון די באַשריבענע פאַקטן — זענען אָבער פאַראַן פאַקטן פון פאַרקערטער אויסשפּראַך. די דאָזיקע פאַקטן קומען פאָר אין שטרענגסטער געהיימניש און בלייבן זיי אומבאַקאַנט. איצט ווייסן מיר שוין וועגן אַ טיפן חשבון הנפש, וועגן אַ פאַרסמטער הילפלאָזיקייט פון די מענטשן פון גוטן ווילן. מיר ווייסן שוין אויך וועגן די, וואָס האָבן אויף די פאַרשטאַרקטע דייטשע רעפּרעסיעס געענטפערט מיט אַ פאַרדאָפּלטער הילף פאַר ייִדן.

עס פאַלן קרבנות אויך צווישן די פּאָליאַקן: אויף דעם קאַזשימיעזש־פּלאַץ האָבן די דייטשן דערשאָסן אַ פּוילישע משפּחה, וועלכע האָט באַ־האַלטן אַ ייִד. די וואַרשעווער גאַסן ווערן געדיכט פּאַטרולירט. דורך דער שטאָט פאָרן דורך לאַסט־אויטאָס מיט באַוואָפנטע דייטשע זעלנער. אין די הייזער קומען פאָר אָפטע רעוויזיעס.

די דאָזיקע דערשיינונגען רופן אַרויס פון זייער זייט אַ היסטעריע פון פאַרזיכטיקייט ביי די גרויע מענטשן, וועלכע שטעקן מיט איר אַן אויך אַנדערע. „פון די דייטשן קען מען אַלץ דערוואַרטן" — טייטשט איי־נער אויס דעם צווייטן. דעריבער הייבט זיך אָן די זוכעניש פון באַהאַל־טענע ייִדן „צוליב זיכערקייט" פאַר זיך און די שכנים. „זיי ווילן פאַרהיטן דאָס הויז פון אַן אומגליק".

אין דער זעלביקער צייט זענען פאַראַן פיל איינצלנע פּאָליאַקן וואָס באַהאַלטן ווירקלעך אויס ייִדן (אָדער גיבן זיי אויף אַן אַנדער אופן הילף). זיי גיבן דערמיט אַ באַווייז פון ערלעכקייט און קרבנות־גרייטקייט.

***

די ערשטע ידיעות וועגן קאַמף אין געטאָ האָט פאַרעפנטלעכט (דעם 20־21 אַפּריל) די פּוילישע אונטערערדישע אינפאָרמאַטיווע צייט־שריפט „דער וואַרשעווער טאָג" 1) (נומער 554 פון 24טן אַפּריל 1943). נאָכן איבערגעבן אַ בינטל ידיעות פון אויפשטאַנד, האָט דער אויטאָר פאַר־ענדיקט זיין אַרטיקל:

„מיר קענען נישט, נישט אויסדריקן קיין מיטגעפיל און אַכטונג פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אָוועקגעוואָרפן איר פּאַסיוויטעט און פירט אַ העלדישן, כאָטש האָפענונגסלאָזן קאַמף קעגן די הונדערטפאַך שטאַרקערע כוחות פון די היטלעריסטישע הענקער. דער גרעסטער פאַר־ברעך פון פירן אַ קאַמף מיט אַ ציווילער באַפעלקערונג מיט דער הילף פון שווער געווער און מינען־וואַרפער רעדט פאַר זיך אַליין".

לויט דער ריי נאָך האָבן זיך באַוויזן וייטערדיקע רעלאַציעס און אַרטיקלען וועגן אויפשטאַנד אויף די שפּאַלטן פון דער אומלעגאַלער פּוי־לישער פּרעסע. אָט זענען אַזעלכע עטלעכע שטימען:

אַ פלוגבלעטל פון די פּוילישע אומאָפּהענגיקייטס־אָרגאַניזאַציעס:

„ברענגענדיק די ווערטער פון פּוילישן פּרעמיער סיקאָרסקי ווי אויך די ווערטער פון פּוילישן רעגירונגס־באַפולמעכטיקטן אין לאַנד, רופן מיר אַלע פּאָליאַקן זיי זאָלן זיך צופּאַסן צו דעם אינהאַלט, וואָס איז אָנגעוויזן אין די ווערטער. קיין איין מינוט טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז די דייטשן אויספירנדיק זייער פאַרברעכן, צילן דערמיט איינצורעדן דער וועלט, אַז די פּאָליאַקן נעמען אָנטייל אין די רויבערייען און אין די מאָרדן אויף ייִדן. אין די באַדינגונגען איז יעדע דירעקטע אָדער אומדירעקטע הילף וואָס ווערט געגעבן די דייטשן אין זייער פאַרברעכערישער אַקציע אַ שווער פאַרברעכן לגבי פּוילן. יעדער פּאָליאַק וואָס העלפט מיט אין דער פאַר־

1) "Dzień Warszawy"

ברעכערישער אַקציע, שאַנטאַזשירנדיק אָדער דענונציירנדיק ייִדן, באַגייט אַ שווערע זינד לגבי דער פּוילישער רעפּובליק און ער וועט תיכף באַשטראָפט ווערן. און אויב אים וועט זיך איינגעבן אויסצומיידן באַלד די שטראָף אָדער זיך צו באַהאַלטן אונטערן שוץ פון די פינצטערע מערדער, וואָס אָקופּירן אונדזער לאַנד, זאָל ער זיין זיכער, אַז ס'איז שוין נישט ווייט די צייט ווען עס וועט אים רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט דאָס ווידערגעבוירענע פּוילישע געריכט.

פּוילישע אומאָפּהענגיקייטס־אָרגאַניזאַציעס. וואַרשע. אין מאַי 1943".

און אָט איז אַן אויפרוף פון וו.ר.נ.:

„חברים און בירגער,

זייט דעם 18טן אַפּריל דויערט אין וואַרשעווער געטאָ די אַקציע פון קעגנשטעלן זיך די דייטשע פּלענער, לויט וועלכע ס'האָבן ענדגילטיק געזאָלט אויסגעמאָרדעט ווערן די לעצטע רעשטלעך פון די פּוילישע ייִדן. די דורך היטלערן צום טויט פאַרמישפּטע האָבן באַשלאָסן זיך נישט איבערצוגעבן פּאַסיוו אין די הענט פון תלין און פאַרטיידיקנדיק די בירגערלעכע און מענטשלעכע ערע שטעלן זיי אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד די בלוטיקע חיות. איבער וואַרשע האָבן זיך אויפסניי צעפלאַמט די פייער־זיילן, עס האָבן זיך אויפסניי צעשפּילט די ביקסן און האַרמאַטן, עס הערן זיך אויפסניי די אויפרייסן פון גראַנאַטן. אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, פּוילישע בירגער פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט זענען דער קערן און די נשמה פון די ייִדישע קאַמפּס־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אויפגעהויבן אַ באַוואָפנטן פּראָטעסט קעגן די היטלעריסטישע גוואַלד־טאַטן. איבער זייערע קעפּ שוועבט בעת די קאַמפן די פּוילישע פאָן. זייער קאַמף איז אַ רינג אין דער פריערדיקער קייט פון כסדרדיקע קאַמפן און ווידערשטאַנדן וואָס קומען פאָר אין גאַנץ פּוילן.

עס איז פון גרויסער באַדייטונג, אַז אין די היסטאָרישע מינוטן וואָס מיר לעבן איבער, זאָל גאַנץ פּוילן און די גאַנצע וועלט פאַרשטיין די אויסשפּראַך פון יעדן עפּיזאָד פון דעם קאַמף פאַר אונדזער אויסלייזונג. צי עס גייט וועגן דער שלאַכט הינטער קראַסנאָבראָד צי וועגן די באַזונ־

דערע אַקציעס פון די אָפּטיילונגען פון די פוילישע באַוואָפנטע כוחות אין לאַנד, אָדער דאָס איז דער באַוואָפנטער קאַמף פון די פוילישע בירגער, פאַרמאַכט אין וואַרשעווער געטאָ, אַלציינס רעדן די דאָזיקע אַלע פאַקטן וועגן דער אומקאָמפּראָמיסלעכער שטעלונג פון פוילן צום אָקופּאַנט, וועגן אונדזער ווילן צו דערגרייכן די פולע אומאָפּהענגיקייט. קיין איין טראָפּן בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן אין די קאַמפן וועט נישט פאַרלוירן ווערן. יע־דער קרבן מוז ווערן דער צעמענט פאַר דער פרייהייט און געזעלשאַפט־לעכער גערעכטיקייט פאַר אַלע בירגער פון ווידערגעבוירענעם פוילן.

די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון יידישער נאַציאָנאַליטעט, וואָס האָבן אין אָנבליק פון אומפאַרמיידלעכן טויט באַשלאָסן בעסער אומצוקו־מען מיט געווער אין דער האַנט איידער זיך איבערצוגעבן דער פּאַסיווער אוממאַכט, שיקן מיר איבער אַ ברידערלעכן גרוס און אַ פאַרזיכערונג, אַז זייער טאַט וועט נישט פאַרקלינגען אָן עכאָ. ער וועט אַריינגיין אין דער לעגענדע פון קעמפנדיקן פוילן, ער וועט ווערן דאָס אייגנטום פון פוילישן פאָלק, דאָס אייגנטום אויף וועלכן ס׳וועט אויפגעשטעלט ווערן דער בנין פון דער באַנייטער רעפּובליק.

צו די פעלקער פון דער וועלט רופן מיר: אין אָנגעזיכט פון די שרעק־לעכע פאַרניכטונגס־פּלענער, וואָס עס פאַרווירקלעכט זייט 3 יאָר די היט־לעריסטישע אָקופּאַציע, אונטער דער לאַסט פון שווידערלעכסטן טעראָר, וואָס ווילדעוועט אין אונדזער לאַנד, ברעכן אויס יעדעס מאָל די פּייע־ריקע פּראָטעסטן פון די געמאָרדעטע און געפּייניקטע זין פון אונדזער פאָלק.

ער רופט נאָך רעטונג, תיכּפדיקער הילף, כדי דער טאָג פון זיג איבערן פיינט זאָל קומען פאַר דער אַנטגילטיקער פאַרניכטונג פון אונד־זערע לעבעדיקע כוחות.

רופנדיק נאָך אַ תיכּפדיקן קלאַפּ פון דרויסן אין דער דייטשער מי־ליטערישער פּאָטענץ, לאָמיר פאַרשטאַרקן אונדזער הילף פאַר דער צו־גרייטונג פון אַן אַלפוילישן אויפשטאַנד, וועלכע וועט צוזאַמען מיט דער אָפּענסיווע מיט אונדזערע פאַרבינדעטע געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם טאָטאַ־ליזם פון אַלע שאַטירונגען.

אַרישע פּאַפּירן

פרייהייט! גלייכהייט! אומאָפּהענגיקייט!
די צענטראַלע אָנפירערשאַפט פון דער באַוועגונג פון די אַרבעטנ־דיקע מאַסן אין פוילן.
וואַרשע אין אַפּריל 1943 יאָר״.

**
*

„ו.ר.נ.״ מאַי:

„וואַרשע איז נאָך אַמאָל איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון פייער און אויפרייס־מאַטעריאַלן. אַ גרויסע צאָל מינעס, גראַנאַטן און פייער איז געפאַלן אויף די הייזער פון געזעלשאַפטלעכן געבוידך, שוין בלויז צוליב דעם כדי צו פאַרטיפן די רואינירונג פון וואַרשע״.

**
*

„זשעטשפּאָספּאָליטאַ״ 1) — מאַי:

„די גרעסטע מערהייט פון דער געזונטער מיט קריסטלעכן גייסט איבערגעגעבענער וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט מיט עקל געקוקט און קוקט אויף די פאַרברעכנס וואָס ווערן דורכגעפירט דורך די דייטשן און מיט אַן ענלעכן, טיפן מיטגעפיל באַהאַנדלט די קרבנות פון פאַרברעכן. אָבער עס געפינען זיך אויסגעקרומטע מענטשן — ליידער האָבן זיי אַמאָל אָנגעטון דעם פּאָליציאישן מונדיר — וועלכע וואַקלען נישט אויסצונוצן די טראַגעדיע פון די גערודפטע און דורך די דייטשן פאַרפאָלגטע יידן כדי זיי צו שאַנטאַזשירן און אַרויסצופּרעסן ביי זיי גרויסע סומעס אויסלייז־געלט. זיי דאַרפן אַרויפגענומען ווערן אויף רשימות און איבערגעגעבן ווערן אַ ספּעציעלן געריכט כדי זיי אויסצומעסטן אַ האַרבע שטראָף...״

**
*

„דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד״ 2) — מאַי (אַן איבערזיכט פון דער פּוילישער פּרעסע):

---

1) "Rzeczpospolita"
2) "Życie Polityczne Kraju"

די פּילצאַליקע אַפּרופן אין דער פּוילישער אונטערערדישער פּרע־סע האָט אַרויסגערופן דער העלדישער און לאַנגדויערנדיקער קאַמף פון די פאַרבליבענע עטלעכע צענדליק טויזנט וואַרשעווער יידן, וואָס האָבן זיך באַוואָפנטע אַנטקעגנגעשטעלט די דייטשן.

די פּוילישע צייטשריפטן, אומאָפּהענגיק פון זייער פּאָליטישער אי־דעאָלאָגיע און באַציאונג צו יידן, שטרייכן אונטער די העלדישקייט פון די פאַרטיידיקער פון געטאָ".

**
*

„דער אמת פון די יונגע" 1) — מאַי:

„מיר, קאַטאָליקן, פאַרשטייען די גרויסע באַדייטונג פון די געשעע־נישן. הערנדיק די קרעכצן פון די געמאָרדעטע, זעענדיק די פייערן אין געטאָ, קענען מיר נישט בלייבן גלייכגילטיק. עס איז אַ חוב צו העלפן די פאַרפאָלגטע יידן אומאָפּהענגיק דערפון מיט וואָס זיי האָבן אונדז דער־פאַר שוין באַצאָלט, אָדער באַצאָלן אין דער צוקונפט. די יידן קעמפן. זיי קעמפן אָבער נישט פאַר דעם פּרייז פון לעבן. זיי קעמפן נישט כדי אויס־צומיידן דעם טויט, נאָר וועגן דעם אופן פון שטאַרבן, כדי צו שטאַרבן ווי מענטשן. צום ערשטן מאָל זייט אַכצן יאָרהונדערטער האָבן זיי דערוואַכט פון געפאַלנקייט. ווער ווייס צי פון דעם אַש און די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ וועלן זיי נישט אַרויסגיין ווידער באַנייטע? ווער ווייס צי די יידן וועלן איצט נישט באַפרייען זיך פון זייער אייביק פּאַראַזיטישן וואַנדערן און וועלן אויפסניי ווערן אַ נאָרמאַל פאָלק, וואָס וועט אויף עפּעס אַ גע־וווּנענעם באָדן זיך אויפסניי צעבליִען און זיך שאַפן אַן אייגן לעבן. די וואַרשעווער געטאָ קען זיין נישט קיין סוף, נאָר אַן אָנהויב. וואָרום קיין זאַך וואָס ווערט אויף אַ מענטשלעכן אופן פאַרלוירן, ווערט נישט פאַר־לוירן אומזיסט".

**
*

„פרייהייט" 2) — מאַי:

„אין אָנבליק פון דעם ווילדעווענדיקן היטלעריסטישן טעראָר באַ־

1) “Prawda Młodych”
2) “Wolność”

פעלט אונדז דאָס געוויסן צו פאַרטיידיקן די אונטערדריקטע, וועלכע האָבן זיך איבערגעגעבן אונטער אונדזער שוץ־פליגל״.

***

„די שטימע פון פוילן״ 1) — מאַי:

„די שטעלונג פון די העלדיש־קעמפנדיקע יידן באַפעלט אונדז מיט רעכט די אָנערקענונג פון אַלע פּאָליאַקן. העלפן קענען מיר זיי נישט צוליב די זעלביקע סיבות, וואָס מיר קענען נישט ראַטעווען אונדזערע ברידער, וואָס קומען אום אין אָשוויענטשים, מאַידאַנעק און אין פיל אַנדערע לאַ־גערן״.

***

„דער מלוכהשער געדאַנק״ 2) — אַפּריל:

„די יידן האָבן פון אַ הילפלאָז, דורך די דייטשן געמאַרדעטע סטאַדע זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ קעמפנדיק פאָלק, וואָס קעמפט נישט בלויז צוליב זיין עקזיסטענץ, ווייל ווען מען נעמט אין אַכט די אַבסאָלוטע איבערוויגנדיקע קראַפט פון פיינט, איז דאָס אוממעגלעך, נאָר וועגן מאַ־ניפעסטירן איר רעכט צו נאַציאָנאַלן זיין. די פוילישע געזעלשאַפטלעכ־קייט קוקט אויף דער דאָזיקער דערשיינונג מיט אַכטונג, געבנדיק די יידן איר מאָראַלישע אונטערשטיצונג און ווונטש, אַז דער דאָזיקער קאַמף זאָל דויערן וואָס לענגער״.

***

„טאַט״ 3) — מאַי:

„כדי קעגנצווווירקן די אַנטלויפונגען פון געטאָ, האָט דער פיינט פאַ־נאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן וועגן דער פאַרשאַרפטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די פּאָליאַקן וואָס גיבן אַ וואָסערע ס׳איז הילף די יידן. גלייכצייטיק האָט די אָנפירערשאַפט פון ציווילן קאַמף אַרויסגעגעבן אַ קאָמוניקאַט וואָס רופט צו העלפן די אויסבאַהאַלטענע יידן, וועלכע זענען פולבאַרעכ־טיקטע פוילישע בירגער. פּאָליאַקן, וועלכע מסרן זענען פאַרמשפּט צום טויט. עס זענען שוין באַקאַנט פיל פאַלן פון אויספילן אַזעלכע אורטיילן״.

---

1) “Głos Polski”
2) “Myśl Państwowa”
3) “Czyn”

מ י כ א ל ב אָ ר ו ו י ט ש

**
*

„דער רעוואָלוציאָנערער זעלנער" 1) — מאַי:

„דער העלדישער אויפשטאַנד פון די יידישע אַרבעטער, וואָס פאַר־טיידיקן זיך אין די שאָפּן, הייזער און בונקערס פון געטאָ האָט דערפירט צו אַ פולשטענדיקער קאָמפּראָמיטאַציע פון דער דייטשער פּאָליציי. ער האָט גורם געווען גרויסע פאַרלוסטן צווישן די אָנגרייפנדיקע ס.ס.־לייט, ליט־ווינער, אוקראַינער און האָט געברענגט צו אַ רעגולערער באַלאַגערונג פון דער שטאָט־טייל, וואָס איז באַוווינט דורך יידן".

**
*

„פוילן קעמפט" 2) — מאַי:

„יעדער עכאָ וואָס דערגייט פון שלאַכטפעלד פון דעם זיך פאַרטיי־דיקנדיקן געטאָ טרייסלט אויף אונדזער געוויסן און רופט אַרויס אַ פּיין. עס ווערט אויסגעפילט די מאָס פון שרעקלעכן פאַרברעכן. עס ווערט אויסגע־פילט די מאָס פון מענטשלעכער העלדישקייט און פאַטאָס פון צעשטויבנדיקן טראַגיזם".

**
*

„פרייהייט" 3) — מאַי:

„די קאַמפן האָבן באַוויזן, אַז די טראַדיציע פון די מכבי'ער... איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן פולשטענדיק. זי האָט געטליעט הונדערטער און אַפילו טויזנטער יאָרן, אָבער נאָך גאַנצע יאָרהונדערטער האָט זי אויפסניי אויפגעפלאַמט, זיך צעשיט מיט פינקען און אויסגעבראָכן, אין אַ שריפה צווישן די פוילישע יידן, וועלכע האָבן דערמיט, ווי אַפּגעצאָלט אַ חוב. דאָס גוט־פאַרשטאַנענע געפיל פאַר ריטערלעכקייט און העלדישקייט אין קאַמף פאַר אַ געהעריקער זאַך. אַ מתנה, וואָס איז איר געגעבן געוואָרן אין משך

1) "Żołnierz Rewolucjonista"
2) "Polska Walczy"
3) "Wolność"

פון יאָרהונדערטער און וואָס איז איינע פון די עלעמענטן פון אונדזער קולטור״.

***

„דער אינפאָרמאַציע־ביולעטין״ 1) — מאַי:

„דער ביזאַיצטיקער פּאַסיווער טויט פון די ייִדישע מאַסן האָט ניִשט געשאַפן קיין נייע ווערטן — זי איז געווען נוצלאָז. דער טויט מיט געווער אין דער האַנט קען אַריינטראָגן נייע ווערטן אין לעבן פון ייִדישן פאָלק, געבנדיק דעם פּיין פון די ייִדן אין פוילן דעם שיין פון באַוואָפנטן קאַמף וועגן דער רעכט צו לעבן. אַזוי האָט פאַרשטאַנען די פאַרטיידיקונג פון געטאָ די וואַרשעווער געזעלשאַפטלעכקייט, מיט אָנערקענונג זיך צוהערנדיק צום הילך פון די אויפרייסנדיקע זאַלפן פון די פאַרטיידיקער און מיט אומרו נאָכפאָרשנדיק די פייערן און די רויכן פון די זיך אויסברייטערנדיקע שריפות. די קעמפנדיקע פּוילישע בירגער פון יענער זייט געטאָ זענען געוואָרן נאָענטער און פאַרשטענדלעכער דער געזעלשאַפט פון דער הויפּטשטאָט״.

***

„הייַנט און מאָרגן״ 2) — מאַי:

„דער געפּאַנצערטער מיט אַ סמאָקן־פעל „זיגפריד פון די ניבעלונגען״ האָט זיינע פילבאַרע ערטער, ווו מען קען אים דערלאַנגען אַ טויטלעכן קלאַפּ. אין דעם דאָזיקן פילבאַרן אָרט קען מען טרעפן מיט דער שווערד פון מוטיקער דעציזיע. די פאַקטן באַווייזן, אַז דער וועג וואָס זעט כלומרשט אויס ווי דער ריזיקאַלישסטער קען ווערן דער איינציקער וועג פון רעטונג פאַר די אונטערדריקטע. ס׳איז צו שפּעט זיך צו פאַרטראַכטן, ווי עס וואָלטן אַוועק די געשעענישן, ווען די ייִדן וואָלטן זיך פריער געכאַפּט פאַרן געווער. איצט קען מען זען נאָר דעם מאָראַלישן זין פון די געשעענישן. „עס איז פאָרגעקומען אַן אויסוואַל צווישן אַ בכבודיקן טויט און אַ לעבן — פאַר

---

1) “Biuletyn informacyjny”.
2) “Dzis i jutro”.

יעדן פּרייז". מיר פאַליאַקן, וואָס האָבן די שטאָלצע איבערצייגונג, אַז מיר וועלן דעם דאָזיקן אויסוואַל שטענדיק קענען מאַכן, אומאָפּהענגיק פון דער וואָג פון די פּאָליטישע געשעענישן, שאַצן אָפּ ווי געהעריק זייער אידע־אישן זין".

**
*

„פּוילן" 1) — מאַי:

„די דייטשן ווייסן איצט וואָס זיי וואָלטן געקענט אַרויסרופן אין וואַר־שע און אויף דער גאַנצער פּוילישער ערד, ווען זיי זאָלן פאַלן אויף דעם שגעון־איינפאַל צו ליקווידירן די פּוילישע באַפעלקערונג".

**
*

„אינפאָרמאַציע־ביולעטין" — מאַי:

„די פאַרניכטונג פון געטאָ... האָט אַרויסגערופן דאָס פאַרלירן אין וואַרשע 100.000 וווין־שטובן, איינשליסנדיק זייער איינריכטונג, אַרום 2.000 אינדוסטריע־לאָקאָלן און אַרום 3.000 האַנדלס־לאָקאַלן. די קאַנאַלי־זאַציע־איינריכטונג, די וואַסערלייטונג, עלעקטרישע און טעלעפאָנישע נעץ איז מער אָדער ווייניקער באַשעדיקט געוואָרן. כדי גיכער צו פאַרשטיין די דאָזיקע חורבנות דאַרף מען זיך קלאָר־מאַכן, אַז די סעפּטעמבער־באַלאַגע־רונג (אין יאָר 1939) האָט מיט זיך געבראַכט די רויִנירונג פון 78.000 וווין־שטובן, ד. ה. פיל ווייניקער ווי איצט".

**
*

„פּוילן קעמפט" — נ. ב. 30 אַפּריל 43טן יאָר („רויכן איבער וואַרשע"):

„מיר לייענען דעם ביולעטין פון פראָנט וועגן די קאַמפן, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט — אין אַפריקע, רוסלאַנד, כינע, אויפן פּאַציפיק. דאָרט קומען אויך אום מענטשן, דאָרט איז אויך דאָ אַן אָרט פאַר העלדישקייט און פאַראַכטונג צום טויט. אָבער דאָרט קעמפט מען און מען קומט אום

1) "Polska"

אין אַנדערע באַדינגונגען. אין די קאַמפּן וואָס קומען פאָר צווישן די געטאָ־מויערן „קומען די מענטשן אום אויף אַן אַנדערן אופן". דאָס איז אַ קאַמף פון פאַרלוירענע אין געפאַר פון צווילדעוועטער בעסטיאַליטעט און מאָרד. דער ביולעטין פון דעם קאַמפּס־אַפּשניט וואָלט געדאַרפט געלייענט ווערן אויפן שלאַכט־פעלד פון דער מענטשהייט, כדי יעדער זעלנער זאָל זיך קענען גרויסן מיט דער וואָפן־חברשאַפט פון די, וואָס קומען אום מיט גע־ווער אין האַנט אין די גאַסן און הייזער פון וואַרשעווער געטאָ. די רויכן איבער וואַרשע קענען זיך נישט צעווייען און פאַרלוירן ווערן אָן שפור, ווייל עס וואָלט דורך דעם צעוויט געוואָרן דאָס וואָס איז אין לעבן העלדיש־קייט און ס'וואָלט אומגעקומען אַן שפור דאָס שרעקלעכע דייטשע פאַר־ברעכן, וואָס רופט צו נקמה".

***

„דער קאַמף פון פאָלק" 1) — מאַי:

„דעם יום טוב פסח האָבן די דייטשן געפייערט מיט אַ ניי פאַרברעכן. פחדנותדיק לגבי די באַוואָפנטע קעמפער, פאַרהאַלטן זיי זיך אָבער מיט אַ נאָך גרעסערער גרויזאַמקייט צו דער שוצלאָזער באַפעלקערונג. מיט מאָרד און שריפה פייערן די דייטשן דעם טאָג פון תחית־המתים. דאָס דאָזיקע פאַרברעכן קען נישט בלייבן אומבאַשטראָפט. דאָס פאָלק, וואָס באַגייט אַזאַ פאַרברעכן פאַרדינט נישט קיין פרייהייט, ס'מוז ווערן געבונדן, אַנטוואָפנט, ווי אַ ווילדער משוגענער אין אַ משוגעים העמד. די דייטשן האָבן זיך איצט אַליין איבערצייגט, ווי געפערלעך ס'איז צו צופירן די באַפעלקערונג ביזן לעצטן שטאַפּל. דער טעראָר ווירקט נאָר ביז אַ געוויסן מאָמענט. און דעם מאָמענט ווען מענטשן האָבן שוין גאָרנישט צו פאַרלירן זענען זיי גרייט צו קעמפן אַפילו אין דער האָפענונגסלאָזער סיטואַציע. אונדזער אויפשטאַנד וועט נישט קומען, ווי אַן אויסברוך פון פאַרצווייפלונג און ער קען זיך נישט ענדיקן מיט אַ מפּלה. דער פוילישער אויפשטאַנד וועט געבן אַ לעצטן קלאַפּ דעם שונא און וועט אונדז ברענגען צו אויסלייזונג".

1) "Walka Ludu"

**
*

„דורך קאַמף צום זיג״ 1) — מאַי:

„די האַלטונג פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך געכאַפּט פאַרן געווער — און אין מאָמענט ווען מיר שרייבן די שורות קעמפן זיי שוין דעם 13טן טאָג מיטן שונא — דערוועקט אַכטונג. זיי קעמפן און קומען אום מיט ווירדע און ערע, וואָס מען דאַרף אָנערקענען און אונטערשטרייכן טראָץ אַ גאַנצער ריי אַנטאַגאָניזמען, וואָס זענען אויסגעוואַקסן צווישן אונדז און זיי״.

**
*

„פוילן וועט זיגן״ 2) — מאַי:

„אויף די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ קוקן פּאָליאַקן, ווי אויף אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויף דער הויך פון די אויפגאַבן פון אַ בירגער פון פוילן, וואָס פּראָטעסטירן אַקטיוו קעגן דערנידעריקונג און באַליידיקונג, פאַרטיידיקנדיק מיטן לעבן די אַמאָליקע ווירדע פון מענטש״.

**
*

„פּיאָנער״ 3) — מאַי:

„דער באַוואָפנטער פּראָטעסט פון וואַרשעווער געטאָ האָט חוץ דעם פאַר אונדז פּאָליאַקן אַ ספּעציעלע באַדייטונג. שטייענדיק אויפן יסוד פון דער פוילישער מלוכהשקייט פאַראורטיילן מיר די דייטשע פאַרברעכנס, וואָס ווערן אויסגעפירט איבער די ייִדן אין פוילן, און דאָס נישט בלויז צוליב הומאַניטאַרע און קולטורעלע טעמים, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די באַרבאַרישע בייִשפּילאָזע פאַרפאָלגונג פון ייִדן, פוילישע בירגער, דורכן אָקופּאַנט, טרעפט דירעקט אין דער פוילישער מלוכה. די קעמפער פון געטאָ האָבן זיך געשטעלט אויף דער הויך פון די אויפגאַבן פון פוילישע בירגער, פאַרטיידיקנדיק זייער ווירדע און פאַרברייטערנדיק דעם קאַמפּס־פראָנט קעגן אָקופּאַנט״.

---

1) "Przez Walkę do Zwycięstwa"
2) "Polska Zwycięży"
3) "Pionier"

**
*

„דאָס נייע פּוילן״ 1) — מאַי:

„דער דריטער פראָנט אין וואַרשע. עס גייט וועגן געטאָ. באַטירלעך וועט דאָס נישט זיין פאַר די דייטשן קיין צווייטער סטאַלינגראַד, ווי די ייִדן שטעלן פעסט, אָבער עס וועט פאַר זיי זיין נאָך אַ שאַנד און נאָך איין קאָמפּ־ראָמיטאַציע. עס וועלן לסוף זיגן די דייטשן. דאָס וועט אָבער זיין זייער לעצטער זיג אין דער מלחמה״.

**
*

„די פעסטונג״ 2) — מאַי:

„זייט איבער אַ צענדליק טעג זענען מיר עדות פון אַן אומגעזעענעם כפּעקטאַקל, וואָס אויסער זיין טראַגיזם איז ער קאָמפּראָמיטירנדיק און אָפּחוזקנדיק פון די דייטשן״.

**
*

„נייע וועגן״ 3) — יוני:

„אונטער דער דעציזיע אויסצוגלייכן דאָס געטאָ מיט דער ערד באַהאַלט זיך דאָס פאַרביסענע משוגעת פון די דייטשן צוליב זייער קאָמפּראָמיטאַ־ציע. אַ סך בייזוויליקע איראָניע איז פאַראַן אין דעם זיג אויפן פראָנט פון די נאַלעווקעס און מוראַנאָוו אין אָנבליק פון די אומדערפּאַלגן אָדער מפּלות אויף אַלע פראָנטן אין דער וועלט. אָבער אין די געשעענישן פון דער „גרויסער וואָך״ אין וואַרשע און אין די ווידערשטאַנדס־אַקטן וואָס וועלן נאָך קומען איז נאָך פאַראַן אַ טיפערער זין, ווי די איראָניעס — אַ פּאָלי־טישער און מאָראַלישער זין. אויף די מויערן פון וואַרשעווער געטאָ האָט געפלאַטערט די פּוילישע פאָן. די ייִדן האָבן אויפגענומען די קאַמפּס־טראַ־דיציע פון דער הויפּט־שטאָט אין סעפּטעמבער 1939 אונטערן צייכן פון דער רעפּובליק״.

---

1) “Nowa Polska”
2) “Szaniec”
3) “Nowe Drogi”

***

די דאָזיקע אַלע ציטאַטן גיבן אַ באַגריף וועגן דעם עכאָ וואָס דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט אַרויסגערופן אין די באַוווסטזיניקע אונטערערדישע קרייזן.

דאָס צוזאַמענבינדן די קאַמפן אין געטאָ מיט דעם אַלגעמיינעם ווי־דערשטאַנדס־פראָנט אין פוילן איז אין דעם קאָנטעקסט גאַנץ פאַר־שטענדלעך.

ווייניקער פאַרשטענדלעך וועלן אויסזען דעם זייטיקן לייענער געווי־סע פאַרסמטע האַלבזאַצן (פון אַ דעצידירטן אַנטי־ייִדישן כאַראַקטער) וואָס עס געפינען זיך אין מאַנכע פון די דאָזיקע פרעסע־שטימען. עס איז שווער נישט דערשטוינט צו ווערן, וואָס זיי קומען אַרויס דאַסמאָל און ביי דער געלעגנהייט.

ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין באַליידיקונגס־אויסדרוקן מצד די אָרגאַניזאַציעס פון היימישן היטלעריזם. דעם רעקאָרד האָט אין דער הינ־זיכט געשלאָגן דער „קאַמף״ "Valka" (מאַי 1943) וואָס האָט זיך אויסגע־גלייכט נישט בלויז מיט די דייטשע מייסטער פון מאָרד־טענדענצן, נאָר אויך מיט זייער גאַנצער פערפידיע פון פאַרמולירן 1).

אומאָפּהענגיק פון די שטימען אין דער פרעסע האָט דער קאַמף אין געטאָ געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער פוילישער ליטעראַטור. נעבן די היינט שוין באַקאַנטע שאַפונגען פון פוילישע שרייבער 2) געפינען מיר אויך

---

1) „...און אפילו דאָרט ווו פוילישקייט האָט נישט געהאַט קיין אָנערקענונג, דאָרט ווו דער נאָמען פון פוילן איז אַזויפיל מאָל געשענדעט געוואָרן — דאָרט צווישן די מויערן פון געטאָ — אַפילו דאָרט, ווען עס איז געקומען דער לעצטער קאַמף אויף לעבן און טויט, האָבן זיך אויף די מויערן באַוויזן פוילישע פענדלעך — דער סימבאָל פון קאַמף קעגן דער אומבאַשטראָפטקייט פון מאָרד. ווייל אַפילו דער ייִד, וואָס האָט געקעמפט פאַר זיין לעבן האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט מיט זיין הונדערטפאַך פאַרדינטן גורל, נאָר מיט דעם נאָמען פון פוילן וועט ער קאָנען אויפ־רודערן די וועלט...״. טשעקאַווע איז דאָס, וואָס דער ליידאַק פון „קאַמף״ שרייבט וועגן דעם סימבאָל פון קאַמף קעגן דער אומבאַשטראָפטקייט פון מאָרד״, אין דער צייט וואָס ער און זיינע חברים האָבן גערופן צו דעם זעלביקן מאָרד און טאַקע געמאָרדעט יענע ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די דייטשן און די וועלכע די דייטשן האָבן נישט געקענט דערגרייכן.

2) צווישן אַנדערע: שטעסלאַוו מילאָש, יעזשי אַנדזשעיעווסקי, סט. אטווי־נאָווסקי, ר. בראַטני א. אַנד.

רירנדיקע אין זייער איינפאַכקייט פּרווון פון פאָלקס־מחברים, צו זיי גע־הערט דאָס ליד פון פּוילישן אַרבעטער י. ז. ט. וואָס איז אַריינגעשיקט און אָפּגעדרוקט געוואָרן אין איינער פון די אומלעגאַלע אויסגאַבעס.

דאָס ברענענדיקע געטאָ

איך קוק אויף דער ייִדישער שטאָט־טייל
מיט אויגן צעעפנטע, ברייטע,
מיט אויגן אין וועלכע ס'האָט שוין
נישט איינמאָל אַריינגעקוקט די שרעק;

און וואונדערן קען איך זיך נישט אויפהערן אַלץ
און פרעגן זיך אַליין: צי איז קיין גאָט נישטאָ
אַ גאָט פאַר וועלכן אַלע מענטשן זענען גלייך!

איך קוק אויף דער צפונדיקער שטאָט־טייל
אַן אַרומגערינגלטע מיט דעם ים פון פייער
מיט שיסנדיקע פייער־זיילן און רויכן אין דער הייך

איך קוק אויף דעם אָפּשיין פון דיין רויטן הימל —
אויף די וואָלקנס אין רויכן פאַרוויקלט.
איך הער די שאָסן פון די האַרמאַטן —
איך הער דעם גערויש פון שנעל־שיסנדיקע ביקסן,
דעם אויפרייס פון גראַנאַטן:
א, וואונדער: עס קענען זיך פאַרטיידיקן די זין פון ישראל
איך קוק און באַוואונדער אייך ייִדן!
איך באַוואונדער אייערע העלדישע מעשים,
אַז איר האָט געקענט זיין מענטשן אין קאַמף,
מענטשן פון קאַמף אין דער לעצטער מינוט.

*****

אין די שפּעטערדיקע חדשים האָט די דעלעגאַטור פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאַנד אַרויסגעגעבן אַ בראָשור א. נ. „פאַר די אויגן פון דער

וועלט" (1943 1). די דאָזיקע בראָשור פון 48 זייטן אַנטהאַלט אינפאָרמאַציעס און באַריכטן וועגן פאַרלויף פון די קאַמפן אין געטאָ, קאָמוניקאַטן פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, רעלאַציעס פון יידישע קעמפער, דער טעקסט פון דעם אויפרוף פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע צו די פּאָליאַקן, ציטאַטן פון די רעדעס פון גענעראַל שיקאָרסקי און צום סוף אַן איבערזיכט פון דער אונטערערדישער פרעסע פון אַלע שאַטירונגען, פון די סאָציאַליסטישע ביז די היימיש־היטלעריסטישע („קאַמף") אַריינגערעכנט.

די דאָזיקע פּובליקאַציע „וואָס איז געווען אַ דאָקומענט" האָט אויך געדאַרפט זיין „אַ רוף צום וועלט־געוויסן".

אויסער די דאָזיקע שטימען איז פאַראַן נאָך איינע פון אַ גאַנץ אויסנאַמלעכער אויסשפּראַך. דאָס איז דער בריוו פון גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק צום דייטשן רייכס־קאַנצלער 2). דער דאָזיקער בריוו שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין אַלאַרמירנדיקן מעמאָריאַל. דער זעלביקער דר. פראַנק, וואָס איז אין משך פון גאַנצע פיר יאָר געווען דער פאַרשטייער און דורכפירער פון אַ וואָס שטאַרקערן דראַקאָנישן רעזשים לגבי פּאָליאַקן, פּראָפאַנירט אין דעם בריוו... אַ פאַרלייכטערונג פון קורס. ער איילט זיך דערביי צוצוגעבן, אַז דאָס דיקטירט אים אַמווייניקסטן זיין געוויסן אַזעלכע פאַרשלאַגן, נאָר דערפאַר, וואָס אויב נישט „קען אין גאָט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון די דייטשן אין גענעראַל־גווערנאמאַן". „די האַרבע מיטלען אין באַצוג צו די פּאָליאַקן — גיט צו דר. פראַנק — האָבן אַזוי לאַנג געהאַט אַ באַרעכטיקונג, כל זמן די דייטשן האָבן רעגירט מיט דעם לאַנד אַדמיניסטראַטיוו און פּאָליציייִש. ... אָבער דער דעצידירטער סיסטעם וואָס זיין ציל איז עקסטערמינאַציע (!!!) קען ווייטער פּראַקטיש נישט רעאַליזירט ווערן". ער אַקצענטירט: „מיין שטים איז אַן ערנסטע וואָרענונג". און אָט איז דער שלוס־אַקאָרד פון זיין מעמאָריאַל: „נעמט ביטע אויף דעם דאָזיקן בריוו מיט דעם זעלביקן ערנסט ווי ער איז פאַרטראַכט. עס גייט דאָ וועגן גורל פון דייטשלאַנד אין ווייסל־געביט".

1) "Na Oczach Świata" פאַרלאַג „גלאָב". צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט מען אויפן שער־בלאַט אָנגעשריבן „זאַמאָשטש אין יאָר 1932".

2) דעם טעקסט האָט מען געפונען אין דעם אַרכיוו פון ד"ר ביהלער (געמשפט געוואָרן נאָך דער מלחמה) אין קראָקע.

אַרישע פּאַפּירן

דער דאָזיקער בריוו, וואָס איז אַן אַלאַרם גלאָק האָט אויף זיך די דאַטע פון 20טן אַפּריל 1943. ער הייבט זיך אָן (!) מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „פון נעכטן אָן האָבן מיר אַן אָרגאַניזירטן אויפשטאַנד אין וואַר־שעווער געטאָ. מיר מוזן אים באַקעמפן מיט דער הילף פון האַרמאַטן. די מאָרדן איבער דייטשן קומען פאָר אין אַן אָנשרעקנדיקן אופן".

דער דאָזיקער דאָקומענט פאַרלאַנגט נישט קיין קאָמענטאַרן.

VI

דער גורל פון די פארבליבענע קעמפער

קעמפער, וועלכע ס'האָט זיך איינגעגעבן דורך די קאַנאַלן אַריבער־צוקריגן אויף דער „אַרישער זייט" זענען געווען עטלעכע און זיבעציק. זיי האָבן געהאַט הינטער זיך לאַנגע וואָכן פון קאַמף אין אַ שטאָט־טייל, וואָס ס'איז כסדר געשטאַנען אין פלאַמען, אַזוי ווייט, אַז אַפילו דער אַס־פאַלט האָט זיך מחמת דער מוראדיקער חמימה פאַרוואַנדלט אין אַ פליסיקער מאַסע. פונקט ווי איינציק ס'איז געווען זייער קאַמף, אַזוי איינציק איז געווען זייער אַרויסרייסן זיך פון גהינום. דעריבער איז זייער ווייטערדיקער גורל געווען פיל טיפער, ווי די גרענעץ פאַר דעם מענטשלעכן טראַגיזם.

די ידיעות, וועלכע זענען דערגאַנגען אַ דאַנק דער ראַדיאָ־סטאַציע „שוויט" האָבן אויפגערודערט אַ וועלט. זיי האָבן אָבער נישט געקענט אין וואַרשע און מחוץ וואַרשע שאַפן באַהעלטענישן פאַר די דאָזיקע עטלעכע און זיבעציק מענטשן.

מען האָט זיי תיכף אַרויסגעפירט אין דעם לאָמיאַנקער וועלדל. דאָס וועלדל איז געווען קליין און האָט נישט געגעבן קיין שום מעגלעכקייט צו אַ לענגערן אויפהאַלט 1). עס איז שווער געווען מיט איינקויף פון שפייז, באַך שווערער איז געווען מיטן וואַסער. אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער

1) מיענדזשיזשעצקא (וועלכע איז אַלעמאָל גוט אינפאָרמירט) גיט אָן, אַז די אַרומיקע שכנים האָבן געדראָט מיט ברענגען זשאַנדאַרן. די דאָזיקע ידיעה איז אַ טעותדיקע. צו די זאַכלעכע רעלאַציעס פון מיענדזשיזשעצקא האָט זי זיך אפשר אַריינגעקריגן נאָר צוליב דעם, וואָס גראָד וועגן דעם אָפשניט דערציילט זי דאָס, וואָס זי האָט געהערט. אין דער אמתן האָט אויסער קריישטשאקן קיינער פון די אַרומיקע איינוווינער נישט געוווסט, אַז אין וועלדל באַהאַלטן זיך יידן. דאָס האָב איך פעסטגעשטעלט אין דירעקטן געשפרעך מיט די אָנטיילנעמער. דאָס אַנטגילטיקע פאַרלאָזן דאָס וועלדל איז פאָרגעקומען דעם 11טן מאַי.

הינזיכט האָט געבערענגט אַ גליקלעכע באַגעגעניש. אין יענע יאָרן האָט זי נאָך געהאַט אַ שענערע אויסשפּראַך דערפאַר, ווייל זי איז געווען פּולשטענ־דיק צופעליק. צוויי מענער, דוד נאָוואָגרודזקי און קובאַ, וועלכע די גרופּע האָט אַרויסגעשיקט כדי צו באַזאָרגן שפּייז, האָבן געטראָפן אויפן וועג אַ פּאָליאַק מיטן נאָמען קיישטזשאַק. זיי האָבן אים געפרעגט ווו מען קען עפּעס קויפן. קיישטזשאַק האָט זיך מיט זיי אַריינגעלאָזט אין אַ לענגערן שמועס און בעתן געשפּרעך האָט ער זיך אָנגעשטויסן, אַז זיי זענען ייִדן. זיי האָבן זיך מודה געווען און אים געבעטן ער זאָל עפּעס טון פאַר זיי. נישט האָבנדיק פונדעסטוועגן קיין צוטרוי צו אים, האָבן זיי אים נישט געזאָגט ווו זיי באַהאַלטן זיך און אויך נישט וויפל עס באַהאַלטן זיך.

קיישטזשאַק האָט פון זיי גענומען געלט איינצוקויפן שפּייז און גע־הייסן וואַרטן ביז ער וועט צוריקקומען. זעענדיק, אַז זיי האָבן מורא, האָט ער זיי באַרויִקט און געזאָגט, אַז ער געהערט נישט צו די פּאָליאַקן, וואָס נוצן אויס די ייִדישע טראַגעדיע צום פּערזענלעכן נוצן; אַז ער האָט נישט קיין שינאה צו ייִדן און אַז ייִדן, פונקט ווי פּאָליאַקן האָבן איין געמיינזאַמען שונא — דעם היטלעריזם.

זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ער וועט צוריק קומען מיט געסטאַפּאָ. ער איז צוריק געקומען אַליין מיט אַ פּעקל שפּייז. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ באַלוינונג. ער האָט נאָר געבעטן זיי זאָלן אים אָנווייזן ווו זיי געפינען זיך און דאַן וועט ער צומאָרגנס אַליין ברענגען עסן. מורא האָבנ־דיק צו דעקאָנספּירירן די גרופּע האָבן זיי זיך מיט אים אָפּגערעדט אויף צומאָרגנס, אויפן זעלביקן אָרט.

צומאָרגנס האָבן זיי זיך געטראָפן אין דער באַשטימטער שעה. דאָס מאָל האָבן זיי אים שוין דערציילט, אַז די גרופּע באַשטייט פון 50 קעמ־פער פון געטאָ. זיי האָבן געבעטן וועגן אַ גרעסערן איינקויף. זיי האָבן אים פאָרגעלייגט אַ באַלוינונג. ער האָט אויך דאָס מאָל די באַלוינונג אָפּ־געוואָרפן. פאַרקערט — האָט ער געזאָגט — ער פרייט זיך, וואָס ער קען העלפן די קרבנות פון היטלעריזם. פון די ווייטערדיקע שמועסן האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז קיישטזשאַק — אַ באַלעבאָס פון אַן אָרעמער פּויערישער ווירטשאַפט — איז אַן אַקטיווער טוער פון פּוילישן אונטערערד. צו קיין שום פּאַרטיי האָט ער נישט געהערט. אנשויאונגען האָט ער געהאַט זייער

דעמאָקראַטישע. ער איז געווען אַן עלטערער סערזשאַנט און האָט אָנטייל גענומען אין דער מיליטערישער אַרבעט פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ 1). די יידישע קעמפער האָט ער געהאָלפן מיט דער גרעסטער גרייטקייט.

— „ער איז פאַרפאָרן צו אונדז — דערציילט באָזשיקאָווסקי — מיט אַן אייגענער פור, אויף וועלכער ס'איז געווען אָנגעלייגט ברויט, ווורשט און אַנדערע פּראָדוקטן. ער איז געוואָרן אונדזער באַשיצער און געזאָרגט וועגן אַלע אונדזערע נויטן. ווען ער האָט באַמערקט אַ דייטשן פּאַטרול אויפן שאָסיי, איז ער תיכף געקומען צולויפן און אונדז געוואָרנט מיר זאָלן זיך צוגרייטן צום קאַמף״ 2).

די הילף פון דעם מוטיקן קיישטזשאַק האָט פאַרלייכטערט די אָפּעראַ־וויזאַציע. זי האָט אָבער דאָך נישט געקענט בייטן די לאַגע. צוליב דעם האָבן די יידישע אונטערערדישע טוער, וואָס זענען טעטיק געווען אויף דער „אַרישער זייט״ פיבערהאַפט אויפגערודערט אַלע קאָנטאַקטן. דאָך איז פאַרביי איין טאָג נאָך אַ צווייטן און קיין שוץ־אָרט איז נישט געווען. אָן אַ גרעסערן דערפאָלג האָט זיך פאָר זיי באַמיט „מיקאָלאַי״, „אַנטעק״ האָט געזוכט קאָנטאַקטן דורך דער פאָלקס־אַרמיי, וועמענס מיטגליד קזשאַטשיק (קאַסטיק) האָט פריִער מיטגעהאָלפן ביים טראַנספּאָרט פון דעם קאַנאַל־אויסגאַנג אין וואַלד אַריין.

דאָס איינאָרדענען אייניקע אין שטאָט האָט געברענגט טראַגישע רעזולטאַטן. פינף מאַן (זיגמונט פרידריך, פייגע גאָלדשטיין, יורעק, לושעק און גוטע בלאַנעס) האָבן געזאָלט אויפגענומען ווערן אין פּלודי דורך אַ מענטש, וואָס האָט שוין לאַנג ביי זיך אויסבאַהאַלטן אַ יידישע משפּחה. ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט זיי אַרומגערינגלט די שוין וואַרטנדיקע גראַנאַטענע פּאָליציי. דער, וואָס האָט ביז איצט אויסבאַ־האַלטן די יידישע משפּחה האָט איצט מיט איין קלאַפּ אויסגעגעבן אי די באַהאַלטענע משפּחה, אי די קעמפער. צווישן די לעצטע און דער פּאָלי־ציי איז געקומען צו אַ שטאַרקן צוזאַמענשטויס, וואָס איז פון פריִערויס געווען פאַרמשפּט. געבונדענע האָט מען זיי אָפּגעפירט מיט אַן אויטאָ,

1) וועגן דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ וועט אויסקומען צו רעדן נענטער אין ווײַ־טערדיקע קאַפּיטלען.

2) לויט טוביה באָזשיקאָווסקי — זע זיין: „צווישן פאַלנדיקע ווענט״.

אויף וועלכן ס'האָט זיך געפונען אַן אויפשריפט, אַז דאָ געפינען זיך „יידישע באַנדיטן" וואָס וועלן דערשאָסן ווערן. „וועמען האָט געקענט איינפאַלן, אַז דער מענטש וואָס האָט ביז איצט אויסבאַהאַלטן די קליינע קרישע קלוג 1) וועט פעיִק זיין אויף אַזאַ נידערטרעכטיקייט"? די פראַגע איזליידער בלויז אַ רעטעניש 2).

באַלד דערנאָך איז אומגעקומען וועלוול ראַזאָווסקי, דער אָנפירער פון אַ גרופּע, וואָס האָט אין געטאָ געקעמפט אויפן געביט פון רעריכס שאַפּ. שאַנטאַזשיסטן האָבן אים דערשמעקט. מען האָט אַרעסטירט אויפן וועג נאָך דעם געלט, מיט וועלכן ער האָט זיך געדאַרפט אויסלייזן. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן.

אַ שרעקלעכער גורל האָט געטראָפן אַכט קעמפער אויף פּראַגע אויף דער 11טער נאָוועמבער גאַס נומער 10. זיי האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן אויפן בוידעם צווישן פּעק מיט לייכט־ברענענדיקע מאַטעריאַלן. ביים אָנוואַרעמען די הייל־מיטלען פאַר אַ קראַנקער איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. מאיר שוואַרץ און טאשא אַלטמאַן האָבן באַוויזן אַראָפּצולויפן אויפן דאַך. אָבער אַרום דעם ברענענדיקן הויז איז זיך שוין צוזאַמענגעלאָפן אַן עולם. מען האָט געקלונגען נאָך די פייערלעשער און נאָך פּאָליציי. אין דער בהלה איז נאָר אליעזר געלערן געלונגען צו אַנטלויפן. מאיר שוואַרץ איז אַריינגעלאָפן אין עפּעס אַ שטוב, ווו ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ מוטיקער פּוילישער פרוי, וואָס האָט אים באַהאַלטן אין אַ שאַנק. די פּאָליציי האָט אַלע איינוווינער געהייסן אַראָפּגיין אויפן הויף און די שטובן לאָזן אָפן כדי צו פאַרלייכטערן די קאָנטראָל. די פרוי וואָס האָט באַהאַלטן שוואַרצן איז אַראָפּגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַלע. ווען מען וואָלט דעם ייד געטראָפן אין איר שטוב, וואָלט איר געדראָט אַ זיכערער טויט. צום גליק האָבן די דייטשן אויסגעמיטן איר שטוב. ווען זי איז צוריקגעקומען אין שטוב און געעפנט די שאַנק, איז פון דאָרט אַרויס־

---

1) זי האָט זיך צופעליק געראַטעוועט דורך דעם, וואָס די באַלעבאָסטע האָט זי פריער באַהאַלטן אין אַן אַנדער כאַטע.

2) דער פּאָליאַק טאַדעאוש ניעוויאַדאָווסקי וואָס האָט געאַרבעט מיט דעם פּראָוואָקאַטאָר אין אַן אַמוניציע־פאַבריק דערציילט, אַז דער אויסוווּרף האָט זיך פאַר אים איינמאָל באַקלאָגט, אַז די פּאָליציי האָט אים אָפּגענאַרט. זי האָט צוגענומען דאָס יידישע געלט און אים גאָרנישט געגעבן.

געפאַלן אַ טויטער. מאיר שוואַרץ וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן געטאָ־אויפשטאַנד איז דאָ אומגעקומען פון אַ האַרץ־שלאַג. די איבעריקע פון די דערמאָנטע קעמפער זענען לעבעדיקערהייט פאַרברענט געוואָרן. בלויז איין אליעזר געלער האָט זיך, ווי דערמאָנט, געראַטעוועט 1).

די איבעריקע קעמפער (אין אַ גרופּע פינקערט־לייט 2) וועלכע ס'האָט זיך אויך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון געטאָ, האָבן געשאַפן עטלעכע פּאַרטיזאַנישע גרופּן. זיי האָבן באַקומען איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן. זיי זענען נישט באַקאַנט געווען מיטן וואַלד און שוואַך באַוואָפנט. די אַרומיקע פּויערן האָבן זיך צו זיי פיינטלעך באַצויגן. צוליב זייער „יידישן" אויסזען איז שווער געווען איינצוקויפן שפּייז ביי די פּויערן. נאָך שווערער איז געווען צו געפינען אין וואַלד אַ זיכערן פּונקט. די דייטשן האָבן כסדר געמאַכט אָבלאַוועס. זיי האָבן געברענגט נייע אָפּטיילונגען צו פאַרפאָלגן די יידן. חוץ דעם האָט די פּוילישע פּאַרטיזאַנקע געהאַט צו זיי אַ פיינטלעכע באַציאונג. די גרופּע איז צערונען פון טאָג אויף טאָג. צו דעם צו זענען געקומען ידיעות, אַז אויך אין אַנדערע גרופּן איז די לאַגע נישט בעסער.

זעקס קעמפער (ישראל ראַמאַנאָוויטש, שימעק שאַנטאַל, דוד נאָוואָדוואָרסקי, העניק קליינוויס, רבקה סאַפּירשטיין, דאָראַ דערבינסקאַ) האָבן זיך אָפּגעשיידט פון זייערע חברים — אַנטשלאָסן צו געפינען אַ וועג קיין אונגאַרן. זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין לאָמיאַנקי, ווו עס האָט געוווינט דער באַפריינדעטער פּאָליאַק, פון וועלכן זיי האָבן געקענט באַקומען אָנווייזונגען. אויפן וועג זענען זיי באַמערקט געוואָרן דורך אַן אָרטיקן פאָלקס־דויטש, וועלכער האָט אַלאַרמירט די דייטשע פּאָליציי. צווישן די קעמפער און דער פּאָליציי האָט זיך אַנטוויקלט אַ פאַרביטערטער קאַמף. אַלע זעקס זענען אומגעקומען.

דאָס לעצטע הייפל וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין וואַלד האָט דערלעגירט קיין וואַרשע זיגמונט איגלאַ, וועלכער האָט פאַרהעלטניסמעסיק געהאַט דעם „בעסטן" אויסזען. איגלאַ איז געווען אויסגעדאַרט און אָפּ־

1) ער איז שפּעטער אַריינגעפאַלן בעת דער אַפּערע אין „האָטעל פּאָלסקי", וועגן וועלכער ס'ווערט דערציילט אין אַ פריערדיק קאַפּיטל; 2) מענטשן וואָס האָבן געאַרבעט אין געטאָ אין דעם לויה־אַנשטאַלט פון פינקערטן.

גערִיסן. ער איז געגאַנגען אָן דאָקומענטן. אין טאש האָט ער בלויז געהאַט אַ רעוואָלווער. ס'איז אים דאָך געלונגען אַנצוקומען אין דער הויפּט־שטאָט. ער האָט פאַרבונדן אַ קאָנטאַקט מיט „אַנטעקן" און „מיקאָלאַיען" און דורך זיי מיטן „קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט". פון דאַן אָן איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער פאַרבינדלער פון „קאָמיטעט". אין אַ צייט אַרום איז ער אומגעקומען אינאיינעם מיט צוויי אַנדערע 1) אויף דער פּרוזשנע גאַס 14 אין דער וווינונג פון הויז־וועכטער, דעם פּאָליאַק יאַבלאָנסקי 2). ווען די פּאָליציי איז געקומען, האָבן די קעמפער זיך באַריקאַדירט אין דער „מע־לינע" און געעפנט אַ פייער. די „באַלאַגערונג" האָט געדויערט עטלעכע שעה. די פּאָליציי האָט אַרויסגערופן פאַרשטאַרקונג און פּאַנצער־אויטאָס. די „מעלינע" איז באַוואָרפן געוואָרן מיט גראַנאַטן. נאָך דעם ווי דער מאָגערער רעזערוו פון אַמוניציע איז אויסגעשעפּט געוואָרן זענען די דריי קעמפער אומגעקומען 3). אויף דער „אַרישער זייט" איז אויך אומ־געקומען (דורך אַ מסירה) אַבראַשאַ בלום, וואָס איז דורך זיינע ייִדישע חברים־קעמפער אָנגערופן געוואָרן „די לעגענדע פון געטאָ" 4).

1) דאָס זענען געווען צוויי שומרים, קעמפער פון געטאָ און שפּעטער פּאַרטי־זאַנער: קובאַ קאַוועצקי און יעקב פיינבלאַט; 2) אַ פּאַרטרויאונגס־מאַן פון אַ ייִדי־שער גרופּע, וועלכער האָט נאָך פריער צוגעהאָלפן באַקומען געווער פאַרן געטאָ. די פאַרבינדונג מיט אים האָט תמיד אָנגעהאַלטן מאַרישע (פיינמעסער).

2) יאַבלאָנסקי — אַ טוער פון פּוילישן אונטערערד, אַ „שיקאָרשטשאַק", איז אַקוראַט נישט געווען אין דער היים. די געסטאַפּאָ האָט אים שפּעטער געכאַפּט און איבער אים דורכגעפירט אַ מערדערלעכע אויספאָרשונג.. ווען מען האָט אים אַרעס־טירט האָבן אַ סך פּאָליאַקן וואָס האָבן באַהאַלטן ייִדן דורך זיין פאַרמיטלונג שטאַרק זיך דערשראָקן. זיינער אַ פריינט פון גזשיבאָווסקע גאַס, וואָס האָט באַהאַלטן ייִדן, האָט אַזוי מורא געקריגן, אַז ער האָט פאַרמאַכט די ייִדן אין שטוב און איז אַנט־לאָפן. די באַהאַלטענע האָבן אָפּגעלעבט 27 טאָג אין הונגער. דער ייִדישער אָרגאַ־ניזאַציע איז שווער געווען צו זיי צוצוקומען מחמת דאָס הויז איז באַשטעלט געווען מיט געהיים־אַגענטן. לסוף האָט מאַרישע פיינמעסער זיך דעצידירט און איז אַליין אַוועק. דער נייער הויז־וועכטער האָט זי געכאַפּט און געפירט צום אַדמיניסטראַטאָר. מען האָט אויפגעבראָכן די טיר און די ייִדן תיכף געהייסן אַנטלויפן, טוענדיק זיי אַ חסד דורך דעם וואָס מען האָט נישט גערופן קיין פּאָליציי. איין זקן צווישן די ייִדן איז פון פאַרצווייפלונג באַלד באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַראָפּשפּרינגענדיק פון 4טן שטאָק.

3) יאַבלאָנסקי האָט טראָץ אַלע שוידערלעכע מאַטערנישן, נישט פאַראַטן קיין שום אַדרעסן און קיין שום קאָנטאַקטן. (פאַרגלייך: בערנאַרד גאָלדשטיין: „5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ", ניו־יאָרק 1947).

4) פאַרגלייך צווישן אַנדערע: די ציטירטע רעלאַציעס פון „וולאַדקען".

פערטער טייל

ב) נאָך דעם ענדגילטיקן חורבן פון די געטאָס

I

אין דער נײַער סיטואַציע

דאָס אָפּגעפינען זיך אויפן בית־עולם. — די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע.

צוזאַמען מיט דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון די געטאָס, האָבן במילא פאַרלוירן שוין זייער לויף, כלערליי פאַרבונדענע מיט זיי פּלע־נער און טענדענצן. אויף דער „אַרישער זייט" זענען געבליבן די מענטשן, וואָס אין פאַרשידענע צייטן זענען זיי געגאַנגען אויף דעם וועג. צווישן זיי — אַ הייפל אָרגאַניזאַטאָרן און קעמפער. פון צייט צו צייט איז צוגע־קומען אַן אַנטלאָפענער פון די נאָך עקזיסטירנדיקע לאַגערן.

אין פאַרשידענע מקומות שאַפן זיך פאַרשטענדלעך קעמערלעך פון נייע גרופן. אויך ביי דעם הייפל קעמפער קומט פאָר אַן איבערשטעלונג פון דער „אַרבעט" אויף נייע וועגן. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז די נייע גרופן האָבן געהאַט אַ פאַרשידענעם כאַראַקטער — אָפּהענגיק פון דער סיטואַציע פון די באַשטימטע מענטשן, פון זייער איניציאַטיוו, פון זייערע (אין יענער צייט) קאָנטאַקטן און מעגלעכקייטן. אָנהויבנדיק למשל פון אַזעלכע ווי אַ טייל אָפּגעריסענע וואַלד־גרופן און — רופן מיר זיי אַזוי אָן — „קרוב וואַלד־גרופן", וואָס האָבן אויף אייגענער האַנט ווייטער גע־פירט זייער סאַבאָטאַזש־אַרבעט, איבריקנס אויף פאַרשידענע אופנים; דורכן אַליינהילף, וואָס זייער אָפּט האָט עס געהאַט מער אַ כאַראַקטער פון קעגנזייטיקן גמילת חסד, ווי פון אַ בפירושער אָרגאַניזאַציע; איז צו דער איניציאַטיוו פון ייִדן־עסקנים וואָס האָבן זיך געפונען אינערהאַלב

נישט־יידישע, אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, אָדער געאַרבעט אין פאַרשטענדיקונג מיט זיי.

אַ נאַטירלעכע זאַך איז אויך די שטרעבונג צו פאַרבינדן מיט זיך די צעשפּרייטע און פאַרוואָרפענע קעמערלעך, צו קאָאָרדינירן פאַרייַנצלטע איניציאַטיוון.

דאָס קעגנזייטיקע אָפּזוכן זיך איז ביי דעם פאַל געווען אַ סך שווערער ווי געוויינלעך. יעדער פון די מענטשן האָט געמוזט (צוליב די טעמים וואָס זענען שוין באַרירט געוואָרן ביי דער אַנאַליזע פון פּריוואַטער עקזיסטענץ אויף „אַרישע פּאַפּירן") אויסבאַהאַלטן זיין יידישן אָפּשטאַם אַפילו פאַר זיין נאָענטסטער סביבה. עס האָט דעריבער געטראָפן אַז די זוכנדיקע זיך פאָרשטייער פון פאַרשידענע קעמערלעך (אַפילו ווען די פּריוואַטע באַדינגונגען האָבן זיי צונויפגעפירט) זענען זיך צעגאַנגען, נישט אָריענטירנדיק זיך אַז דער צווייטער איז גאָר אַ יידישער עסקן אָדער בכלל אַ ייד. ווי אַ פּועל־יוצא — האָבן זיך אַ סך פּאָטענציאָנעלע עסקנים (אָדער וואָס האָבן געאַרבעט אויף אייגענער האַנט) נישט צונויפגעטראָפן ביזן סוף פון דער אָקופּאַציע. פּונקט אַזוי ווי אַ סך „פּאַפּירענע אַריער" האָבן נישט געטראָפן צו די הילף־קאָמיטעטן, כאָטש נאָכן קריג האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי זענען גאָר טעטיק געווען אין נאָענטן קרייז פון די דאָזיקע. בכדי זיך אָפּגעפינען איז למשל גענוג געווען אַ „קורצשלוס", אַ זאַץ אין אַ צופעליק געשפּרעך, אַן־אַלוזיע. נישט אַזוי לייכט האָט מען אָבער ריזיקירט מיט אַזאַ זאַץ, ווייל ביי אַ פאַלשער אַדרעס האָט ער — אַנשטאָט הילף — געבראַכט דעקאָנספּיראַציע און אַן — אַריינפאַל.

אָבער טראָצדעם (ביי דער הילף פון געוויינלעכע אָדער דערפינדערישע אופנים) האָט מען געקענט אָנבינדן און אויסבויען אַ קאָנטאַקט. אַמאָל דורך אַ פאַרבינדונג־פּונקט פון אַ פריערדיקער צייט, אַמאָל ווידער דורך דעם וואָס דער פריערדיקער פאַרבינדונג־מאַן איז געבליבןביים לעבן, אָדער דורך דער פאַרמיטלונג פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג.

אין וואַרשע אַרבעט קאָנספּיראַטיוו אויף דער „אַרישער זייט" דער „קאָאָרדיניר־קאָמיטעט" פון אַלע יידישע פּאַרטייען. ער באַשטייט פון דעם אַזוי גערופענעם „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" (וואָס נעמט אַרום

ציוניסטישע גרופּירונגען) און פון „בונד“ 1). אויך אין אַנדערע שטעט זענען טעטיק די אַגענצן פון דער „קאָאָרדינאַציע“. דורך שליחים האָט זי אויך דעם קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע וואַלד־גרופּן און לאַגערן.

די „קאָאָרדינאַציע“ האָט זיך בעיקר באַשעפטיקט מיט דעם קאָמפּליצירטן און ברענענדיקן ענין פון הילף. די לעצטע איז באַשטאַנען פון געלט־סובווענצן, סאַניטאַרער־הילף, באַזאָרגן „פּאַפּירן“, אָרגאַניזירן דאָס אַנטלויפן פון לאַגערן און דאָס שפּעטערע „איינאָרדנען“ פון אַנטלאָפענעם; זוכן וווינונגען און בויען „מעלינעס“; איינקויפן וואָפן פאַר וואַלד־גרופּן און מאַטעריעלע הילף פאַר זיי; די שוין דערמאָנטע פאַרלעגערישע אַרבעט.

א יעדער פון די אויבנדערמאָנטע פונקטן האָט זיך אין דער פּראַקטיק אויסגעטיילט אויף פאַרשידענע אויספיר־טעטיקייטן, וואָס האָבן ווידער געמוזט גובר זיין אַ סך מניעות, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער דעמאָלטדיקער סיטואַציע, קלימאַט און שוועריקייטן פון די אַקטיוויסטן גופא. יעדן טאָג זענען איבעריקנס געבוירן געוואָרן נייע פּראָבלעמען.

מען האָט אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט מיטן אויסלענדישן ייִדנטום, מען האָט אַרויסגעשיקט ראַפּאָרטן 2), אַזוי אַלגעמיינע ווי פּרטותדיקע (מיט ידיעות וועגן די וואָס מען האָט געהאָלפן און וועגן „אַריינפאַלן“).

בכדי צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון די דאָזיקע ראַפּאָרטן דאַרף מען געדענקען אין דעם ממש אומגלויבלעכן פאַקט — וואָס אויסלאַנד האָט זיך לגמרי נישט אָריענטירט אין דער סיטואַציע פון ייִדן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. גענוג צו דערמאָנען, אַז נאָך אין יאָר 1943 האָט די פּוילישע רעגירונג אין לאָנדאָן איבערגעשיקט אַ גראָטעסקן פאָרמולאַר

1) שווער איבעריקנס דאָ אויסצורעכענען אַלע עסקנים, דאָס איז אַ גרויסע ליסטע. דערביי איז נישט וויכטיק די פאָרמעלע 'היעראַרכיע", ווען מען זאָל נעמען אין באַטראַכט אַז זי איז אַ פּועל־יוצא פון צופעליקייטן; אַ חוץ דעם — די פאַראַנטוואָרטלעכסטע און געפערלעכע אַרבעטן האָבן זייער אָפט אויסגעפירט די מענטשן אויסער דער „היעראַרכיע“.

2) דעם קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד האָט דערמעגלעכט די אונטערערדישע פּוילישע רעגירונג. ספּאָראַדיש האָט מען אויך אויסגענוצט אַנדערע וועגן. די וויכטיקסטע טעקסטן פון די אַרויסגעשיקטע ראַפּאָרטן האָט פאַרעפנטלעכט מלך ביישטאַט אין זיין בוך „חורבן און אויפשטאַנד פון די ייִדן אין וואַרשע“. (צוויי אויסגאַבן אין דער העברעישער שפּראַך און איינע אין דער ייִדישער). כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס בוך נעמט אַרום אַ סך פּרטים און מאַטעריאַלן וואָס זענען זאָרגפול צוזאַמענגענומען און באַאַרבעט געוואָרן. אין צווייטן חלק געפינען זיך די ביאָגראַפיעס פון די געפאַלענע קעמפער און עסקנים פון ייִדישן אונטערגרונט.

וואָס האָט אַרומגענומען אַן ערך 20 פונקטן; דאָרט האָט מען אָנגעפּרעגט נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר וועגן דעם צושטאַנד פון יידישן שול־וועזן אין געטאָ, סיסטעם פון שפּיטאָלן, געזונטהייט בכלל, אָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזן לעבן, וויפל רבנים זענען פאַראַנען אין די געטאָס, וואָס פאַראַ יידישע טעאַטערס א. אַ. וו. אַנשטאָט אויסצופילן דעם פאָרמולאַר, האָט די „יידישע קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע" 1) אָפּגעענטפערט מיט אויפ־רעגונג פאַר די אַבסורדן און איגנאָראַנץ אין יידישע ענינים. אַזוי אַרום האָבן די ראַפּאָרטן פון דער „קאָאָרדינאַציע" אָנגעהויבן אינפאָרמירן די וועלט וועגן דעם פאַקטישן צושטאַנד. אין אויסלאַנד האָט מען די אינ־פאָרמאַציעס אויפגענומען פאַרזיכטיק און מיט צווייפל. די באַשריבענע דאָרט פאַקטן זענען נישט געווען צום אָננעמען פאַר נאָרמאַלע מענטשן.

די „קאָאָרדינאַציע" פלעגט באַקומען פון אויסלאַנד געלט־הילף פאַר יידן 2). די פאָנדן האָט מען פאַנאַנדערגעטיילט — ביי דער מיטהילף פון אַ גרויסער צאָל גוטווילִיקע און איבערגעגעבענע עסקנים מיט אַן — אַ. ג. „גוטן אויסזען". אַזאַ צעטיילונג פונקציע איז שוין במילא געווען גאָר געפערלעך צוליב דעם כדי צו דערגרייכן און קאָנטאַקטירן זיך מיט יידן, אויף וועלכע עס האָבן תמיד געלויערט שאַנטאַזשיסטן און שפּיצלען. מען

1) צווישן די פאַרשידענע שטימען וואָס זענען דערשינען אין דער פוילישער אונטערערדישער פרעסע (אַ טייל פון איר האָבן מיר שוין ציטירט אין די פריער־דיקע קאַפּיטלען) האָט זיך אויך געפונען אַזאַ: „...די יידן אין לאָנדאָן, אָדער זיי ווייסן נישט וואָס עס איז געשען מיט זייערע ברידער אין לאַנד, אָדער זיי גלויבן פשוט נישט אין די איבערגעשיקטע ידיעות. ווער האָט דאָ אָפּגעריכט דעם סדר און ווער האָט דאָס געהערט ראַדיאָ דורך וועלכע אַ חשובער יידישער פאָרשטייער (מסתם נאָכן אויסטרינקען אַ פּאָר כוסות שליוואָוויץ) האָט פאַרזיכערט די פוילישע יידן אַז ביט לאַנג וועט דויערן זייער קנעכטשאַפט? אין דעם מאָמענט האָבן געברענט די הייזער פון וואַרשעווער געטאָ ביים געהאַק פון דייטשע גראַנאַטן און די העלדי־שע לעצטע איינוווינער זיינע האָבן דאָס מאָל טייער פאַרקויפט זייער לעבן..." („אַרקא — פראַוודאַ — זוויטשיענזשי" — מאַי 1943). געדאַנקען פון דעם מין, זענען געווען זייער פאַרשטענדלעך. זיי האָבן זיך אָנגעוואָרפן פון זיך אַליין. און דאָ שטעקט נאָך אַ ווייטיקלעכער מאָמענט; פאַרוואָס האָט אַפילו דער „פאָרשטייער פון יידן" (וואָס איז געווען טעטיק אין דער סביבה פון דער לאָנדאָנער רעגירונג) נאָך דעמאָלט אַזוי ווייניק געוווּסט, „וואָס עס איז געשען מיט זיינע פאַרנאַכלעסי־קונגען פון די יידן אין אויסלאַנד", זענען אין דעם נישט געווען שולדיק אויך די פוילישע פאַקטאָרן?

2) די פאָנדן האָט מען געזאַמלט ביי יידן אין אויסלאַנד — בעיקר אין ארץ־ישראל און אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

האָט זיך געדאַרפט טרעפן אין מלינות, אויף גאַסן און ערטער וואָס זענען שוין פאַר זיך אַליין געווען געפערלעך. די זעלבע מיטאַרבעטער האָבן אויך דערליידיקט אַנדערע פּראָבלעמען, ווי צושטעלן דאָקומענטן, פאַר־מעקלען ביים געפינען אַ מלינה — ביז גאָר פּראָזאַיִשע אָבער אויך וויכ־טיקע ענינים. געווען צייטן ווען אין וואַרשע האָט מען זיך געמוזט אינ־טערעסירן מיט אַ 12.000 מענטשן און אויף דער פּראָווינץ ביז אַן 18.000 מענטשן. אַרבעט איז דעריבער געווען אַ סך און דערצו האָט מען געמוזט שטרענג קאָנספּירירן כלערליי טעטיקייטן.

אַ ספּעציעלער אָפּשניט פון „פּראָבלעמען“ ביי דער ייִדישער „קאָאָר־דינאַציע“ איז געווען דער קאַמף מיט שאַנטאַזשן און די פּרוּוון פון ראַ־טעווען אַרעסטירטע ייִדן. אין ביידע פאַלן זענען די מעגלעכקייטן געווען גאָר, גאָר קליינע; פאַר דעם שאַנטאַזשיסט האָט יעדע אינטערווענץ פאַר־גרעסערט זיין אַפּעטיט אויף ווייטערדיקע קרבנות. לרוב איז די הילף באַשטאַנען דהינו נאָר אין... צושטעלן געלט פאַרן אויסקויף. צו איר גע־הערן אויך די אינטערווענצן ביי די פּוילישע אונטערגרונט־אָרגאַנען וועגן קאַמף קעגן די אומצאָליקע שאַנטאַזשן. וועגן די אינטערווענצן וועט אויס־קומען צו דערמאָנען אין שייכות מיט דער טעטיקייט פון „ראַט פאַר הילף פאַר ייִדן“.

וואָס שייך די אַריינפאַלן (אין רעזולטאַט פון „קלימאַט“, וועגן וועלכן עס רעדט זיך שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען): אין וואַרשע האָט מען טעגלעך אַרעסטירט איבער אַ צענדליק ייִדן. די שאַנסן אַרויסצובאַקומען אַ ייִד פון תפיסה זענען געווען געוואַלטיק קליין. טיילמאָל איז עס אָבער געלונגען. דאָ האָט מען שוין געמוזט איבערקויפן פאַרשידענע פונקציאָ־נאַרן, בפרט תיכף נאָכן אַרעסטירן, כל זמן דער קרבן איז נאָך געווען אויפן קאָמיסאַריאַט פון דער פּוילישער פּאָליציי (די „גראַנאַטאָווע“ פּאָליציי).

II

צווישן לאנדאָ און וואַרשע

דעקלאַראַציעס און...

וואָס שייך דער שטעלונג בנוגע יידן פון די מיטבירגער וואָס זענען נישט אַרונטערגעפאַלן די נירנבערגער געזעצן... וועגן דעם פּראָבלעם איז דאָ אויסגעקומען צו רעדן זייער אָפּט. באַווירקט האָט דאָס דער נאַקעטער פאַקט, די כלערליי כוחות וואָס האָבן אין יענער צייט אָנגעוואָרפן דעם דערמאָנטן מאָטיוו אויפן געוויינלעכן אָקופּאַציע־טאָג. די ציטירטע משלים אין פאַרשידענע ערטער, גיבן דעם לייענער אַ באַנעם וועגן די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע דערשיינונגען אויף דעם אָפּשניט און צום סוף קלערן זיי אויך אויף דעם פאַרנעם און קעגנזייטיקע פּראָפּאָרציעס פון די צוויי טענדענצן. איך שטרייך דאָס לעצטע דערפאַר אונטער, ווייל עס איז קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז דאָס ערלעכע בילד פון דער דעמאָלטיקן אמת באַשאַפן נישט בלויז די איינצלנע פאַקטן, (פון דער ערשטער, אָדער צווייטער קאַטעגאָריע), נאָר ערשט — זייער פאַרנעם, זייערע קעגנזייטיקע פּראָפּאָרציעס.

דער זכרון פון די פּראָפּאָרציעס רייצט אויף די געוויינלעכע עמפּינדלעכקייט און אַפילו די אָנגעהיצט־עקשנותדיקע פאַראַלגעמיינערונגען. נישט וועגן דעם גייט עס איצט. דאָ איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אומאָפּהענגיק דערפון וואָס פאַראַ פּראָצענט מענטשן האָבן געהאָלפן (אין פּראָפּאָרץ צו מענטשן־שונאים אָדער גלייכגילטיקע), זענען זיי באַשטאַנען פון יחידים פון פאַרשידענע שיכטן, באַרופן, איינשטעלונגען, בילדונג־ניוואָ און אפילו פון אַ פאַרשידענעם מאָראַלישן ווערט. אַן אַרבעטער און פויער, אַ קאַנאַלן־ריניקער און אינטעליגענט, אַ גלח און אַטעיסט, אַ ליטעראַט און מאַרווי־

כער, אַ סאָציאַליסט און... אַנטיסעמיט, אַ נאָגע און זונה. דאָס אַלץ מעקט נישט אויס דעם פאַקט, אַז פּונקט אַזאַ פאַרשידנאַרטיקייט (און אין דער צאָל אָפּט גרעסער) געפינט זיך ביים אַנדערן צד. דער דאָזיקער צונויפשטעל זאָגט עדות, אַז די טעאָריעס, וואָס ווילן איינשליסן די מענטשן אין ראַמען פון אַ באַשטימטער פאָרמאַציע (געזעלשאַפטלעכע, אידעאָלאָגישע א. אַ. וו.) זענען טעותדיקע. פּונקט אַזוי איז טעותדיק דער פּרווו אָנצווענדן די קלאַסיפיקאַציע צום צד שכנגד — דהינו, צו באַגרענעצן (אַקטיווע און פּאַסיווע) מענטשן־פּרעסער נאָר צום אונטערוועלט אָדער פּראָגראַמאַטישע אַנטיסעמיטן. אָבער אין דעם פאַקט גופא, אין דעם קאַפּריסיעזן צוזאַמענשטעל פון יחידים וואָס האָבן זיך אַקטיוו אַקעגנגעשטעלט דעם סם פון דער צייט — געפינט זיך אַ וויכטיקע הנחה. בכדי צו פאַרשטיין דעם מענטשלעכן אמת, מענטשלעכע פליכט, מענטשלעכע ערבות — באַדאַרף מען נישט אַזעלכע גרויסע, געדאַנקלעכע קאָנסטרוקציעס. עס איז גענוג אַ פּרימיטיווער, געזונטער אינסטינקט. נישט די וואָס האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט דעם שטראָם, האָבן אַדורכגעמאַכט די לאַנגע עוואָלוציע. זיי האָבן זיך נאָר געהאַלטן ביי זייערע מענטשלעכע (באַוווּסטזיניקע אָדער אומבאַוווּסטזיניקע) פּרימיטיווע אמתן. אַן „עוואָלוציע״ (אומבאַוווּסטזיניק), אַ ווייטע „עוואָלוציע״, ביז צו די גרענעצן פון גייסטיקער אַבעראַציע און פאַרלירן דעם צלם אלקים — האָבן אַדורכגעמאַכט די אַנדערע. די אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט האָט צעשיט אין דער לופט און זי אָנגעפילט מיט בייסיקע באַשטאַנדטיילן, וואָס האָט פאַרבלענדעט דעם בליק, געפּעלשט דעם געדאַנק און פּאַראַליזירט די נאַטירלעכע געפילן. זי האָט אָרגאַניזירט אַ קאָניונקטור אויף בלינדע. און ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, אַ סך ליכטיקער ווי בלינדע האָט געבליקט דער יחיד מיט אַ געזונטן קוק; דער יחיד, דער געזונטער — האָט געהאַט נאַטירלעכע רעאַקציעס פון אַ סך פאַרטעמפּטע, אָדער פאַרטשאַדעטע; דער יחיד, דער ניכטערער, האָט אַ סך בעסער דערקענט און זיך אָריענטירט, ווי די לונאַטיקער.

וואָס פאַראַ ראָל האָבן אָבער געשפּילט די אָפיציעלע פּוילישע אָרגאַנען ביים געשטאַלטיקן די באַהאַנדלטע שטימונג און ביים האַמעווען זייער לויף?

די פּוילישע רעגירונג האָט געהאַט איר זיצאָרט אויף עמיגראַציע אין לאָנדאָן 1). אין אָקופּירטן היימלאַנד איז געווען טעטיק אַן — אונטערערדישע „דעלעגאַטור", וואָס האָט זיך סומך געווען (פּונקט אַזוי ווי אויף דער עמיגראַציע) אויף אַ קאָאַליציע פון פיר הויפּט־פּאַרטייען: פּויערן־פּאַרטיי (פּ.ס.ל.), סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ.פּ.ס. 2), נאַציאָנאַלע פּאַרטיי (סטראָנניצטוואָ נאַראָדאָווע 3) און קריסטלעכע דעמאָקראַטן 4).

די רעגירונג איז אויך געווען אָנערקענט (מיט קליינע אויסנאַמען, וועגן וועלכע שפּעטער) דורך די איבעריקע פּאַרטייען און בפרט דורך דער פּוילישער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און דורך די אָפּצווייגונגען פון די אויבנדערמאָנטע פיר פּאַרטייען, (וואָס זענען אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון אינערלעכע מחלוקת). אַ חוץ דעם איז די רעגירונג אויך געווען אַלגעמיין אָנערקענט פון דער געזעלשאַפט, פאַר וועלכע עס איז נישט געווען קיין ספק, איר אָפיציעלער כאַראַקטער און נוצן מחוץ דער יוריסדיקציע פון דער לאָנדאָנער רעגירונג האָבן זיך געפונען די אַ. ג. נאַציאָנאַלע קאַמף־כוחות (נאַראָדאָווע שילי זבראָינע) פון איין זייט, און די קאָמוניסטן פון דער אַנדערער זייט. וואָס שייך די ערשטע — גייט עס דאָ וועגן מיליטערישע, פּוילישע פאַרבאַנדן מיט אַ בפירוש פאַשיסטישער (אַפילו היטלעריסטישער) אידעאָלאָגיע 5), וואָס זענען בעת דער אָקופּאַציע געווען די קאָנטינואַציע פון דער פאָרקריג א.נ.ר. 6) און פאַרשידענע „בליסקאָוויצעס". זייער עיקר־כוח (וואָס האָבן זיך הויפּטזעכלעך אויס־

---

1) ביז פראַנקרייכס מפּלה, ד"ה ביזן יאָר 1940 — אין פּאַריז. דער אָפּשניט קומט דאָ פאַרשטענדלעך (צוליב דער קורצקייט און פּראָוויזאָרישקייט) נישט אין באַטראַכט.

2) וואָס צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט זי אָנגענומען אַן אַנדערן נאָמען „פרייהייט — גלייכהייט — אומאָפּהענגיקייט" (וואָלנאָשטש, ראָווּנאָשטש, ניעפּאָדלעגלאָשטש — וו. ר. נ.).

3) א. ג. „ענדעקעס"

4) א. ג. „כאַדעקעס".

5) דעריבער איז זיי פּראַקטיש שווער געווען צונויפצובינדן אַ כלומרשט פרייהייטלעכע פאָרמאַציע — דהיינו, וואָס דאַרף קעמפן קעגן דייטש — מיט אַן אידעאָלאָגישער אָנערקענונג פאַרן אָקופּאַנט. די עיקר־וואָג האָבן זיי געלייגט אויף מאָרדן יידן. ביי דער פּראָגראַמאַטישער הנחה פון קאַמף אויףביידע פראָנטן (ד"ה מיט דייטשן און רוסלאַנד) האָבן זיי שנעל פאַרגעסן אין די דייטשן. עס איז לסוף געקומען דערצו, אַז זיי זענען געווען טעטיק אין פאַרשטענדיקונג און ביי דער מיטהילף פון דייטשן, וואָס האָבן צוגעשטעלט געווער און סובווענציאָנירט זייער „טעטיקייט"; 6) דער פאַשיסטישער „אָבוז נאַראָדאָוואַ ראַדיקאַלני".

געצייכנט אויפֿן... יידישן פראָנט) איז אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג נישט באַשטאַנען אין דער צאָל, נאָר אינעם אַריינדרינגען („אידעאָלאָגיש" און אַפילו אָרגאַניזאַציאָנעל) צו די רעכטע רעגירונג־גרופּן און אַזוי אַרום (וועגן דעם שפּעטער) באַשאַפן דאָרט אַ צעמישונג. וואָס שייך די קאָמו־ניסטן האָבן זיי אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אין אַ סך שפּעטערן צייט־אָפּשניט. ביז צום אויסברוך פון דייטש־סאָוועטישן קריג (ד. ה. ביז יוני 1941) זענען זיי געווען פּאַסיוו. פון דער דאַטע, ביז צום אויפשטעלן און אָרגאַניזירן אַקטיווע קעמערלעך האָט אויך געדויערט אַ שפּאָר ביסל צייט. ביזן סוף זענען זיי אָבער געווען גענוג נישט אָנזעעוודיק, אָן אַ ברייטערן אָנלען אין דער געזעלשאַפט.

די אונטערערדישע מיליטערישע פאָרמאַציעס — וואָס האָבן זיך באַלד געשאַפן אינערהאַלב די רעגירונג־פּאַרטייען — האָבן זיך מיט דער צייט פאַרבונדן מיט דער אַ. ג. „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". צו דער דאָזיקער אַרמיאַ קראַיאָוואַ האָבן געהערט צ. אַ. „באַטאַליאָני כלאָפּסקיע" („ב. כ." ד. ה. דאָס מיליטער פון פּ.ס.ל.) און די „גוואַרדיאַ לודאָוואַ", וואָס האָט זיך שפּעטער משנה השם געווען אויף „אָ.וו." און „א.ב.פּ.פּ.ס." (ד. ה. „אָרגאַניזאַציאַ וואָיסקאָוואַ" און אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ פּאָלסקעי פּאַרטי סאָציאַליסטיטשנעי"). אַ יעדע פון די לעצטע איז אונטערליגן דעם הויפּט־שטאַב פון דער אַרמיאַ קראַיאָוואַ, אָבער אויפגעהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער אַ קלענערע אָדער גרעסערע אומאָפּהענגיקייט פון אייגענע אָפּטיי־לונגען.

דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער דעלעגאַטור פון דער לאָנדאָנער רעגירונג אין פּוילן גופא איז געווען (פאַרשטענדלעך — קאָנספּיראַטיוו אַרויסגעגעבן) די צייטשריפט „זשעטשפּאָספּאָליטאַ". אַ חוץ דעם זענען דערשינען נאָך אַנדערע קאָנספּיראַטיווע צייטונגען לויט באַשטימטע צילן (פאַר מיליטער א. אַ.). פאַרשטענדלעך, אַז אַ יעדע פון די אָרגאַניזאַציעס האָט אַרויסגעגעבן אייגענע פּאַרטיי־צייטונגען.

אין אַן אַרטיקל, דערשינען אין אַ לאָנדאָנער אויסגאַבע 1) שרייבט

1) „זשאָלניעזש פּאָלסקי — זשיד", דערשינען מיט דער דאַטע פון 29טן 1943, דורכן „מיניסטעריום פאַר נאַציאָנאַלע פאַרייניקונג און מיניסטעריום פאַר אינפאָר־מאַציע און דאָקומענטאַציע", אין שייכות מיטן יידישן ניי־יאָר יום טוב.

אַדאַם טשיאַלקאָש: „מען האָט פון מיר געבעטן אַן אַרטיקל וועגן דעם בשותפותדיקן קאַמף פון פּאָליאַקן און ייִדן בעת דער איצטיקער קריג. איך וועל עס נישט אָנשרייבן. מען קען שרייבן וועגן אַ בשותפותדיקן קאַמף פון פּאָליאַקן און ענגלענדער, פּאָליאַקן און יוגאָסלאַוון, פּאָליאַקן און אויס־טראַליער. מען קען נישט שרייבן וועגן אַ בשותפותדיקן קאַמף פון פּאָ־ליאַקן און פּוילישע ייִדן. דאָס זענען נישט צוויי באַזונדערע מלוכות, וואָס האָבן זיך בעתן קריג פֿאַרבונדן, בכדי צוזאַמען צו קעמפֿן. פּאָליאַקן־קריסטן און פּוילישע ייִדן זענען אַ באַפעלקערונג פון דער זעלבער מלוכה, ממילא איז דאָס נישט קיין קאַמף פון צוויי פֿאַרשידענע כוחות, נאָר איין און דערזעלבער קאַמף".

מיט די ווערטער זענען געווי פֿאָרמולירט געוואָרן הנחות, וואָס פֿאַר אַ יעדן בירגער — אַזוי וואָלט מען געקענט מיינען — וואָלטן זיי געדאַרפט זיין אַן אַקסיאָמע, אַ קלאָרע און אָן ספקות. אַפילו אָן פּירושים און אָן פּראָפּאַגאַנדע.

אַז די ציטירטע זאַצן האָבן אויסגעדריקט די טיפע איבערצייגונג פונעם מחבר, דאָס האָט ער דאָקומענטירט מיט זיין טעטיקייט גופא. אין דער צייט ווען זיי זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן, האָבן זיי אָבער געהערט מער פון דעם ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין און נישט פון דעם ווי עס איז באמת געווען.

אין פּוילן אַליין האָט זיך די פּוילישע אונטערערדישע פּרעסע באַלד פון די ערשטע חדשים אָן פֿאַרנומען מיט דעם אַ. ג. „ייִדישן פּראָבלעם". שווער צו מאַכן דאָ אַ גענויערע אַנאַליזע פון די דאָזיקע שטימען. זיי זענען געווען פֿאַרשידן: אָנגעהויבן פון אַ קלאָר־פעסטגעשטעלטן שטאַנדפּונקט (למשל אין דער סאָציאַליסטישער און דעמאָקראַטישער פּרעסע) און ענ־דיקנדיק אויף אַרטיקלען וואָס האָבן זיך אויף דעם אָפּשניט ליציטירט מיט די דייטשן (אין די אָרגאַנען פון היימישן פֿאַשיזם). אָבער לאָמיר דאָס איצט איבערלאָזן. שווער איז אָבער פֿאַרבייצוגייען און נישט דערזען דעם מאָדנעם רעזאָנאַנס וואָס דער „פּראָבלעם" האָט אַרויסגערופן אין אַ טייל פּובליקאַציעס פון דער דעלעגאַטור פון דער געהיימער רעגירונג און זיינע אַגענטורן. כ'אַקצענטיר עס דערפֿאַר, וואָרום אויב די אַרטיק־לען פון דער פּאַרטיי־פּרעסע קענען זיין אַן אַרויסזאָג פון אַ באַשטימטער

גרופּע — איז שוין תמיד אַ שטאַנדפּונקט אין די פּובליקאַציעס פון דער אונטערערדישער רעגירונג אַ בפירושע דעקלאַראַציע פון מלוכהשן כאַ־ראַקטער. און טאַקע דאָרט האָבן די פּובליציסטן (וואָס זענען געווען די וואָרט־זאָגער פון דער מלוכהשער רעגירונג) גערעדט, וועגן די מגפות וואָס זענען געפאַלן אויף אַ צענט חלק פון דער באַפעלקערונג, ווי וועגן ענינים אויף דער לבנה. טאַקע אין אַזאַ מאָמענט האָבן זיי געהאַלטן פאַר ריכטיק צו באַהאַנדלען פאַרקריג־טענות, דערמאָנען היסטאָרישע חשבו־נות; דעם אַקטועלן אמת האָבן זיי פילטרירט אין פסיידאָ־„אָביעקטיווע" און אַבסטראַקטע פאָרמולירונגען. גלייכצייטיק — האָט מען דורך קאָנס־פּיראַטיווע וועגן איבערגעשיקט קיין לאָנדאָן פּראָיעקטן פון אַ ראַדיקאַלער „לייזונג פון יידישן פּראָבלעם", נאָכן קריג... אָט דאָס הייסט — זאָרגן מיט אַ וויטן בליק. — און געשען איז דאָס אין דער זעלבער צייט, ווען די זעלבע רעגירונג האָט זיך געווענדט צום וועלט־געוויסן אין נאָמען פון דעמאָקראַטיע, אין נאָמען פון הומאַניטאַריזם, אין נאָמען פון פרייהייט און גלייכהייט. צי האָבן די דערמאָנטע שטימען ערלעך אויסגעדריקט דעם שטאַנדפּונקט פון דער קאָאַליציע? חלילה! אין דער קאָאַליציע האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע מענטשן, וואָס האָבן ביי דעם ענין געהאַט קלאָרע און נישט־צווייטייטיקע איבערצייגונגען. די לאָנדאָנער רעגירונג האָט דורך אירע פאָרשטייער פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע דעקלאַראַציעס און אַפּעלן וואָס האָבן גערופן די וועלט און די פּוילישע באַפעלקערונג אין לאַנד צו העלפן מיט כלערליי מיטלען די בירגער־יידן וואָס ווערן געמאָרדעט דורכן אָקופּאַנט. אומאָפּהענגיק פון די דעקלאַראַציעס, פאַרעפנטלעכטע דורך רע־גירונג־מיניסטאָרן און די אַרמיי־פירער האָט מען אויך אַרויסגעגעבן פאַרשידענע פּובליקאַציעס (אין פאַרשידענע שפּראַכן) וואָס האָבן איבער־געגעבן דער וועלט דעם אמת פון חורבן. דאָס רעאַליזירן די פּראַקטישע אַקציעס, האָט אין פאַרשידענע צייטן געהערט צו פאַרשידענע אָרגאַנען. נישט אַריינגייענדיק אין פּרטי־פּרטים קען מען באַמערקן, אַז דער בעסטער צוגאַנג האָט זיך דאָ אויסגעמישט מיט דער אינגערענץ פון אַ בפירוש שלעכטן ווילן; דער סאַבאָטאַזש פון פאַרשידענע יחידים האָט אין אַ טייל פאַלן פאַראַליזירט. אַ סך נויטיקע אינפאָרמאַציעס זענען שפּעטער אָנגעקו־מען. די קאָאַליציע, וואָס האָט פאָרמירט דעם מיניסטעריעלן צוזאַמענשטעל

האָט נישט רעגירט אין אַלע... אויספיר־אָרגאַנען, אָדער (וואָס אין נישט געווען ווייניקער וויכטיק) טעכנישע פונקטן; די קאָנספּיראַטיווע פאַרבינ־דונג־באַדינגונגען האָבן געמאַכט פאַר מעגלעך אויסצונוצן דעם וועג פון לאָנדאָן אויך פאַר עלעמענטן וואָס האָבן געהאַט זייטיקע כוונות. איצט איז שוין צ. אַ. באַוווּסט, ווי אַזוי אַ סך מאַטעריאַלן זענען נאָר דערגאַנגען צו אַ טייל פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון דער פריער־דערמאָנטער קאָאַ־ליציע. אַ חוץ דעם האָבן אין לאַנד גופא פאַרנומען אַ סך שליסל־פּאָזיציעס נישט די פאָרשטייער פון גאַנצן בלאָק נאָר — ווידער — פון אַ באַשטימטן פליגל. איינמאָל אונטערן מאַנטל פון פאַכמענישקייט 1) אַן אַנדער מאָל ווידער צוליב דעם וואָס מען האָט דער ערשטער איבערגענומען דעם באַ־שטימטן אַפּאַראַט.

אין לאָנדאָן (ווי אַ פּועל־יוצא פון פריערדיקע צוגרייטונגען און שריט) האָט דער מיניסטאָרן־ראַט באַשטימט, לויטן געזעץ פון 20טן אַפּ־ריל 1944, צו גרינדן אַ „ראַט פאַר ענינים פון ראַטעווען די ייִדישע באַ־פעלקערונג אין פּוילן". וולאַדיסלאַוו באַנטשיק (דער אינערן־מיניסטער) — וואָס האָט געדאַרפט אויספירן דאָס דאָזיקע געזעץ — האָט איינגעלאַדן אינעם ראַט דריי פאָרשטייער פון פּוילישע פּאַרטייען (דהינו די מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן ראַט דר. ע. שערער), דער פייערלעכער צונויפקום פונעם ראַט — וואָס איז אַגב געווען זיין ערשטע זיצונג — איז פאָרגעקומען דעם 25טן מאַי 1944. אין זיין דערעפענונג־רעדע (אַ חוץ די פאָרויסגעזעענע ביי אַזעלכע ענינים זאַצן וועגן דער לאַנגיעריקער טראַדיציע פון גוטן צוזאַמענלעבן און טאָלעראַנץ, וועגן די שריט וואָס די רעגירונג האָט שוין אונטערגענומען, ייִדישן אָנטייל ביים שיצן וואַרשע אין יאָר 1939 און פּוילישן אָנטייל ביי די וואַרשעווער געטאָ־קאַמפן אין יאָר 1943 א. אַ. וו.) האָט מיניסטער באַנטשיק דערזאָגט: „... גלייך נאָכדעם ווי עס איז געשאַפן געוואָרן די רעגירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי, האָט די רעגירונג אין איר דעקלאַראַציע פון דעצעמבער 1939 פעסטגעשטעלט — אין הסכם מיט

1) אַזוי איז למשל געווען אין דער אונטערערדישער אַרמיי. מיט דער צייט זענען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען און איבערגרופּירונגען. דער „צוזאַמענ־שטעל" איז אויך געווען אָפּהענגיק פון דער געגנט און פון דער צופעליקער רעק־רוטירונג; אין פאַרשידענע צייטן און אין פאַרשידענע געגנטן איז ער געווען אַנדערש.

אונדזער קאָנסטיטוציע און געשיכטע — די פולע קראַפט פון פּרינציפּ וועגן גלייכהייט פון בירגערלעכע רעכט און פליכטן, אָן אַ חלק פון גלויבן און נאַציאָנאַליטעט. די דאָזיקע פּרינציפּן זענען געוואָרן איבערגעחזרט און ברייטער אַנטוויקלט אין די שפּעטערדיקע דעקלאַראַציעס. זיי זענען נישט בלויז דער אויסדרוק פון דער רעגירונג און פון פּוילישן פאָלק, נאָר אויך אַ מאָראַלישער חלק אין דער אַקציע פון העלפן דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן". אויך האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז: „אויב... עס וועלן אין דער נאָענטסטער צייט נישט ווערן אויסגענוצט אַלע מיט־לען בכדי העלפן יידן און פּאָליאַקן אין פּוילן — קען זיך די הילף אויס־ווייזן פאַר אַ פאַרשפּעטיקטע".

וויטאָלד קולערסקי (מיטגליד פון נאַציאָנאַלן ראַט פון דער פויערן־פּאַרטיי) האָט געזאָגט צ. אַ.: „אַ סך באַמיִונגען זענען געמאַכט געוואָרן בכדי צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון די וואָס ווערן אונטערדריקט און פאַר־ניכטעט דורך די דייטשן, אָבער דער פּועל־יוצא איז באַשיידן און נישט־אָנזעעוודיק — פּונקט אַזוי ווי די מיטלען מיט וועלכע מען קען זיך באַנוצן... די פויערן־פּאַרטיי וועט אין די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן בייהילפיק זיין פּונקט אַזוי ווי אונדזערע פּאַרטיי־קאָלעגן אין פּוילן גיבן זייער אָנטייל אין דער טעטיקייט". אינזש. רייס (אין נאָמען פון דער רעפּ־רעזענטאַנץ פון פּוילישן יידנטום מיטן זיצאָרט אין פּאַלעסטינע) האָט באַמערקט צ. אַ., אַז די פּאַלן פון געבן הילף פאַר יידן דורך פּאָליאַקן „זע־נען דער בעסטער באַווייז, וואָס מען וואָלט אַלץ געקענט אויפטון ווען די אַקציע וואָלט געהאַט אַן אַלגעמיינערע פאָרם, ווען זי וואָלט ווי געהעריק אַריינגעגאַנגען אין די אויפגאַבן פון די מלוכהשע אַמטן און אָרגאַנען אין לאַנד. דאָס וואָס מען האָט ביז איצט געטון שטייט לײדער נישט אין אַ געהעריקער פּראָפּאָרץ צו די נויטוועדיקסטע נחיצותן — עס איז שוין אָפּגעפלאָסן אַ סך נישט־אויסגענוצטע צייט און איצט איז אונדזער הייליקע פליכט פאַריכטן אין די ראַמען פון מעגלעכקייטן, דאָס, וואָס עס לאָזט זיך נאָך". — סטאַניסלאַוו סאָפּיצקי (מיניסטער פון נאַציאָנאַלן ראַט אין נאָמען פון דער קריסטלעכער אַרבעט־פּאַרטיי) האָט דערקלערט צ. אַ.: „מיר דאַרפן ראַטעווען יידן פון פאַרניכטונג, אַפילו ווען אונדז וואָלט גאָרנישט פאַרבונדן. בפרט דאַרפן מיר אָבער דאָס טון, ווייל עס האַנדלט

זיך דאָ וועגן פּוילישע בירגער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונדז אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן דייטשלאַנד, שיצנדיק פּוילישע ייִדן פון פאַר־ניכטונג, שיצן מיר נישט בלויז אומשולדיקע און ניט־באַוואָפנטע מענטשן, אָבער אויך בירגער וואָס דאַרפן זיך באַטייליקן אין דער צוקונפטיקער אַרבעט פון פּוילנס ווירטשאַפטלעכן אויפבוי". דר. עמנואל שערער (מיט־גליד פון נאַציאָנאַלן ראַט, אין נאָמען פון „בונד") האָט אַקצענטירט אַז „אין שייכות מיט די גרויסע אויפגאַבן און פליכטן, וואָס ליגן — ביי דעם אָפּשניט — אויף דער אַנטיהיטלעריסטישער וועלט, פאַלן אָפּ אַלע טאַטן וואָס זענען אונטערגענומען געוואָרן סיי דורכן פּרעזידענט רוזוועלט, סיי דורכן פּרעמיער טשוירטשיל און סיי דורך אַנדערע רעגירונג־פאַרשטייער, זייער לאַנגזאַמער טעמפּאָ, זייער קליינער פאַרנעם, זייער אומגעהייערע פאַרזיכטיקייט אין מאָמענט ווען עס פאַרלאַנגט זיך אַ געוואַלטיקע שנעל־קייט פון טאַט — דאָס אַלץ מאַכט אונדז טרויעריק, דערדריקט אונדז. און די וואָס האָבן זיך אויף אַזאַ נישט־געהעריקן אופן באַצויגן צו דער אויפ־גאַבע, טראָגן אויף זיך אַ גרויסן חטא און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די איינ־ציקע... גרופּע מענטשן, וועמענס טאַטן בנוגע דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן מען קען פאַרגלייכן צו די פליכטן און אויפגאַבן, דאָס זענען די אַלע — איך קען נישט זייער צאָל — פּאָליאַקן, וואָס ריזיקירן מיטן אייי־גענעם לעבן און טיילמאָל גיבן זיי אַפילו דאָס אייגענע לעבן, בכדי צו ראַ־טעווען זייערע מיטבירגער — ייִדן". צום סוף האָט דער פאָרזיצער פון דעם ראַט (מיטגליד פון נאַציאָנאַל־ראַט אין נאָמען פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי) אַדאַם טשיאַלקאָש געזאָגט: „איך רעפּרעזענטיר דאָ די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. דאָס באַפרייט מיך שוין במילא פון אָפּגעבן דעקלאַראַציעס וועגן מיין באַציונג און וועגן דער באַציונג פון מיין פּאַרטיי צו דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן. ... דאָס אַלץ וואָס כ'האָב געהאַט צו זאָגן וועגן דעם ענין, האָב איך געזאָגט פאַרן קריג אין פּוילן און איך וואָלט נאָך דאָ געקענט איבערחזרן מיינע אומצאָליקע רע־דעס, אויפרופן און פּרעסע־אַרטיקלען... איך וויל אָבער באַמערקן אַז אונדזער סאָציאַליסטישע און דעמאָקראַטישע אָפּשאַצונג פון ייִדישן פּראָב־לעם איז געוואָרן באַשטעטיקט דורך די פאַקטן פון דעם קריג... מיר האָבן תמיד געוואָרנט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז די פאָרשטוואַגט פון פּוילנס

שונאים. אמת, אַז ייִדן האָט מען געקענט טרעפן אין פאַרשידענע סאָציאַ־לע קלאַסן און אין פאַרשידענע פּאָליטישע לאַגערן. אָבער וואָס שייך אַנטי־סעמיטיזם — דאָס האָבן מיר קיינמאָל נישט געצווייפלט, אַז ער איז נאָר אַ צושפּיל ביי די וועגן פון די שונאים פון דעמאָקראַטיע. נאָך מער — פאַר די שונאים פון קולטור און ציוויליזאַציע. ... איך האָב נישט קיין שום פאַרענטפערונג פאַר די אַנטיסעמיטישע שטראָמען אין פאַרקריג־פוילן... ... אונדזער ראַט טראָגט נישט קיין כאַראַקטער פון אַ געזעלשאַפט לטובת ייִדן. זיין גלייכער צוזאַמענשטעל איז אפשר דער בעסטער אויס־דרוק פון זיין כאַראַקטער, וואָס כ׳וועל דערקלערן מיט איין וואָרט: „סאָלי־דאַריטעט".

איך האָב זיך דאָ פאַרהאַלטן איבער די דעקלאַראַציעס, וועלכע מען האָט אָפגעגעבן אויף דעם ראַט, ווייל זיי גיבן אַ סינטעז פון די טענדענצן וואָס האָבן... געדאַרפט פאַרפליכטן. די איינזייטיקייט פון געבראַכטן אויס־וואַל באַשטייט אין דעם, וואָס אים האָבן באַשאַפן דער פראָגראַם גופא און די צילן פון ראַט. דער פערסאָנאַל־צוזאַמענשטעל פון אים איז שוין אין זיך אַליין אַ רעזולטאַט פון באַשטימטן אָפקלייב. דערפאַר דערמאָנט אָבער, ליידער גאָר קלאָר און דייטלעך, די דאַטע פון דער דערעפענונג־זיצונג — דהיינו סוף מאַי 1944 — אויך אַנדערע טענדענצן פון דער טע־טיקייט אויפן „לאָנדאָנער" שטח. טענדענצן, וואָס זענען אין די ציטירטע רעדעס נישט געקומען צום וואָרט. אַזש אַזויפיל צייט האָט פאַרלאַנגט דאָס ברענגען צום לעבן אַזאַ עפנטלעכע און באַשטימטע אינסטיטוציע אויפן שטח פון... פרייען לאָנדאָן. די דאָזיקע דאַטע איז מעיד, אַז טראָץ נישט ספקדיקע באַמיונגען — האָט דער ראַט שוין נישט געקענט האָבן קיין פראַקטישן ווערט, נאָר איז געבליבן אַ באַווייז פון גוטן ווילן. דאָס הייסט נישט פאַרשטענדלעך, אַז ערשט דער ראַט האָט אָנגעהויבן צו אָר־גאַניזירן הילף. להיפך: מען האָט אים געגרינדעט (ווי שוין דערמאָנט) בכדי די אַרבעט — וואָס איז שוין פריִער געפירט געוואָרן און אין אַ. ג. קאָמעראַלער פאָרם — זאָל באַקומען אירע געהעריקע ראַמען און בכדי זי צו שטייגערן. דער ראַט האָט אויך געזאָלט זיין אַן ענלעכע אָרגאַניזאַציע ווי דער „ראַט פון הילף פאַר ייִדן" וואָס איז געגרינדעט געוואָרן צוויי יאָר פריִער אין פוילן. אומאָפהענגיק פון דער כראָנאָלאָגיע — האָט מען דאָ

קודם כל געווידמעט פלאַץ פאַר די פאַקטן פון עמיגראַציע־שטח — און דאָס דערפאַר, ווייל אָן זיי וואָלטן די דערשיינונגען אין אָקופּירטן פּוילן געווען ווייניקער פאַרשטענדלעך. מען דאַרף געדענקען אַז וואָג (און דאָס — ווי אַלץ דערמאָלט — אַ וואָג פון טויט) האָבן נישט בלויז פאַרמאָגט די זאַכן, וועלכע מען האָט אָפּגעטון. עס האָבן זי אויך פאַרמאָגט די ענינים, וועלכע מען האָט נישט געמאַכט, אָדער וועלכע מען האָט געמאַכט צו שפּעט 1).

1) די אַנטוויקלונג פון דעם „יידן־פּראָבלעם" און די אָפּקלאַנגען פון דעם ענין אויפן לאָנדאָנער שטח פאַרדינען אויך אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג. דאָ האָבן מיר זיך פאַרשטענדלעך באַגנוגנט מיט אַ קורצער דיגרעסיע, וואָס איז געווען נויטיק צו באַלייכטן בלויז אַ דערשיינונג, וואָס געהערט צו דער טעמע פון דעם בוך. אַ חוץ די אַרכיוון פון דער פּוילישער רעגירונג און אירע אַגענטורן אין לאָנדאָן, זענען נאָך פאַרבליבן אַ ריי אַרכיוון פון פּאַרטייען און אינסטיטוציעס — וואָס האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט די דאָזיקע ענינים. איינער פון די אַרכיוון געפינט זיך ביי ד"ר יצחק שוואַרצבאַרד, וועלכער האָט — ווי איינער פון די צוויי יידישע פאַר־שטייער אין נאַציאָנאַלן ראַט אין לאָנדאָן — געפירט אַ פּאָליטישע און הילף־אַקציע. ווייטער זענען דאָס די מאַטעריאַלן, וועלכע אינזש. א. רייס האָט איבערגעשיקט קיין ישראל. דער אַרכיוו פון ד"ר א. זילבערשטיין, וואָס בעתן קריג האָט ער געפירט אַ הילף־אַקציע אין דער נייטראַלער שווייץ. איך נוץ דאָ אויך אויס די טעקע מיט מאַטעריאַלן פון פאָרזיצער פון אויבנדערמאָנטן ראַט, אַדאַם טשיאָלקאַש. אַ חוץ דעם אַ גרויסע זאַמלונג פון בראָשורן און צייטונג־קאָמפּלעטן וואָס זענען דער־שינען אויף דער עמיגראַציע.

III

דער גורל פון יידן און פוילישע ארגאניזאציאנעלע פאקטארן אין לאנד גופא

באַהאַנדלענדיק די אָפּקלאַנגען פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן מיר שוין דערמאָנט צ. אַ. דעם טעקסט פון פלוגבלעטל, וואָס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן דורך דער (טעטיקער אין אונטערגרונט) פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (וו.ר.נ.), ווי אויך אַנדערע שטימען פון דער פוילישער קאָנספּיראַטיווער פּרעסע. מיר מוזן נאָך צוגעבן, אַז קעגן די דייטשע אַנטי־יידישע מאָרדן האָבן אויך פּראָטעסטירט באַשטימטע קאַ־טוילישע קרייזן. אין דעם דורך זיי פאַרעפנטלעכטן אויפרוף איז געזאָגט געוואָרן:

„די וועלט קוקט אויף דעם מאָרד — וואָס איז שרעקלעכער פון אַלעם וואָס די געשיכטע האָט נאָר געזען — און שווייגט. ביי אַן אַלגעמיין בייז־וויליק שווייגן קומט פאָר אַ שחיטה פון מיליאָנען הילפלאָזע מענטשן.

אַזאַ שווייגן קען מען מער נישט טאָלערירן. אומאָפּהענגיק פון די גורמים — איז דאָס נידערטרעכטיק. קעגן אַ פאַרברעכן טאָר מען נישט בלייבן פּאַסיוו. ווער עס שווייגט אין אָנבליק פון מאָרד — ווערט אַ שותּף צום מאָרד. ווער עס פאַראורטיילט נישט — דער האַלט מיט.

מיר נעמען דעריבער דאָס וואָרט, מיר — קריסטן־פּאָליאַקן. מיר ווילן נישט זיין אין דער ראָל פון פּילאַט. מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו שטעלן זיך אַקטיוו קעגן די מאָרדן, מיר קענען גאָרנישט העלפן, קיינעם ראַטעווען, אָבער מיר פּראָטעסטירן פון די טיפענישן פון האַרצן וואָס איז אַדורכגענומען מיט רחמנות, מיט גרימצאָרן און גרויל. אַזאַ פּראָטעסט פאַרלאַנגט פון אונדז גאָט — גאָט וואָס האָט פאַרבאָטן צו הרגענען. אַזוי

פאַדערט דאָס קריסטלעכע געוויסן. יעדעס באַשעפעניש, וואָס רופט זיך מענטש האָט רעכט צו ליבע פון נאָענטן. דאָס בלוט פון די אומבאַוואָפנטע פאַרלאַנגט נקמה פון הימל. ווער עס אונטערשטיצט נישט מיט אונדז דעם דאָזיקן פּראָטעסט — איז נישט קיין קריסט.

מיר פּראָטעסטירן אויך ווי פּאָליאַקן. מיר גלויבן נישט, אַז פּוילן זאָל האָבן נוצן פון די דייטשע גרוילטאַטן. להיפוך — מיר ווייסן, ווי פאַר־סמעדיק עס ווירקט דאָס זייען מאָרד. ווער עס פאַרשטייט דאָס נישט ווער עס וואַגט פאַרבינדן די שטאָלצע, פרייע צוקונפט פון פּוילן, מיט דער שעדלעכער פרייד פון צווייטנס אומגליק — דער איז נישט קיין קריסט און נישט קיין פּאָליאַק".

עס איז נויטיק, אַז אויך דער אויפרוף זאָל בלייבן אין זכרון פון ייִדן. ער איז פריי פון סאָפיזמען און צווייִדייטיקייטן, ער רעדט מיט אמת פון געוויסן, ער פאַרמאָגט די קראַפט פון געוואָגטן פשטות.

אָבער מען דאַרף אויך באַמערקן (וואָס נאָך די אַלע ציטירטע פאַקטן וועט עס שוין נישט זיין מער ווי אַ טרויזם) אַז די פאַקטן האָבן קוועסטיאָ־נירט דעם אויפרוף און דאָס ביידע זיינע טיילן.

דער אויפרוף זאָגט: „... מיר קענען גאָרנישט העלפן, קיינעם ראַ־טעווען". אין די פאַלן, ווו עס זענען געווען באַמיונגען בכדי ראַטעווען און ווו מען האָט די באַמיונגען קאָנטינויִרט — זענען זיי נישט געווען אָן רעזולטאַטן. די הכחשה איז פון דעם מין הכחשות וואָס ברענגט דעם מין אויפרוף נאָר לויב.

ליידער: די ווירקלעכקייט האָט באַוויזן דעם קעגנטייל אויך אין אַנדערע פּונקטן. „ווער עס פאַראורטיילט נישט — זאָגט ריכטיק דער אויפרוף, דער האַלט מיט". „... ווער עס וואַגט פאַרבינדן די שטאָלצע, פרייע צוקונפט פון פּוילן, מיט דער שענדלעכער פרייד פון צווייטנס אומגליק..."

אין אַ סך פאַלן האָט עס זיך דאָך נישט געהאַנדלט אין הילף, נאָר אין... גלייכגילטיקייט. „דאָס קליינע וואַרשעווער ייִנגל — שרייבט מאַ־ריאַנסקאַ — וואָס האָט מיר דערציילט זיין געשיכטע, האָט אויף דער פראַגע צי נישט־ייִדן האָבן אים געהאָלפן, געענטפערט פּראָסט און פּשוט: — איך האָב נישט געדאַרפט קיין הילף, איך האָב זיך געגעבן אַן עצה;

אויב מען האָט מיך נישט פּאַראַטן, נישט אויסגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ, איז דאָס שוין געווען הילף״... 1)

איבעריקנס — די מחברים פון דעם אויפרוף מיינען טאַקע אָט די דערשיינונגען; יעדער זאַץ פון זייער אַפּעל ווענדט זיך צו אַ לעבעדיקער און ווייטאָגלעכער וויזיע. נישט פּאַראַנען אין דעם אויפרוף קיין איין סתם־רעטאָרישער מאמר. און אויב דאָ אויבן איז גערעדט געוואָרן וועגן מוט וואָס שלאָגט פון דעם אויפרוף, לאָמיר נאָך צום מוט פון פּראָטעסט אויך צוגעבן דעם מוט פון קוקן גלייך אין די אויגן פונעם גאַנצן אמת.

(די ציטירטע אַרטיקלען און אויפרופן שעפּן פאַרשטענדלעך נישט אויס אַלע שטימען מיט דער זעלבער טענדענץ. געווען מער אַזעלכע. און דעריבער מוז מען זיך טאַקע פאַרטראַכטן: פאַרוואָס די ווירקלעכקייט האָט זיך אויסגעמיטן מיט די דאָזיקע שטימען? בפרט, אַז אַ חוץ די פּאַרטיי־שטימען [מיט וועלכע עס האָבן זיך נישט געמוזט רעכענען די אַנדערע פּאַרטיי־קעגנער], זענען דאָך אויך געווען די דעקלאַראַציע פירמירט שוין דורך דער רעגירונג און איר דעלעגאַטור).

מען דאַרף דאָ אויך דערמאָנען צ. אַ. יענע אַרטיקלען און „דיסקו־סיע״־נאָטיצן (מיט אַנטי־יידישע אַלוזיעס צווישן די שורות, אָדער אין די שורות אַליין), וואָס זענען דערשינען (אין דעם גייט עס דאָך!) אין די זעלבע רעגירונג־אָרגאַנען. טיילמאָל — טאַקע... ביי אַ הומאַניטאַרן אויפ־רוף. ווייזט אויס, אַז דאָרטן זענען אויך טעטיק געווען אַזעלכע פאַקטאָרן, וואָס נישט קענענדיק שטערן דאָס פּובליקירן אַן אָפיציעלן אויפרוף, האָבן זיי כאָטש געפּרווּט „ווינקן״ צום לייענער מיט מיסטעריעזע מיטלען.

אַ חוץ די המצאות (גאַנץ נישט־צווידייטיקע שוין אין זייער בראשית) זענען אויך די אַנדערע טעקסטן — אין פּרינציפּ אַפילו פּאָזיטיווע — גע־ווען גאָר ווייט פון טשיאַלקאָשעס פאָרמול וועגן „איינעם און דעם זעלבן קאַמף״, פונעם טעקסט אין אויפרוף פון דער פּ.פּ.ס. (וו.ר.נ.) וועגן „בשות־פותדיקן פאַרמעגן אויף וועלכן עס וועט אויפגעשטעלט ווערן דאָס אויפ־געלעבטע פוילן״, און לסוף פון דעם שוין דערמאָנטן אויפרוף אַרויסגע־געבן דורך די קאַטוילישע קרייזן — וואָס נעמען אָוועק ביי די אַקטיווע

1) מאַריאַ האַכבערג־מאַריאַנסקאַ: „קינדער״ (צום דריטן יאָרטאָג פון דער ליקווידאַציע פון קראָקעווער געטאָ).

און פּאַסיווע שותפים פון מאָרד, דעם נאָמען קריסט און פּאָליאַק. די מחברים פון די פאַרשידענע אַרטיקלען האָבן אָפּט געהאַלטן עס פּאַסיק (פּונקט דעמאָלט) אָנצופילן זייערע פּאָזיטיווע ווענדונגען מיט כלערליי אָפּרעכענונגען; אַז „טראָצדעם"... א. אַ. וו. „דאַרף מען דאָך..."

אָביעקטיוויזם? אַן אַטמאָספער פון מאָרד אויף מיליאָנען בירגער, דאָס איז נישט קיין אַטמאָספער פון אַן אַקאַדעמישן דיסקוסיע־קרייז. וועגן דעם ווייסט יעדער קליינשטעטלדיקער עסקן און מסתם האָבן וועגן דעם אויך נישט געהאַט קיין ספקות די עסקנים פון די העכסטע אינסטאַנצן. אין דעמאָקראַטישע לענדער האָבן זיך די רעגירונג־אַרויסזאָגן נישט דער־לויבט אויף אַזעלכע מין „דיסקוסיעס" און „באַוואָרענישן" — אַפילו אין די נאָרמאַלע צייטן פון שלום.

אַפילו דעמאָלט ווען בראש שטייען צייטווייליק מענטשן, וואָס זענען ביי אַזאַ מיינונג — לאָזן זיי דאָס איבער פאַר דער פּאַרטיי־פּרעסע. בשעת קריג, אָקופּאַציע און שענדונגען אַן אַ פּרעצעדענץ — דווקא אויף דעם אָפּשניט.

די דערמאָנטע „אינטערפּרעטאַציעס" פלעגן ברענגען (אַן אָפיציעלן!) ברוך. זיי האָבן פאַרלייכטערט דעם פּשוטן לייענער אויפצונעמען הומאַני־טאַרע אויפרופן פון די העכסטע פאַקטאָרן ווי א פאָרמאַליטעט, ווי אַ פּאָ־ליטישע נויטווענדיקייט, ווי אַ שטייער, וואָס מוז דורך דער עמיגראַנטי־שער רעגירונג געצאָלט ווערן די ענגלענדער, דעם „אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום" א. אַ. וו. פּונקט אַזוי ווידער, די אַרטיקלען אין די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע צייטונגען וועגן דעם ענין, ווי אַן אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון פּאַרטייען. צוהילף דעם געדאַנקען־גאַנג זענען געקומען די אַרטיקלען אין די אונטערערדישע אַנטיסעמיטישע צייטונגען, די ווירקזאַמ־קייט פון דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע, דאָס מאַטעריעלע געווינס פון דעם אַדורכגעפירטן מאָרד און לסוף די געוויינלעכע, מענטשלעכע באַגרענעצ־קייט און געוויינלעכע, מענטשלעכע נידערטרעכטיקייט. די שטימונגען זע־נען אויסגעפילט און געכשרט געוואָרן דורך דער פּראַקטיק פון פאַרשי־דענע אונטערגרונט־פּונקטן (צ. אַ. מיליטערישע), בפרט דאָרט ווו דער צופאַל (אָדער דער פּאַרטיי־שליסל, אָדער די אַ. ג. „פּאַכמענישקייט") האָבן אַוועקגעשטעלט אַן אַנטיסעמיט.

כ׳דערמאָן זיך די געפילן, מיט וועלכע — בעתן אויספירן מיין מיליטערישע פונקציע אין מיעכאָווער געגנט — איך האָב קאָנפראָנטירט און קאָנטעמפּלירט צוויי פאַרשידענע דאָקומענטן. איינער — דאָס איז געווען דער אַמטלעכער דאָקומענט פון אַן אוידיענץ ביים רעגירונג־דעלעגאַט (דערהאַלטן צוזאַמען מיט מאַטעריאַלן פון דער „ייִדישער קאָאָרדינאַציע קאָמיסיע" און „ראַט פון הילף פאַר ייִדן"). דער דעלעגאַט, אויפנעמענדיק פאָרשטייער פון ייִדישן אונטערגרונט, האָט מיט זיי אַדורכגעשמועסט די הילף־מיטלען פאַר ייִדן. ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָס ווירקן קעגן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען איז שווערלעך און האָט צוגעגעבן, אַז דער יואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד האָט געווירקט לטובת די דאָזיקע שטימונגען. נאָכדעם איז באַרירט געוואָרן דער ענין פון באַשטימען סובווענצן און זייער ציל — און צולעצט דער ענין פון די ייִדישע וואַלד־„באַנדעס", וואָס ראַבעווען לעבנסמיטל ביי דער באַפעלקערונג פון פאַרשידענע שטחים, רופן אַרויס צו זיך שינאה און רייצן די אַנטיסעמיטישע שטימונגען. צום אויספרעסן לעבנסמיטל ברענגט מסתם דער הונגער. דעריבער, בכדי אויסמיידן דאָס אַרויסרופן שלעכטע שטימונגען, איז נויטיק צוצושטעלן לעבנסמיטל אויף אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אופן; ביי דעם האָט ער צוגעזאָגט זיין הילף.

אַ פּאָר ווערטער לשם קאָמענטאַר: די דערמאָנטע „באַנדעס" (אַגב די דייטשן האָבן אַזוי גערופן אַלע פּאַרטיזאַנישע גרופּן), דאָס זענען פאַרשטענדלעך געווען גרופּן פון דער ייִדישער פּאַרטיזאַנקע; אַזעלכע „ווילדע" גרופּן, געשאַפענע דורך באַדינגונגען. אַ יעדע פּאַרטיזאַנקע, — וואָס איז אַפילו צייטווייליק געווען אָפּגעריסן פון שטאַם — האָט אַדורכגעפירט רעקוויזיציעס פון לעבנסמיטל. ביי אַזעלכע פאַלן זענען אויך פאָרגעקומען — וואָס איז אַ באַוווסטע זאַך — גראָבע... שווינדלערייען; אין פאַרגלייך מיט די שווינדלערייען, זענען די קאָנפיסקאַציעס — אַדורכגעפירט ספּאָראַדיש דורך די אויסגעהונגערטע ייִדישע „באַנדעס" — געווען אָן ספק גאָר, גאָר נויטיק. איבעריקנס, דאָס איז נישט וויכטיק. דער פאָרשלאָג פון רעגירונג־דעלעגאַט האָט געהאַט זיינע פּאָזיטיווע הנחות.

און איצט דער צווייטער דאָקומענט: אין רעגירונג־אָרגאַן אַ. ג. „זשיעמיע וסכאָדניע" („די מזרח־שטחים" — אַן אָפיציעלע ביילאַגע פון דער

אָפּיציעלער רעגירונג־אויסגאַבע א. ג. „זשעטשפּאָספּאָליטאַ״), אין דעם שפּאַלט, ווו עס רעדט זיך וועגן דער טעטיקייט פון די אָפּטיילונגען פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ — אָט אַזאַ קאָמוניקאַט: פאַר דער באַפעלקערונג פון די שטחים, זענען די „אַרומשלעפּנדיקע „ייִדישע באַנדעס״ געווען אַן אומ־גליק. „א. ק.״ האָט „ליקווידירט״ (דהינו — אויסגעמאָרדעט) די, „באַנ־דעס״. און דער אָפיציעלער אָרגאַן האָט געגעבן אַן אָפּיציעלן קאָמוניקאַט פאַרן רום פון דער אַרמיי.

***

נעבן די אויסגערעכנטע פאַקטאָרן דאַרף מען פאַרשטיין און געדענ־קען די אַ. ג. „איינגעבוירענע פעלערן״ פון דער פאַרטיזאַנער באַוועגונג בכלל. אין אַ געוויסער מאָס זענען זיי אַלע אַ נאַטירלעכער פּועל־יוצא פון די באַדינגונגען, אין וועלכע אַזאַ באַוועגונג שאַפט זיך און פאַרמירט זיך. מיט ייִדן און מיט דער „ייִדן־פראַגע״ האָט דאָס וואָס אַן אמת לכתחילה קיין שום שייכות נישט געהאַט, דערפאַר אָבער שפּעטער — און איבערהויפּט אויף דעם געביט — האָט די „אָרגאַנישע קראַנקהייט״ געגעבן זיך שטאַרק צו פילן.

פונקט ווי אומעטום איז די פאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין פוילן גע־בוירן געוואָרן אין געשטאַלט פון אָפּגעריסענע קאַמפס־גרופּן. אייניקע פון די זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך פוילישע פּאַרטייען און זענען דורך דעם אונטערגעליגן נאָר די דאָזיקע פּאַרטייען. אַנדערע גרופּן זענען גע־שאַפן געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון יחידים. אַזעלכע גרופּן האָבן זיך על פּי רוב נישט קאָמוניקירט צווישן זיך. אָפט זענען זיי געווען אין דער העכסטער מאָס אומדיסציפּלינירט. אָפט האָבן זיי נישט אָנערקענט קיין שום אינסטרוקציע אויסער דעם דירעקטן באַפעל פון אָנפירער. דער לעצטער איז אָפט געווען אַ מין היימישער „קאָמיטשיק״, אַ פאַרפאַלענער אַוואַנטוריסט. גאַנץ אָפט אַן אונטערנעמערישער און מוטיקער מענטש, אָבער אָן גייסטיקע און פּאָליטישע קוואַליפיקאַציעס. און דער דאָזיקער מענטש האָט דאָס געדאַרפט שאַפן און רעאַליזירן די „אומאָפּהענגיקייטס־אידעאָלאָגיע״. ערשט שפּעטער זענען די דאָזיקע אַלע באַזונדערע גרופּן אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער אונטערערדישער אַרמיי. דער־

ביי האָט מען נישט געקענט אויסמיידן קיין פאַרשלעפּטע און געפּערלעכע קאָנפליקטן. דער אָפיציר וואָס איז נאָמינירט געוואָרן דורך דער העכערער מאַכט איז אָפטמאָל נישט אָנערקענט געוואָרן און איגנאָרירט געוואָרן דורך אַן אָנפירער פון אַ פיל נידעריקערער ראַנג, וועלכער האָט אָבער געהאַט אַ דירעקטן איינפלוס אויף דער געגעבענער גרופּע זעלנער. די מיטלען פון דער עקזעקוציע זענען אין די פאַלן געווען זייער קנאַפּע און דעריבער האָט די העכערע אָנפירערשאַפט, אין אַזעלכע מאָמענטן, געמוזט קוקן דורך די פינגער, „נישט זען" שטראָפבאַרע אַקטן, איידער זיך מאַכן וויסנ־דיק און דערמיט אַרויסווייזן איר מאַכטלאָזיקייט. פאַרשידענע אויסקרי־מונגען, וואָס האָבן געשטאַמט פון דעם קוואַל און האָבן איבערגעלאָזט שווערע שפורן, האָבן געבערענגט מיטגייענדיקע רעזולטאַטן. די קאָנפליקטן פון דעם מין האָבן איבעריקנס געדויערט ביז צום סאַמע סוף פון דער אָקופּאַציע.

למשל:

די אָפּטיילונג פון „שטשערביעצן" (וואָס איז טעטיק געווען אין דער געגנט פון ווילנע) האָט אָפּגעשלאָגן (אָקטאָבער־נאָוועמבער 1943) אַ טראַנס־פּאָרט פון אַסורים, וואָס איז געפירט געווען דורך די דייטשן פון אַשמיאַן אין דער ריכטונג פון ליטע (וואַרשיינלעך אין דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פּרעוועניִשיק הינטער קאָוונע). דער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען פון 150 אַסורים, צווישן זיי 13 ייִדן. די לעצטע האָבן די „העלדישע" פּאַרטיזאַנער, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיי באַפרייט פון די דייטשן, אַליין דערמאָרדעט.

דער קאָמענדאַנט פון דער קרייז־קאָמאַנדע פון דער „אַרמיאַ קראַיאָ־וואַ" קולטשיצקי (פּסעוודאָנים: „וואָלף", איצט אין אַ פּוילישער תּפיסה) האָט, דערוויסנדיק זיך וועגן דעם פאַל, אויפגעבראַכט פון כעס. ער האָט פאַראָרדנט אַז „שטשערביעץ" זאָל אָפּטרעטן און אויף זיין אָרט נאָמינירט און אַרויסגעשיקט אַן אַנדערן אָנפירער. וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן? דער לעצטער, אָנקומענדיק אויפן אָרט כדי איבערצונעמען די אָפּטיילונג, איז מוראדיק צעשלאָגן געוואָרן דורך זיינע אונטערגעאָרדנטע זעלנער, וואָס זענען טריי געבליבן „שטשערביעצן". פּראָסט און פּשוט.

(עס איז כדאַי צוצוגעבן, אַז דער דערמאָנטער „וואָלף" האָט דאַן פאַר־שטאַנען, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט נישט האָבן קיין אייגענע, נאָר אים

אונטערליגנדיקע, באַוואָפנטע אָפּטיילונגען, אַזוי לאַנג וועלן זיינע באַפעלן זיין נאָר אילוזאָרישע. דעריבער האָט ער אין 1943־1944 געשאַפן אַ גרויסע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג און פּערזענלעך זיך געשטעלט אין איר אָנפירונג כדי אַרויפצוצווינגען געהאָרכזאַמקייט ביי די אַוואַנטוריסטן פון דעם טיפּ ווי „שטשערביעץ“ 1).

***

מען איז זיך אויך נישט באַגאַנגען אָן קיין מאָרדן איבער ייִדן אַפילו אין די וואָכן פון שפּאַנונג און טראַגישן פּאַטאָס, וואָס איז אייגן געווען דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944. וועגן דער אַנטוויקלונג פון די שטימונגען און באַציונגען צו ייִדן בעת דעם אויפשטאַנד וועט נאָך באַזונדער גערעדט ווערן. דאָ וועלן מיר בלויז ברענגען אַ פראַגמענט פון אַ גבית עדות געווידמעט דירעקט דער טעמע:

„איגנאַצי בורשטין, (אַ דירעקטאָר פון „פיליפּס“ אין לאָדזש), זיין פרוי אסתר (פון דער היים קנאסטער), זיין טאָכטער נעמי (11 יאָר), זיין שוועסטער צעשאַ אַקערמאַן (פון דער היים בורשטין), איר טאָכטער אסתר אַקערמאַן, ווי אויך נאָך עטלעכע מענער און פרויען האָבן זיך באַהאַלטן בעת דער אָקופּאַציע, עטלעכע וואָכן פאַר דעם אויפשטאַנד, אין דעם בונקער אויף פראָסטע 4.

אין דער דריטער, אָדער פערטער וואָך פון אויפשטאַנד זענען אין בונקער אַריינגעגאַנגען עטלעכע אויפשטענדלער און האָבן באַפוילן די מענער זאָלן מיט זיי מיטגיין אויף דער קאָמענדע. מען האָט זיי נאָר אַרויסגעפירט פון טויער און אַן אונטעראָפיציר פון די אויפשטענדלער האָט זיי געזאָגט:

— מיינע הערן, איר זיינט ייִדן. „איר וואַרט אויף די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס וועלן קומען, אָבער איר וועט זיי נישט זען. ער האָט געגעבן זיינע מענטשן אַ באַפעל צו דערשיסן אַלע זעקס מענער. די טויטע גופים האָט מען אַריינגעוואָרפן אין אַ נעבנדיקער גרוב. שפּעטער זענען

---

1) מאַטעריאַלן פון פאָרשונגס־צענטער אין פּאַריז.

די אויפשטענדלער אַריין אין בונקער און דערשאָסן אַלע איבערגעבליבענע פּרויען״ 1).

**
*

וועגן די „נאַציאָנאַלע באַוואָפנטע כּוחות („נ. ס. ז.״ וואָס איז נישט אונטערגעליגן די רעגירונגס־דעלעגאַטור) האָט מען שוין געזאָגט, אַז זייער „טעטיקייט״ אויפן יידישן אָפּשניט איז געווען אַ דורכאויס היטלעריסטישע און האָט זיך אויסגעדריקט אין מאָרדן. זיי האָבן עס איבעריקנס נישט באַ־האַלטן. פאַרקערט, זיי האָבן דערין געזען אַ סגולה צו לויב. ס׳איז דעריבער שווער געווען אָנצונעמען, אַז ווען ס׳איז וועלן זיי האַלטן, ווען אַפילו נישט פאַר מעגלעך איז כאָטש פאַר נויטיק, צו פאַרלייקענען זייערע פאַרברעכע־רישע מעשים. צוליב דעם וואָס אַזעלכע פּרוּוון זענען דאָך פאָרגעקומען (טראָץ יעדער לאָגיק) וועל איך וועגן זיי דאָ באַלד דערמאָנען. (כּדי מען זאָל זיך צו זיי נישט דאַרפן אומקערן). זיי האָבן זיך באַוויזן אין יאָר 1950, ד. ה. פינף יאָר נאָך דער מלחמה 2).

1) דער ברודער פון איגנאַצי בורשטין, אַברהם בורשטין, וואָס האָט זיך אויך געפונען אין בונקער האָט זיך געהאַט באַהאַלטן. דערנאָך האָט ער זיך דערוווּסט אַז דער מאָרד האָבן אויסגעפירט די „אויפשטענדלער״ פון דער אָפּטיילונג „כּראָברי״. ער האָט אויך איבערגעגעבן וועגן דער געשעעניש.

נאָך דער מלחמה האָט אַברהם בורשטין אַרויסגענומען די גופים פון גרוב פון בונקער און זיי מקבר געווען אויפן בית־עולם אויף אָקאָפּאָווע.

2) ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס די „קולטורא״—אַ פּעריאָדישע אויס־גאַבע פון דער פּוילישער עמיגראַציע אין פּאַריז (אַן אויסגאַבע אַן ערנסטע און אויף אַ גוטן ניוואָ שטייענדיקע) האָט פאַרעפנטלעכט (אין נומער 31־5־1950) די זכרונות פון געוועזענעם אָנפירער פון נ. ס. ז. זשוכאָווסקי. די זכרונות האָבן גע־האַט אַ כאַראַקטער פון גלאָריפיקאַציע פאַר דער נ. ס. ז. רעווינדיקירנדיק די „פאַרדינסטן״ פון נ. ס. ז. וואָס האָט זיך אויסגעשלאָסן פון דער א. ק. קיין „יידישע״ מאָמענטן ווערן דאָ צוליב פאַרזיכטיקייט נישט דערמאָנט. דאָס באַווייזן זיך פון די זכרונות האָט אָבער אַרויסגערופן אַ רייִ פּראָטעסט־שטימען, אין דער פאָרם פון בריוו אין רעדאַקציע. פיל פון די בריוו־שרייבער זענען געווען טוער פון פּוילישן אונטערערד און זיי שטרייכן אונטער דעם באַנדיטישן און רויבערישן כאַראַקטער פון דער נ. ס. ז.־טעטיקייט, ווי אויך זייער צוזאַמענאַרבעט מיט די דייטשן. גלייכ־צייטיק האָט אַ יידישער קאָרעספּאָנדענט געשטעמפּלט אין אַ בריוו אין דער רע־דאַקציע, די מאָרדן וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן איבער דער יידישער באַפעל־קערונג. ווי אַן ענטפער אויף די בריוו האָבן זיך באַוויזן די אַרטיקלען פון זשו־כאָווסקין און אַ צווייטן נ. ס. ז.־מאַן, ווי זשביק־קאַניעווסקי, וועגן וועלכע מיר האָבן פריער דערמאָנט (די דאָזיקע אַרטיקלען זענען פאַרעפנטלעכט געווען אין „קולטוראַ״, נומ. 36־10, פּאַריז 1950).

דער געוועזענער אָנפירער פון נ. ס. ז. זשוכאָווסקי, אין זיין ענטפער אויף דעם פאָרוואורף, אַז נ. ס. ז. האָט געמאָרדעט ייִדן, שרייבט (אין יאָר 1950) נישט מער און נישט ווייניקער אַזוי: (ווערטלעך!) „דאָס ייִדישע פאָלק האָט בעת די פאַרפאָלגונגען אָפּגעפּילט דעם טיפן מיטגעפיל פון דער גאַנצער פוילישער געזעלשאַפטלעכקייט און דעריבער זענען זעלנער פון נ. ס. ז. אין די אָפּטיילונגען פון נ. ס. ז. (אַנאַלאָגיע צום פוילישן מיליטער) געווען אויך ייִדן. צווי, למשל, זענען געווען אין דער אָפּטיילונג פון זשוב. איינער איז געפאַלן הינטער קאָמיעננאַ גורע אין קאַמף מיט די דייטשן. דער צווייטער איז דורכגעגאַנגען מיט דער שוויענטאָקזשיסקער בריגאַדע די גרענעץ און איז דערגאַנגען ביז פּילזען. עס זענען אָבער אויך געווען ייִדישע באַנדיטן. צום ביישפּיל: אַ פּריצישער הויף אין באַראַנאָוו, לוקאָווער ראַיאָן, איז באַפאַלן געוואָרן דורך אַן עכט-ייִדישער באַנדע, די איינוווינער זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן, דער הויף אונטערגעצונדן (אין ווינטער 4-1943)". אַן אַנדערער אָנפירער פון נ. ס. ז. זשביק־ קאָניעווסקי האַלט אויך, אַז די פאָרוואורפן וועגן מאָרדן ייִדן דורך דער נ. ס. ז. זענען „אינסינואַציעס". ער דערמאָנט אויך די „ייִדישע באַנדעס" און ייִדישע קאָמוניסטישע אָדער קאָמוניזירנדיקע אָפּטיילונגען כדי צו געבן צו פאַרשטיין, אַז אויב עס זענען געווען פאַלן פון מאָרד, זענען זיי נישט אויסגעפירט געוואָרן איבער ייִדן, נאָר איבער באַנדיטן, אָדער קאָמוניסטן. „איך לייקן נישט — שרייבט ער ווייטער — אַז עס זענען אפשר געווען ספּאָראַדישע פאַלן פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן, געוויסע אָפּטיילונגען — פירער — אָבער דערפאַר קען נישט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט די אָרגאַניזאַציע, אָדער די געזעלשאַפט, ווייל דאָס איז דאָך געשען אין אומנאָרמאַלע צייטן און באַדינגונגען". לסוף האָט אויך ער, ווי אַ מוסטער, אַ ייִד דר. ק. (אַ מעדיצינער) וואָס האָט געדינט אין זיין אָפּטיילונג. „כ׳האָב אים אויפגענומען אין דעצעמבער 1943. ער האָט געגנאָסן פון פולער שוץ, פרייהייט און איז טראַקטירט געוואָרן צו גלייך מיט אַלעמען. דר. ק. האָט געוווסט, אַז ער איז אין אַן אָפּטיילונג פון נ. ס. ז. ער האָט באַנדאַזשירט די פאַרוווּנדעטע, איז געווען ביי די גוטע זעלנער". פאַרזיכערנדיק זיך אויף צו פריִער קעגן דעם פאָרוואורף, אַז דר.

ק. איז געווען נויטיק, שרייבט קאַניעווסקי: „א, ניין! ווייל ווען דר. ק. איז אין 7טן מערץ 1944 פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער רעכטער האַנט פון אַ דייטשער קויל האָט ער פון מיר באַקומען אַ באַזונדערע שוץ און זאָרג. כאָטש עס איז באַוווּסט געווען, אַז נאָכן אויסהיילן זיך וועט דר. ק. מער נישט קענען דינען אין דער אָפּטיילונג — וואָס ס'איז טאַקע אַזוי געווען. כ'האָב זיך נישט אָפּגעשטעלט, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן און מיטן לעבן פון פיל מענטשן צו ברענגען אַ דאָקטער — אַ כירורג פון אַ דערנעבנדיק שטעטל כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַ ייִד".

טראָץ דעם אַלעם (ווי ער וואָלט צו פריִער געפילט, אַז מען קען נישט פאַרטויבן די אַלגעמיין באַקאַנטע פאַקטן) ווידמעט דער אויטאָר אויך אַ לענגערן אָפּזאַץ די ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די דערפער. און דאָ (קעגן זיין ווילן) גיט ער אַ ריכטיקן אַריינבליק אין דער דאָזיקער נ. ס. ז.־טישער „טעטיקייט". ער טייטשט נעמלעך אויס, אַז אַזעלכע „מעלינעס" זענען דורך די דייטשן (אַ דאַנק די מוסרים) אַנטדעקט געוואָרן און דאָס אַנטדעקן זיי האָט געבערענגט מיט זיך די אויסמאָרדונג פון דער גאַנצער פוילישער משפחה, וואָס האָט די ייִדן באַהאַלטן און אָפטמאָל אַפילו (לויטן פּרינציפּ פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט) איז דאָס גאַנצע דאָרף פאַרברענט געוואָרן דורך די דייטשן. דער אַנטדעקטער ייִד האָט פאַרראַטן, ווו ער האָט זיך באַהאַלטן... (פון נקמה אָדער אין דער האָפענונג, אַז מ'וועט אויף אים רחמנות האָבן — שרייבט ק.) א. אַ. וו. אַנדערש גערעדט הייסט עס, אַז נ. ס. ז. האָט געמאָרדעט ייִדן, וועלנדיק אויסהיטן די פּויערן פון אַזעלכע עווענטואַליטעטן. ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס מען זאָל דאָ מער באַוווּנדערן: דעם ציניזם, אָדער די גרינגשעצונג פאַרן לייענער? ס'איז נישטאָ קיין שום גרונט צו דיסקוטירן מיט די דאָזיקע „אַרגומענטן". די דאָזיקע גאַנצע פאַרטיידיקונג איז גאָר אַן אַליין־באַשולדיקונג. אַן ענטפער גיט איבעריקנס דער בריוו פון יאַן לעדניצקי — אַ פּאָליאַק, אַ קעמפער פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ". (דער בריוו איז געדרוקט אין דעם זעלביקן נומער „קולטוראַ", ד. ה. נאָך איידער לעדניצקי האָט זיך באַקענט מיט די לעצטע „אויספירן" און איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם ערשטן אַרטיקל). וואָס נוגע דער כלומרשטער זאָרג פון נ. ס. ז. לגבי דער דאָרפישער באַפעלקערונג און דאָס באַקעמפן

דעם באַנדיטיזם, שרייבט ער וועגן די ביישפּיללאָזע, אין זייער ווילדקייט און ברוטאַלקייט, אָנפאַלן, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן דורך נ. ס. ז. איבער דער דאָזיקער באַפעלקערונג (ער ברענגט דערביי אַ ריי פאַקטן). אין אַן אַנדער אָרט שטעלט ער פעסט: „נ. ס. ז. האָט פאַקטיש געמאָרדעט יידן וואָס האָבן זיך באַהאַלטן פאַר די דייטשן. ס'וואָלט נישט שווער געווען צו געפינען עדות". ער גיט צו פולשטענדיק גערעכט אַלע פאָרווורפן אויף דעם געביט. דער זעלביקער יאַן לעדניצקי, ברענגט צום סוף באַווייזן פון נ. ס. ז.־צוזאַמענאַרבעט מיט די דייטשן. „איך גיב זיך... אָפּ אַ דין וחשבון... אַז דאָס זענען נישט סתם קיין פאָרווורפן, נאָר איך האָב זיי אָנגעשריבן מיטן פולן באַוווסטזיין".

לסוף — אַ באַמערקונג וועגן יענע יידן — וואָס זענען געווען זעלנער אין נ. ס. ז.: די נאָטיצן וועגן זיי זענען אין דעם פאַל אויף אַזויפיל איבערראַשנדיק אויף וויפל (משפּטנדיק לויטן טעקסט) פון קיין שום צד איז נישט אַריינגעגאַנגען אין חשבון די אומבאַוווסטקייט 1). די געגעבענע יידן האָבן געוווסט הייסט עס, אַז זיי דינען אין דער נ. ס. ז. און די נ. ס. ז. האָט געוווסט, אַז דאָס זענען יידן. איך בין זיך מודה, שטיצנדיק זיך אויף מיין קענען די „קלימאַטן" פון דער אונטערערד (און איך האָב דאָך זיי געקענט נישט ווי אמערגסטן) אַז עס איז מיר גענוג שווער זיך פאָרצושטעלן די דאָזיקע אידיליע. און איך שטעל זיך פאָר, קעגן מיין ווילן, ווי אַזוי דאָס האָט אויסגעזען אין דער טאָגטעגלעכקייט (כ'וועל זיך דערלויבן צו באַנוצן מיט דעם טערמין) מיט דעם גאַנצן „חסד פון אינווענטאַר". כאָטש דאָס הייסט נישט, אַז איך באַטראַכט די פאַקטן גופא פאַר אויסטערליש. פאַרקערט: אין דער פּיראַמידע פון צעמישונג איז אַלץ מעגלעך געווען. (סוף כל סוף האָבן די ס. ס.־לייט אויך געהאַט „זייערע" יידן, וועלכע זיי האָבן געשטיצט כל זמן זיי האָבן געקענט, און דאָס נישט בלויז יידן־פאַרעטער. חוץ דעם זענען דאָך דאָס געווען צייטן ווען די „אינטערפּרעטאַציע" פון פּראָגראַם איז אָפּהענגיק געווען פון יחידים. ס'איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער אָנפירער פון אַ געוויסער אָפּטיילונג 2)

1) וועגן אַזעלכע פאַלן ווערט גערעדט אין קאַפּיטל וועגן יידן אין דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג.

2) אין דעם פאַל גייט עס וועגן דעם דערמאָנטן קאַניעווסקי. משונהדיק שוין דערמיט, וואָס זיין בריוו, טראָץ די פראַזן, באַווייזט, אַז ער איז נישט נאָר אַ דע־

האָט זיך אינטערפּרעטירט געוויסע אויסנאַמען. צי קען אָבער אַזאַ ספּאָראַ־דישער פאַל זיין אַ באַווייז?

וואָס נוגע מיר, אינטערעסירט מיך נאָך אַן ענין: דעם וואָס קאָניעווס־קי צעפּירט זיך אַזוי וועגן זיין זאָרג איבער דעם פאַרוווּנדעטן ייִד. אַן אָנ־פירער וואָס מיינט, אַז ס'איז צו זיין לויב, אויב ער האָט נישט דערמאָרדעט זיין זעלנער ווען יענער איז (אַלס זעלנער) פאַרוווּנדעט געוואָרן, נאָר פאַר־קערט, האָט געזאָרגט וועגן אויסהיילן אים — דאָס אַליין זאָגט שוין גענוג. עס זאָגט וועגן די צייטן פון פאַראַכטונג.

די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע, אין אירע פּילצאָליקע (און תמיד אויסטער־לישע) געשטאַלטן איז געווען (ווי שוין דערמאָנט) אַ גאָר וואָגיקער פאַק־טאָר אין דעם פאַרלויף און אין רעזולטאַט פון די באַשריבענע דערשיי־נונגען. אָבער: די זעלביקע פּראָפּאַגאַנדע האָט דאָך גלייכצייטיק געווירקט אויך אין אַנדערע אָקופּירטע לענדער. אויך דאָרט האָט זי גורם געווען געוואַלטיקע מאָראַלישע און פיזישע פאַרוויסטונגען, אויך דאָרט האָט זי איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ טרויעריקע ירושה. אין ערגעץ האָט זי אָבער נישט דערגרייכט אַזעלכע רעזולטאַטן ווי אין פּוילן. דאָ, און דאָס אַקוראַט אין אַ „לאַנד וואָס האָט נישט געהאַט קיין קוויסלינג" (ד. ה. אַ לאַנד וואָס האָט אָפּגעזאָגט די פּאָליטישע מיטאַרבעט מיטן דייטש) האָט די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע געהאַט פאַר זיך, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַן אויסערגעוויינטלעך נאָכגיביקן באָדן.

עס זענען נישט נויטיק קיין לאַנגע אויפקלערונגען כדי צו פאַרשטיין,

מאָראַליזירטער אַנטיסעמיט, נאָר אויך... אַ ציניקער. ער לייקנט נישט, אַז נאָך דעם ווי די סאָוויעטן זענען אַריין קיין פּוילן האָבן די „אָנפירער פון די פּאַרטיזאַ־נישע אָפּטיילונגען" און אויך ער אַליין ראַדיקאַל געביטן זיין באַציאונג צו ייִדן. וואָס דאָס באַדייט, וועלן מיר פאַרשטיין, ווען מיר וועלן געדענקען, אַז די ווערטער קומען אין שייכות מיט די פאָרגעוואָרפענע מאָרדן איבער ייִדן. קאָניעווסקי באַמיט זיך איינצורעדן, אַז די דאָזיקע „ענדערונג פון באַציאונג" איז פאָרגעקומען צוליב דער פּראָ־סאָוויעטישער אָריענטאַציע פון די ייִדן. דאָס זאָגט ער, איז פאָרגעקומען נאָך דער מלחמה, אָבער חס וחלילה נישט בעת דער אָקופּאַציע. צו־פריער אָבער פאַרופט ער זיך איבער אויף דעם זעלביקן חטא פון די ייִדן אין די לעצטע חדשים פון 1939. וואַרשיינלעך האָט ער דערמיט מאָטיווירט די „געענדערטע באַציאונג" בעת דער אָקופּאַציע.

אַז די דאָזיקע טראַגישע „נאָכגיביקייט" (אויף דעם געביט) האָט געהאַט אירע וועזנטלעכע סיבות. און נעמלעך די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג האָט אין פּוילן געהאַט אירע אייגענע, לאַנגע און גאָר נישט קיין שיינע טראַדי־ציעס. די פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן וואָס אַן אמת ליב געהאַט צו באַטאָ־נען, אַז זיי „זענען ווייט פון נאָכמאַכן פרעמדע (אין דעם געגעבענעם פאַל — דייטשע) מוסטערן". דאָס האָט זיי אָבער נישט געשטערט דערצו, אַז גראָד אין די יאָרן פון פאַר דער מלחמה זאָל די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַ־גאַנדע אין פּוילן אָננעמען וואָס אַמאָל בולטערע היטלעריסטישע פאָרמו־לירונגען און מעטאָדן. (ווי מיר ווייסן זענען צוליב דעם אַפילו פאָר־געקומען מחלוקת אין דער „משפחה" — צווישן די אַנטיסעמיטן פון „אַלטן" און „נייעם" טיפּ).

די צאָל פון אַנטיסעמיטישע צייטונגען (וואָס איז תמיד געווען גרויס) האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט. דאָס זעלביקע איז נוגע דער צאָל אַנטיסע־מיטישע פּובליציסטן.

ווער פון זיי זענען אָבער געווען די פירנדיקע? מען וועט נישט מאַכן קיין גרויסן פעלער ווען מען וועט אויסרעכענען דריי נעמען: אַדאָלף נאָוואָ־טשינסקי, סטאַניסלאַוו פּיאַסעצקי און יאַן מאָסדאָרף 1).

אַדאָלף נאָוואָטשינסקי, אַ באַקאַנטער אויטאָר פון דראַמאַטישע ווערק, איז געווען אַ געבוירענער פּאַמפלעטן־שרייבער און דאָס אפשר דער פעיִקסטער אויפן גאַנצן שטח פון דער פּוילישער ליטעראַטור. זיינע אַר־טיקלען האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ כסדרדיקע קייט פון אָנפאַלן. עס איז אין זיי נישט געווען קיין אויספיר, קיין ארגומענטן, נאָר אַ שטורמישע זידלעריי, וואָס האָט דירעקט געטראָפן דעם קעגנער, אָן איבערקלייב פון מיטלען. מען קען זאָגן: דאָס איז געווען דער עליקסיר פון האַס. דערצו האָט אים גוט געדינט זיין ספּעציעלער סטיל — אַ סאַרקאַסטישער שריי־ענדיקער און באַוווסטזיניק גאָסיקער, איבערגעפּולט מיט בייזוויליקע קאַ־לאַמבור. די הויפּט־טעמע פון זיינע שרייבערישע „העלדנטאַטן" זענען געווען ייִדן און ס'איז נישט געווען קיין אַנטיסעמיטישער שקר, וואָס נאָוואָטשינסקי האָט אים נישט געזאָלט באַנוצן. אַזוי אַרום זענען זיינע

1) אַלע דריי זענען אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע.

אַרטיקלען (אין משך פון צענדליקער יאָרן) געוואָרן דער אמתער ברונעם פון אַנטיסעמיטישן גיפט. און האָט אָט דער זעלביקער נאָוואָטשינסקי בעת דער מלחמה געביטן זיין איינשטעלונג און גרינטלעך: פון אַ ייִדן־פרעסער איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אין אַ דעקלאַרירטן „פילאָסעמיט״ 1).

סטאַניסלאַוו פּיאַסעצקי, איז פאַר דער מלחמה געווען דער גרינדער און שעף־רעדאַקטאָר פון ליטעראַריש געזעלשאַפטלעכן וואָכנבלאַט „פּראָס־טאַ ז׳מאָסטו״, וואָס איז געווען די טריבונע פון „מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם״ מיט אָפענע סימפּאַטיע פאַר היטלערן און דעם היטלעריזם. אין קעגנזאַץ צו די אַנטיסעמיטן פון „אַלטן טיפּ״ האָט ער שוין אָפּערירט מיט „ראַסן״־באַגריפן און האָט אַפילו געשאַפן די טעאָריע פון „פּסיכישן ראַסיזם״. אין דער ריכטונג האָט ער געווירקט אַלס פּובליציסט און אַלס רעדאַקטאָר. ער האָט געזאַמלט אַרום זיך און געדרוקט די אַרטיקלען פון אַלע „מאָדער־נע״ אַנטיסעמיטישע פּובליציסטן. ער האָט געלאָזט איבערזעצן און גע־דרוקט די ווערק פון ייִדן־פרעסער פון אויסלאַנד. אויף די שפּאַלטן פון זיין וואָכנשריפט האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען, וואָס האָבן געלויבט די מעשה זבאַנשין (ווען די היטלעריסטן האָבן אין איינער אַ נאַכט אַריבער־געוואָרפן איבער דער גרענעץ טויזנטער ייִדן, פּוילישע בירגער, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געלעבט אין דייטשלאַנד) וואָס אַלע אַנדערע פּוילישע צייטונגען, אַפילו אַנטיסעמיטישע האָבן פאַראורטיילט. ער האָט אויך פאַר־עפנטלעכט ענטוזיאַסטישע אַרטיקלען וועגן היטלעריסטישן טאָטאַליטאַ־ריזם. האָט געלאָזט איבערזעצן און געדרוקט דאָס בוך פון פראַנצויזישן אַנטיסעמיט (און שפּעטערדיקן קאָלאַבאָראַטאָר) פ. סעלין. בעת דער אָקו־פּאַציע האָט דער זעלבער פּיאַסעצקי (וואָס איז אַ ביסל שפּעטער אַרעס־טירט און דערמאָרדעט געוואָרן דורך די זעלביקע היטלעריסטן, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק רעקלאַמירט) זיך אַנטקעגנגעשטעלט — און דאָס אַקטיוו — קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. עס זענען פאַראַן צ. אַ. (קאָנטראָליר־טע, נישט צווייפלהאַפטע) באַווייזן, אַז שוין אין די ערשטע חדשים פון דער אָקופּאַציע, ווען די דייטשן האָבן אָנגעשטעלט אַ באַנדע פּוילישע

1) הגם ווי ס׳האָט שפּעטער אַרויסגעוויזן דער באַקאַנטער געריכטס־פּראָצעס, האָט ער אַליין געהאַט אַ יידישע באָבע.

אויסוווּרפן צו ראַבעווען ייִדישע געשעפטן איז פּיאַסעצקי זיי נאָכגעלאָפן און באַשווירן זיי זאָלן עס נישט טון.

דער דריטער פון די אויסגערעכנטע — יאַן מאסדארף — איז פאַר דער מלחמה געווען דער „פירער" און טעאָרעטיקער פון „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלן" לאַגער („א. נ. ר.") ד. ה. פון דעם לאַגער וועלכן עס האָט מער נישט אַנטשפּראָכן דער „אַלטער" אַנטיסעמיטיזם, און וועלכער האָט פּראָקלאַמירט אַ „נייעם" אַנטיסעמיטיזם — אַ היטלעריסטישן. דער זעלביקער יאַן מאסדארף האָט זיך געפונען בעת דער מלחמה אין אַשוויענטשימער לאַגער. דאָרט האָט ער געשלאָסן אַ מין „נישט אַגרעסיע אָפּמאַך". ער האָט נישט אויפגעהערט צו זיין קיין אַנטיסעמיט. ער האָט אָבער פאַראורטיילט די דייטשע פּראַקטיק און האָט זיך פאַרפליכטעט (לגבי דער דעמאָקראַטישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע) אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון זיינע אָנהענגער, נישט צו מאַכן קיין אונטערשיד צווישן ייִדישע און נישט ייִדישע אסורים. (אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט עס געהייסן נישט מאַכן קיין אונטערשיד אין געבן הילף).

ס'וואָלט נישט שווער געווען אויסצורעכענען אַנדערע נעמען פון אַנטיסעמיטישע פירער, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַן ענלעכע עוואָלוציע.

אין אָט דעם „תשובה־טאָן" (וואָס איז פאַרשטענדלעך פון דער ציטירטער טעאָריע פון טשיאלקאָשן וועגן „איין און דעם זעלביקן קאַמף קעגן בשותפותדיקן שונא" — שוין נישט רעדנדיק וועגן ריין מענטשלעכע מאָמענטן) וועט נישט איינער קענען זען אַ פּאָזיטיוון שטריך און „אַ ציייגעניש דעם אמת". צי איז אָבער אין דער אמתן אַזוי?

נאָר אין דער פּערזענלעכער אויסמעסטונג! נאָר אין דער אינדיווידועלער אויסמעסטונג! דאַקעגן אין דער געזעלשאַפטלעכער און היסטאָרישער אויסמעסטונג (און וועגן איר גייט דאָך דאָ) האָבן די דאָזיקע, אַן און פאַר זיך פּאָזיטיווע, ענדערונג אַ טיוולאָנישע אויספּראַך.

דאָס זענען דאָך טאַקע זיי, אין דער גרעסטער מאָס, געווען די „בויער" פון די שטימונגען, וואָס האָבן איצט, בעת דער אָקופּאַציע געגעבן אַזעלכע רעזולטאַטן. זיי אַליין, אָבער, ווען זיי זענען געשטעלט געוואָרן פנים על פנים מיט דער רעאַליזירונג פון זייערע געפּרעדיקטע טעאָריעס האָבן זיי זיך דערשראָקן און צוריק געצויגן. זיי האָבן אַפילו

אַנטקעגנגעווירקט זייערע אַמאָליקע טעאָריעס. אָבער די דאָזיקע אַנטקעגנ־ווירקונג האָט שוין בלויז געקענט האָבן אַ פּערזענלעכע, אינדיווידועלע אויסמעסטונג. זייער „אידעען“, וועלכע זיי האָבן אין משך פון אַזוי פיל יאָרן, און מיט אַזאַ דערפאָלג, פּראָפּאַגאַנדירט, די זעלביקע „אידעען“, וועלכע זיי האָבן איצט אָנערקענט פאַר פאַלש און שעדלעך — האָבן איצט אָנגעשטעקט די ברייטע מאַסן. הונדערטער פון זייערע לייענער און אָנ־הענגער האָבן אונטער דעם איינפלוס פון דער נייער ווירקלעכקייט דורכ־מאַכט זייער „עוואָלוציע“ — אָבער שוין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג און נעמלעך: פון פאַרברעכערישע אָנשויאונגען צו פאַרברעכערישע טאָטן. טויזנטער אַנדערע, כאָטש זיי האָבן דירעקט נישט „צוגעלייגט קיין האַנט“ צו די פאַרברעכערישע אַקטן האָבן פונדעסטוועגן געהאַט פאַר זיי אַ פאַר־שטענדעניש. דאָס לעצטע האָט טאַקע געבראַכט דערצו, אַז די מערדער זאָלן זיך „פילן ווי ביי זיך אין דער היים“. אַזאַ איז די פּאַקטישע אויס־שפּראַך פון דעם דאָזיקן „תשובה־טאָן“.

IV

דער ראט פון הילף פאר ייִדן

אין דעם קלימאַט וואָס האָט זיך מיט דער צייט באַפעסטיקט, איז די סיטואַציע פון מענטשן מיט גוטן ווילן (אַפילו אין אונטערגרונט, אַפילו אין רעגירונג־אַפּאַראַט) געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער. אַנשטאָט פאַרלאַנגען דאָס רעאַליזירן פון פאַר זיך אַליין פאַרשטענדלעכע, פּרינציפּן — האָבן זיי זיך געמוזט רעכענען מיט שוין פעסטגעלייגטע שטימונגען. אויסזוכן זיך אַ טאַקטיק. אויסמיידן „עמפּינדלעכקייטן". אין קאַמף מיט דער פּלאָג פון מסירות און שאַנטאַזשיסטן, האָט די אונטערערדישע מאַכט אַרויסגעגעבן אַ ריי אורטיילן. די אורטיילן — פּונקט ווי אַנדערע — זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין דער געהיימער פּרעסע. צווישן זיי זענען געווען אויך טויט־אורטיילן. דאָס פאַרעפנטלעכן אַן אורטייל האָט פאַרשטענדלעך געהאַט אַ דערציערישן און פּראָפילאַקטישן זין. אָבער... בכדי פאַרמיידן אַ צו שטאַרקע רעאַקציע, האָט מען אַרויסגעגעבן די אורטיילן אויף אַזעלכע פאַרברעכער וואָס האָבן אויף זייער געוויסן געהאַט נאָך אַנדערע פאַרברעכנס. די מאָטיוון פון אורטייל האָבן געזאָגט, אַז דעם פאַרשוין האָט מען פאַראורטיילט פאַר „מיטאַרבעט מיט דייטשן, אויסגעבן צו דער געסטאַפּאָ פּוילישע אונטערגרונט־עסקנים א. אַ. וו. א. אַ. וו., און פאַר אויסגעבן פּוילישע בירגער פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט. ייִדן זענען נאָר געווען אַ צוגאָב, און דער פאַרברעכער האָט סיי ווי פאַרדינט אַ קויל אין פּיסק. דערפאַר האָט טאַקע פאַרלוירן איר קראַפט די אויסשפּראַך פון אורטייל.

דאָס אַלץ מאַכט נישט קלענער די פאַרדינסטן פון מענטשן פון גוטן ווילן — סיי צווישן דער ציווילער באַפעלקערונג און סיי צווישן פּאָליטי־

שע עסקנים. להיפך. דאָס דערהייבט זיי. צוליב די געשאַפענע באַדינגונגען איז זייער טעטיקייט נישט געווען בלויז שווערער, אָבער פאַרבונדן מיט גרעסערע געפאַרן, יעדער שריט האָט געדראָט מיט געפאַר.

אין דער העלפט אָקטאָבער 1942 האָט אַ גרופּע פּאָליאַקן (צווישן זיי זאָפיאַ קאָסאַק־שטשוצקאַ, קראהעלסקאַ־פיליפּאָוויטש, טשעסלאַווא־וואַיענסקאַ) געגרינדעט אַ קאָנספּיראַטיוון „ציטווייליקן קאָמיטעט פון הילף פאַר ייִדן". גלייכצייטיק זענען זיי אַרויסגעטרעטן מיט דער איניציאַטיוו צו גרינדן אַן אַלגעמיין־פּוילישן „ראַט פון הילף פאַר ייִדן". וועגן דעם פּראָיעקט האָט מען געמאָלדן דעם דעמאָלטדיקן רעגירונג־דעלעגאַט אויף פּוילן, פּראָפ. יאַן פּיעקאַלקיעוויטש, וועלכער האָט אים אונטערשטיצט. דער ראַט איז געגרינדעט געוואָרן סוף 1942. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט מען אים גערופן: רעסאָרט „זשעגאָטאַ" 1). עס זענען דאָרט אריין פאַרשטייער פון די קאָנספּיראַטיווע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס (סאָציאַליסטן, פּויערן און דעמאָקראַטן) און פון ייִדישע (דער „ייִדישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט" און „בונד"). דאָס פּרעזידיום פון ראַט האָט זיך קאָנסטיטויִרט אויף פאָלגנדיקן אופן: פּרעזעס: — יוליאַן גראָבעלני (פּסעוודאָנים: „טראָיאַן" און „יוליאַן", פּ. פּ. ס.); וויצע־פּרעזעס: טאַדעוש רעק (אַדוואָקאַט, פּסעווד. „רוזשיצקי" און „סלאַווינסקי"; — פּויערן פּאַרטיי) און לעאָן פיינער (אַדוואָקאַט, פּסעווד. „מיקאָלאַי" און „לאַסאָצקי"; בונד); סעקרעטאַר אַדאָלף בערמאַן (פּסעווד. „באָראָווסקי" און „אַדאַם"; יי. נ. ק.); קאַסירער: מאַרעק ארטשינסקי (פּסעווד. „מאַרעק" און „סוקאָמסקי"; „פּויל. דעמאָק. פּאַרטיי"). צום ראַט האָבן נאָך געהערט: אינזש. עלזשביעטא וויזשאָוואַ (פּסעווד. „עלזשביעטאַ"; דעמאָקר. פּאַרטיי) און פּיאָטר גאַיעווסקי (פּסעווד. „סטשאַלקאָווסקי" פון פּ. פּ. ס.). די קאַטוילישע גרופּע פון „פראָנט פאַר אויפלעבן פּוילן" (פראָנט אָדראָדזעניאַ פּאָלסקי) האָט נישט אָפיציעל רעפּרעזענטירט, וויטאָלד ביענקאָווסקי (פּסעווד. „יאַן" און „קאַלסקי") און זיין פאַרטרעטער, וולאַדיסלאַוו באַרטאָשעווסקי (פּסעווד. „לודוויק"); די „פּוילישע סאָציאַליסטן" — סטעפאַן סענדלאַק (פּסעווד. „סטעפאַן"). די פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע פון ביוראָ־לייטער האָבן די גאַנצע צייט אויסגע־

1) פונקט אַזוי ווי אנשטאט „יידן" האָט מען געזאָגט „טשענסטאָכאָוואַ".

פירט: זאָפיאַ רודניצקאַ (פסעווד. „אליציאַ") און יאַנינאַ וואַנסאָוויטש (פסעווד. „עוואַ"). דער פאַרבינדונג־מאַן צווישן „זשעגאָטאַ" און דער רע־גירונג־דעלעגאַטור איז געווען וויטאָלד ביענקאָווסקי (וואָס איז גלייכצייטיק געווען דער לייטער פון „יידישן רעסאָרט" אין דער „דעלעגאַטור") און — ווי זיין פאַרטרעטער — וול. באַרטאָשעווסקי. צו דער רעוויזיע־קאָמיסיע האָבן געהערט „מיקאָלאַי" און „רוזשיצקי" 1). די הויפט באַ־מיונגען פון „זשעגאָטאַ" זענען באַשטאַנען אין אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיט באַהאַלטענע יידן און געבן זיי הילף. די הילף איז באַשטאַנען אין א) געפינען פאַר די יידן מעגלעך גוטע דירות, ב) געבן זיי רעגולער מאַטע־ריעלע הילף. די הויך פון דער געלט־הילף איז געווען אָפּהענגיק פון די פינאַנסיעלע מיטלען פון „ראַט" און איז באַשטאַנען פון 400־1.000 זלאָ־טעס — אַ חודש (לויט דעמאָלטיקן קורס אויפן „שוואַרצן מאַרק" — פון 5 ביז 10 דאָלער), ג) אויסצאָלן גרעסערע סומעס אין שווערע אויסאָרדנט־לעכע פאַלן (פלוצים אַוועקפאָרן, קראַנקהייט וכדומה), ד) באַזאָרגן יידן מיט פאַלשע „פאַפּירן", ה) איבערגעבן יידישע קינדער אין פּוילישע בתי־יתומים, היימען, קלויסטער, פּריוואַטע הייזער א. אַ. וו.), ו) הילף דורך היימישע דאָקטוירים און צושטעלן נויטיקע מעדיקאַמענטן.

צוגלייך מיט דעם וואָס עס איז שוין דאָ געזאָגט געוואָרן אין שייכות מיט דער אַרבעט פון „קאָאָרדינאַציע קאָמיטעט", ווי אויך פון דעם פאַר־געשטעלטן צוזאַמענשטעל פון „ראַט", ווערט שוין קלאָר די ווירקזאַמקייט פון די געמיינזאַמע באַמיונגען — און אַז די מיטבאַטייליקונג פון „ראַט" איז געווען גרויס און וואָגיק.

ווי אַ פּרט, וואָס האָט זיין אויסשפּראַך, איז כדאַי דאָ אונטערצו־שטרייכן, אַז דריי מאָל אין דער וואָך, צו אַ פּאָר שעה, איז געווען טעטיק דער... סעקרעטאַריאַט פון ראַט. „תמיד האָט מען דאָרט געקענט טרעפן די פרוי „אַליציאַ", אָדער די פרוי „עוואַ", וואָס האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט אַ סך „קאָנטאַקטן" און אַלע אָרגאַניזאַציאָנעל־הילפס־פעדים... די צאָל פון די סעקרעטאַריאַט־דיזשורן, וועלכע „אַליציאַ", „עוואַ" א. אַ. האָבן אַדורכגעפירט — האָט אויף זיכער איבערגעשטיגן (במשך צוויי יאָר

1) פאַרגלייך דאָס אַרטיקל פון טאַדעוש רעק: „אין די טעג פון מפּלה און רום". (פּראַוואָ טשלאָוויעקאַ, נר. 1").

„זשעגאָטאָ“־טעטיקייט) די צאָל 250“. אַ חוץ דעם האָט דער „ראַט“ געהאַט דורכשניטלעך אין חודש 2־4 קאָנספּיראַטיווע זיצונגען. אין יעדער זיצונג האָבן אָנטיילגענומען 7־10 מענטשן.

טראָצדעם איז קיין שום לאָקאַל און קיין שום קאָנפערענץ קיין איינמאָל נישט אַריינגעפאַלן. באַמערקט טאַקע ריכטיק — ציטירנדיק די אויביקע פראַגמענטן — טאַדעוש רעק: דאָס איז געווען אַ באַווייז פון דעם גרויסן אידעיִשן און מאָראַלישן ווערט פון דעם מענטשן־קאָלעקטיוו וואָס האָט געפירט דעם „הילף־ראַט“.

יעדער פון די ראַט־מיטגלידער האָט אין זיין קרייז געהאַט אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיט די באַהאַלטענע ייִדן. אַ חוץ די אויבן־אויסגערעכנטע זענען אויך דאָ שטאַרק אַקטיוו געווען: יוזעף גרודזינסקי (מיטגליד פון „צענטראַלנע קיעראָווניצטוואָ רוכו לודאָוועגאָ“; פּסעווד. „קוויאַטקאָווסקי“, דערמאָרדעט אין טשערניאַקאָוו בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד 1944), באַרבאַראַ פּאָניאַטאָווסקאַ (הויפּט־פאַרבינדלערין פון די „באַטאַליאָני כלאָפּסקיע“, פּסעווד.: „גראַזשינאַ“, דערמאָרדעט בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד 1944), זיגמונט אָבערעק (אַדוואָקאַט, דערמאָרדעט שפּעטער אין קאָנצענטראַציע לאַגער), וואַנדאַ רעקאָווא (פאַרבינדלערין), הענריק און יאַנינאַ אַדאַמסקי. אין דער וווינונג פון די לעצטע איז געווען דאָס אַ. ג. „קעסטל“ (ד. ה. — קאָנטאַקטירונג־פּונקט). אומאָפּהענגיק דערפון האָבן דאָרט געוווינט דריי ייִדן (אַ מאַן און צוויי פרויען — וואָס האָבן אַזוי אַרום איבערגעלעבט די אָקופּאַציע).

די אַקציע פון „זשעגאָטאָ“ האָט אין וואַרשע באַנוצט זיך נאָך צ. אַ. מיט פאָלגנדיקע לאָקאַלן: טשעטשאָטאַ גאַס, זשוראַוויאַ 24אַ (ביי פרוי וואָנסאָווסקאַ), האָזשאַ, פולאַווסקאַ 14אַ, ליפּאָווא, מיאָדאָווא, נאָאַקאָווסקיעגאָ, מאַרשאַלקאָווסקאַ 74, שוסטעגאָ שיערפּניאַ 21 (ביי דר. מאַרקאָווסקי), כלאָדנאַ (ביי די שוין פריער־דערמאָנטע משפּחה אַדאַמסקי) א. אַ. וו.

מען האָט אויך געגרינדעט אָפּטיילונגען אין קראָקעווער און לעמבערגער קרייז. צום גרינדן אַזעלכע אָפּטיילונגען אין לאָדזש, ביאַליסטאָק און ווילנע איז נישט געקומען צוליב לאָקאַלע שוועריקייטן. מען האָט זיך באַמיט דאָרט צוצוקומען מיט דער הילף פון שליחים. אויף אַן ענלעכן

אופן האָט מען באַדינט לובלין, ראַדאָם, טשענסטאָכאָוו, סקאַרזשיסקאָ און אַנדערע פּונקטן.

אין קראָקע האָט אַזאַ הילף־אַקציע פאַר די באַדראָטע געפירט — אַ סך פריִער, פאַרן גרינדן דעם „ראַט" — די אונטערערדישע פּ. פּ. ס. (אין דער ריכטונג זענען דאָרט טעטיק געווען יוזעף ציראַנקיעוויטש, נאָכ־דעם זיגמונט קלאָפּאָטאָווסקי — און נאָך זייער אַרעסט — דער שפּעטער־דיקער סעקרעטאַר פון א. ק. ר. פּ. פּ. ס. אַדאַם רישיעוויטש 1); דאָ דאַרף מען אויך אָנרופן דעם נאָמען פון אַלטן סאָציאַליסטישן עסקן, מיעטשיס־לאַוו באָבראָווסקי 2), וואָס במשך די אָקופּאַציע־יאָרן איז ער געווען דער גוטער מלאך פון דער אַרבעט.

אין מערץ 1943 (ד. ה. אין חודש פון דער ליקווידאַציע פון קראָקע־ווער געטאָ) אַנשטייט אין קראָקע דער צווישנפּאַרטייאישער קאָמיטעט פאַר העלפן ייִדן (זיין קיצור „ק. זש."), וועלכער האָט זיך נאָכדעם איינגעשלאָסן אין דעם הויפּט־ראַט פון וואַרשע — און אָנגענומען דעם נאָמען „ר. פּ. זש. קראָקע". אין דעם ראַט זענען אַריין ווי פאָרשטייער פון זייערע פאַר־טייען: צוויי סאָציאַליסטן, איינער פון דער פויערן־פּאַרטיי און צוויי דע־מאָקראַטן. (די קריסטלעכע אַרבעט־פּאַרטיי האָט קודם כל דערקלערט איר אַקציע, אָבער שפּעטער — נישט דיספּאָנירנדיק מיט דער געהעריקער צאָל מענטשן — האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרבעט אין דער קראָקעווער ר. פּ. זש.). פון יולי אָן האָט די קראָקעווער ייִדישע באַפעלקערונג רעפּרע־זענטירט מאַריאַ האָכבערג־מאַריאַנסקאַ 3), וועלכע מען האָט ריכטיק אָנ־גערופן די „נשמה פון קראָקעווער ראַט" און וואָס האָט געקענט בעל־פּה

---

1) דערמאָנט שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. (נענטער אין מיינע פּער־זענלעכע זכרונות אין דריטן טייל פונעם בוך). קאָנספּיראַטיווער פּסעוודאָנים: טעאָדאָר. ער איז געפאַלן דעם 27. 6. 1944 מיט וואפן אין דער האַנט אין קאַמף. מיט נאָך צוויי אַנדערע קעמפער פון פּ. פּ. ס. אויף דער באַן־סטאַציע ריטשוב. נאָך זיין טויט האָט מען די סאָציאַליסטישע קאַמף־גרופּן אָנגערופן מיט זיין פּסעוודאָנים.

2) געשטאָרבן נאָכן קריג אין קראָקע.

3) פאַרן קריג רעדאַקטאָרין פון דער קינדער־ביילאַגע אין „נאָווי דזשיעננִיק". אַ טאַלאַנטירטע שריפטשטעלערין. נאָכן קריג קרייז־לייטערין פון קינדער־רעסאָרט ביים ייִדישן קאָמיטעט אין קראָקע. מחבר פון אַ צאָל וואָגיקע ליטעראַרישע אַר־בעטן. איצט אין ישראל.

אַלע זאַרגן און נויטן פון די אומגליקלעכע״ 1). פּאַרזיצער פון ראַט איז געווען מגר. סטאַניסלאַוו דאַבראַוואָלסקי (פּסעוודאָנים: „סטאַניעווסקי״ — פון פּ. פּ. ס.), סעקרעטאַר — וולאַדיסלאַוו וואַיטשיק (פּסעווד.: „זשעגאָטאַ״ פון פּ. פּ. ס.). די קאַסע־ביכער האָט געפירט אַננאַ דאַבראָוואָלסקאַ (פּסעווד. „מיכאַלסקאַ״ (דעמאָקראַטין). דעלעגאַט פון „דרייעק״ 2) (ד. ה. פון דער פויערן־פּאַרטיי) איז געווען יערזשי מאַטוס. די באַטייליקונג פון אונטער־ערדישן רעגירונג־פּאַקטאָר, פון אָנהויב אָן, האָט אויסגעדריקט דר. טאַ־דעוש סעווערין, וואָס האָט אויך קאָנטראָלירט די ביכער פון דער אָרגאַ־ניזאַציע.

די הילף איז געגאַנגען אין אַ פּאָר ריכטונגען. מען האָט איבערשיקט (לכתחילה דורך אסורים וואָס זענען געגאַנגען צו אַרבעט אין שטאָט, שפּעטער דורך אַ מער־קאָמפּליצירטן אופן) געלט צום נאָענטן לאַגער אין פּלאַשוּוו (הינטער קראָקע). אומאָפּהענגיק דערפון, האָט מען אָרגאַניזירט לעבנסמיטל פאַר די אסורים אויף זייער אַרבעט־פּלאַץ. דער פּאַרזיצער פון ראַט, מגר. דאָבראָוואָלסקי האָט אַפילו צוגעפירט דערצו, אַז דער אייגנ־טימער פון דער (דייטשער) פירמע „מאַדריטש״ האָט צוגעשטעלט אין פּלאַשעווער לאַגער מעל אויף ברויט און באָבעס — און אַ חוץ דעם קאַשע און מעל פאַרן קעסל אין וועלכן מען האָט געקאָכט דאָס מאכל פאַר די אסורים 3). דער „ראַט״ האָט אויך צוגעשטעלט פאַלשע דאָקומענטן פאַר ייִדן אויף „פּאַפּירן״, האָט אַרויסגעהאָלפן מיט געלט און קליידונג סיי די לעצטע און סיי די וואָס זענען געווען ערגעץ באַהאַלטן. מען האָט אויס־געזוכט דירות און מלינות (דער דאָזיקער עול איז געפאַלן לרוב אויף סאָציאַליסטן. פונקט אַזוי האָט דאָס פּ. פּ. ס.־„פאַבריקל״ צוגעשטעלט דעם ראַט די פאַלשע דאָקומענטן).

דורך שליחים האָט מען אויך דערגרייכט די פּראָווינץ. אין אַ טייל

1) טאַדעוש סעווערין: „ברויט און בלוט״ („צום דריטן יאָרצייט פון דער ליקווידאַציע פון קראָקעווער געטאָ״. אַרויסגעגעבן פון דער קראָקעווער היסטאָ־רישער קאָמיסיע.

2) לויטן קאָנספּיראַטיוון שיפר האָבן די פּאַרטייען געהאַט געאָמעטרישע קריפּטאָנימען (אַ קרייז — פּ. פּ. ס.; אַ דרייעק — פויערים־פּאַרטיי; פירעק — בּונד״).

3) פאַרגלייך צ. אַ. די שוין ציטירטע זכרונות פון ד״ר טאַדעוש סעווערין.

פֿאַלן האָט מען צוגעהאָלפֿן „איינאָרדענען" אַנטלאָפֿענע פֿון לאַגער. נאָך מיין צוריקקומען קיין קראָקע, האָט מען די טעטיקייט אויך אויסגעשפּרייט (נעגטער וועגן דעם אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פֿונעם בוך) אויפֿן לאַגער אין לעמבערג (און אויף די מענטשן וועמענס אַנטלויפֿן עס איז מיר נאָך געלונגען צו אָרגאַניזירן) כאָטש דער לאַגער איז געלעגן מחוץ דעם אַרבעט־שטח פֿון דער קראָקעווער ר. פּ. זש.

מיט דער איניציאַטיוו פֿון מיטגלידער פֿון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז דורך דער קראָקעווער „ר. פּ. זש." געוואָרן אויפֿגעהאַלטן אַ בית־יתומים אין פּאָראָנין — אונטער דער לייטונג פֿון דער מוטיקער און קרבנותפֿולער יאַדוויגאַ סטשאַלעצקאַ 1) — ווו מען האָט אויפֿגעהיט 11 יידישע קינדער. אַ דאַנק די סאָציאַליסטן איז געלונגען צו רעאַליזירן דעם מוטיקן געדאַנק פֿון איבערוואַרפֿן קלענערע גרופּן נאָך סלאָוואַקיי און פֿון דאָרט קיין אונגאַרן — ווו די רדיפֿות זענען אין יענער צייט געווען קלענער ווי אין פּוילן. די טראַסע האָט אָנגעצייכנט דער שוין דערמאָנ־טער „טעאָדאָר" און שפּעטער האָבן דאָרט קאָנטינויִרט די אַרבעט אַנדערע עסקנים פֿון פּ. פּ. ס., צ. אַ. קרזשיזשאַק און מאַריאַן באָמבאַ (פּסעוודאָנים: ראָמאַן, קאָמענדאַנט פֿון די קראָקעווער פּ. פּ. ס. קאַמף־גרופּן). די אַקציע (פֿיר מאָל דורך דער ליניע פֿון נאָווי סאָנטש און צוויי מאָל דורך דער זאַקאָפּאַנער ליניע) האָט דערמעגלעכט 50 יידן צו קומען קיין בודאַפּעשט.

דער „ראַט" האָט אויך געמאַכט באַמיונגען קעגן מוסרים און שאַנ־טאַזשיסטן און געמאָלדן וועגן זיי אין דער אונטערערדישער פּרעסע. ער האָט אויך געזאַמלט אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן.

דער „ראַט פֿון הילף פֿאַר יידן" אין לעמבערגער קרייז (צוליב פֿאַר־שידענע באַדינגונגען איז אים נישט געלונגען ברייטער אויסצובויען זיי־נע אַגענצן) האָט צוגעשטעלט „פּאַפּירן" — און פֿאַר די קאַנדידאַטן „אויף פּאַפּירן" האָט ער פֿאַרלייכטערט דאָס איבערפֿאָרן אין אַנדערע שטעט (ד. ה. אין קרייזן ווו די געגעבענע יידן זענען געווען אומבאַקאַנט). דער „ראַט" האָט אויך געהאָלפֿן, אין די ראַמען פֿון זיינע קליינע מעגלעכקייטן מיט געלט. די פֿאָרזיצערין פֿון דעם דאָרטיקן ראַט איז געווען לאַריסאַ

1) געשטאָרבן אין דעצעמבער 1949, אין פּאַריז.

ראַמס (דעמאָקראַטין), סעקרעטאַר — ווגוק 1) (פון דער „צענטראַליזאַציע״), קאַסירער טאַדעוש פּרימאַט 2) (פון פּ. פּ. ס.), טעכנישע סעקרעטאַרין יוסטינאַ וואָלף 3) און די פאַרבינדלערין מיט וואַרשע — באַרבאַראַ שימאַנסקאַ. די לעצטע איז געוואָרן אַרעסטירט אין צוג, (סעפּטעמבער 1943 — מיט אַ קאָמפּלעט פון פאַלשע „פּאַפּירן״). נאָכדעם האָט מען זי איבערגעשיקט אין ראַווענסבריקער לאַגער; ערשט דער זיג פון די אַליִאַנטן האָט זי באַפרייט פון דאָרטן. אַ פּאָר מאָל (אין ספּאָראַדישע פאַלן) האָט דער לעמבערגער „ראַט״ געאַרבעט אין דער פּראָווינץ (למשל אין בראָד).

1) אַן אַרטיסט פּלאַסטיקער. ביי דער הילף־אַרבעט האָט אים אויך צוגעהאָלפן זיין פרוי (אויך אַן אַרטיסטקע פון באַרוף). בפרט זענען זיי געווען טעטיק ביים ראַטעווען מאָלער־יידן.

2) איצט גענעראַל־קאָנסול אין דעטראָיט.

3) כדאי דאָ צו נאָטירן אַ כאַראַקטעריסטישן פּרט: די פרוי וואָלף שטאַמט פון דייטשן און אין דער יוגנט איז זי געווען אַ דייטשע בירגערין. איר קאָנטאַקט מיטן ראַט האָט זיך אָנגעהויבן דערפון וואָס זי האָט זיך צו אים געווענדעט וועגן פאַלשע פּאַפּירן... פאַר זיך. זי האָט דאָס געטון דערפאַר, בכדי דייטשן זאָלן נישט געוויער ווערן וועגן איר אָפּשטאַם און נישט נייטן צו ווערן אַ „פאָלקס״ אָדער אַ „רייכס־דויטשע״.

V

זכרונות און ארכיוון

שרייבן (זכרונות, ווי אויך ווערק מיט ליטעראַרישע אַמביציעס) איז אין די דעמאָלטיקע צייטן געווען אַ דערשיינונג, וואָס איז ספּאָנטאַניש אויפגעטרעטן נישט בלויז ביי ייִדן, געשטויסן דערצו האָבן פון איין זייט פּסיכישע גורמים און פון דער אַנדערער זייט אַ נישט־טאָג־טעגלעכער עודף פון אָבסערוואַציעס. ביי ייִדן האָבן די צוויי מאָמענטן דערגרייכט זייער קולמינאַציע־פּונקט. דעריבער האָט מען שוין אין די געטאָס און לאַגערן געמוזט זיך פאַרטראַכטן איבער דער גייסטיקער וויטאַליטעט און קולטורעלע פאַרינטערעסירונגען 1).

שוין דאָרט האָט מען רעאַליזירט פּראָיעקטן פון זאַמלען און אויס־באַהאַלטן די אַלע (אין אַ פאַרשידענעם זין — דאָקומענטאַרישע) מאַטע־ריאַלן. צוזאַמען מיט די מענטשן האָבן זיך די אויביקע טענדענצן איבער־געטראָגן אויף דער „אַרישער זייט". פאַרשטענדלעך, אַז דאָ האָבן זיי זיך אַנדערש געשטאַלטיקט.

מיר מוזן נאָך מוסיף זיין, אַז דאָס „לעבן" אויף „אַרישע פּאַפּירן" (און וואָס נאָך זאָגן וועגן דער וועגעטאַציע אין באַהעלטעניש, אין בונקערס און מלינות) האָט באַגרענעצט די פרייהייט פון באַוועגן זיך. אָפט האָט עס פאַרמשפּט אויף אַ סתם זיצן און גאָרנישט טון — און ממילא אויפן כסדרדיקן נאָכטראַכטן און קאָנטעמפּלירן די געשעענישן. ייִדן וואָס זענען געווען באַהאַלטן האָבן תמיד געטון עפּעס אַן ארבעט. איינער האָט געטון אַ מלאכה, דער אַנדערער האָט זיך געלערנט. אָבער וואָס שייך די יחידים — וואָס האָבן נישט געלעבט אין באַהעלטעניש ממש, נאָר אויף „אַרישע

1) פאַרגלייך מיין „ליטעראַטור אין לאַגער" און „דאָס ליד וועט אַרויס גאַנץ".

פּאַפּירן" — האָבן זיי אָפט באַרוּקט דעם אינערלעכן אויפברויז אין געהיים־געשריבענע זכרונות און אַזויאַרום דעקאָנסטרוּירט אָדער געלאַטעט דאָס פּסיכישע גלייכגעוויכט. דאָס באַוווסטזיין פון כסדרדיקן געפאַר האָט דיקטירט אָפּצוגעבן דאָס פאַרשריבענע אין די הענט פון פאַרטרויטע, אָדער באַגראָבן די נאָטיצן אין דער ערד — אין פאַרשלאָסענע פלעשער און סלאָיעס. אין פאַרשידענע ערטער (און גאַנץ אומאָפּהענגיק פון זיך) זענען אַזעלכע איניציאַטיוון געווען טעטיק אין אַ ברייטערן פאַרנעם.

אויף דער „אַרישער זייט" האָבן זיך געפונען אויך מענטשן, וואָס האָבן נאָך פריִער געפירט אַ באַוווסטזיניקע און אָרגאַניזירטע אַרבעט אויף דעם אָפּשניט — סיי אין געטאָס און סיי אין די לאַגערן.

צווישן אַנדערע האָט מען למשל — ווי באַקאַנט — געזאַמלט אַ געהיימען אַרכיוו אין וואַרשעווער געטאָ. דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון דער אונטערנעמונג, דער היסטאָריקער דר. עמנועל רינגעלבלום איז נאָך דער „ליקווידאַציע" פון געטאָ געווען צווישן די אסורים אין טראַווניקער לאַגער. די יִדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אים פון דאָרטן אַרויסבאַקומען 1) און נאָכדעם „איינגעאָרדנט" (נישט „אויף פּאַפּירן" נאָר אין אַ בונקער 2). דאָ האָט רינגעלבלום קאָנטינוּירט זיין אַרבעט — שוין אין די ראָמען פון די איניציאַטיוון, רעאַליזירטע דורך דער „יִדישער קאָרדינאַציע־קאָמיסיע". אין זאַמלען מאַטעריאַלן האָבן זיך אויך שטאַרק באַטייליקט אַנדערע עסקנים פון דער „קאָאָרדינאַציע". אַ חוץ דעם האָבן זיי געזאַמלט גאָר באַזונדערע פּאַרטיי־אַרכיוון; „מיקאָלאַי" (דר.

1) ביים איבערפירן איז געווען בייהילפיק אַ פּוילישער באַנער טעאָדאָר פּאַיעווסקי (וואָס האָט זיך באַטייליקט אין ראַטעווען נאָך אַנדערע, ווי למשל נאָך פריער — יאַנאָס טורקאָוו, פון געטאָ) און אַ יידישע פרוי, וואָס האָט געאַרבעט אין דער פּוילישער קאָנספּיראַציע (פּסעוודאָנים: „עמילקאַ").

2) שפּעטער האָט זיך רינגעלבלום מיט דער משפּחה און אַנדערע מענטשן באַהאַלטן אין אַ בונקער וואָס איז געוואָרן ספּעציעל אויסגעבויט — דורך אַ פּאָליאַק מיעטשיסלאַוו וואָלסקי — אונטער אַן אָראַנזשעריע אויף דער גראָדעצקאַ־גאַס. צוליב אַ מסירה איז דאָס באַהעלטעניש — וואָס איז געוואָרן רעאַליזירט ביי גרויסע געלט־הוצאות און כוחות געוואָרן אַנטדעקט פון דער געסטאַפּאָ. רינגעלבלום, מיט דער פרוי, 14־יעריקן קינד און 35 אַנדערע יידן זענען געוואָרן פאַרפּייניקט אין פּאַוויאַק. וועגן רינגעלבלומס טעטיקייט פאַרגלייך צ. אַ. די בראָשור א. ב. „עמנואל רינגעלבלום" (מינכען 1948) און „רינגעלבלום־בוך" (דערש. אין אַמעריקע). אַ חוץ דעם רחל אויערבאַכס אַרבעט געווידמעט דעם אַרכיוו.

ל. פיינער) פון „בונד", „באָראָווסקי" (דר. א. בערמאַן) פון „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" (ד. ה. פון בלאָק פון ציוניסטישע פּאַרטייען), „אַנטעק" (יצחק צוקערמאַן) פון „החלוץ" א. אַ. וו. אין דער פּילפּאַרביקייט האָט נישט בלויז געשטעקט פּאַרטייאישע קאָנקורענץ, אָבער אויך אַ שטרעבונג צו פאַרמערן די שאַנסן און אַ גרעסערע זיכערקייט, אַז די מאַטעריאַלן וועלן איבערלעבן דעם קריג. מען האָט צוליב דעם אָרגאַניזירט אַפילו דאָס איבערשרייבן פון טעקסטן און זיי באַהאַלטן אויף פאַרשידענע ערטער. די שליחים פון דער „קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע", וואָס האָבן באַזוכט די באַהאַלטענע יידן, האָבן פון זיי אָפּגענומען די מאַנוסקריפּטן און איבערגעגעבן אין אַרכיוו. ביי דער אַרבעט האָבן שטאַרק מיטגעאַרבעט צ. אַ. „באגושיא" (בלומע פוסווערק), „סטאַשיאַ" (מערענהאַלץ), „וואַנדזשיאַ" (עלאַ עלסטער), יוסף זוסמאַן, ראָט און (וואָס האָט אַליין געשריבן און געהאַט אַ וואַרעמע באַציאונג צו דעם ענין) די שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך. עס זענען אויך דערביי טעטיק געווען נישט־יידן. צ. אַ. יאַנינא בוקאָלסקאַ, דאָקטאָר זשאַבינסקי 1). עס איז דאָ נאָך כדאַי צו פאַרנאָטירן, אַז טיילמאָל האָבן די מחברים פון באַשטימטע אַרבעטן באַקומען... רעצענזיעס. אַן אָנגעשריבענע רעצענזיע פון איינעם פון די עסקנים וואָס האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן 2). אַזאַ רעצענזיע איז פאַר די וואָס האָבן געשריבן, געווען אַ בפירוש־מאַטעריעלער באַוויז, אַז זייער אַרבעט האָט אַ זין, אַז זי דינט פאַר עפּעס, אַז זי דערגרייכט ווו אויף אַן אָרט.

אַן ענלעכע אַרבעט, וועגן דעם איז שוין דאָ דערמאָנט געוואָרן — האָט מען געפירט אין פאַרשידענע קרייזן, ביי פאַרשידענע איניציאַטיוון — און אויף אייגענע האַנט. מיט דער צייט — לויט דער מאָס פון פאַראַנענע קאָנטאַקטן — האָט מען איבערגעשיקט קיין וואַרשע קאָפּיעס פון די וויכטיקסטע סקריפּטן.

---

1) סיי פרוי יאַנינאַ בוקאָלסקאַ און סיי ד"ר זשאַבינסקי האָבן געהערט צו די אויסגעפּרווטע אויפן געביט פון העלפן יידן. דאָ דאַרף מען אויך דערמאָנען דעם נאָמען פון ראַמואַלד ריבטשינסקי, דעמאָלט אַ געשווירענער איבערזעצער. זיין ביוראָ (ווו עס האָט געאַרבעט פרוי בוקאָלסקאַ) איז געווען אַ וויכטיקער פונקט פאַר העלפן יידן. (פאַלשע פאַפּירן פאַר יידן אאַ"וו).

2) וועגן די אַרבעט־אָפּשניטן פאַרגלייך צ. אַ. די אַרטיקלען פון רחל אויערבאַך, געדרוקט אין דער „אַרבעטער צייטונג", צ. אַ. נר' 40, 42; לאָדזש, 1947.

אין קראָקע האָבן מיר למשל לאָקירט צ. אַ. די מאַטעריאַלן אין די באַהעלטענישן פון „ראַט“ און פון דער אונטערערדישער פּ. פּ. ס. דאָ איז טעטיק געווען (פונקט אַזוי ווי אויף די אַנדערע „יידישע“ אָפּשניטן) מאַריאַ האָכבערג־מאַריאַנסקאַ. אַ סך מי האָבן דאָ אויך אַריינגעלייגט: דער פאַר־זיצער פון „ראַט“ סטאַניסלאַוו דאָבראָוואָלסקי און דער סעקרעטאַר פון „ראַט“ וולאַדיסלאַוו וואַיטשיק. אין די קראָקעווער אַרכיוון זענען צ. אַ. אויך געווען די מאַטעריאַלן פון דער קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע פון לעמבערגער טויטן־לאַגער. זייענדיק נאָך אין לאַגער האָב איך זיי איבער־געשיקט קיין קראָקע. נאָכדעם — נאָך מיין אַנטלויפן פון לאַגער — בין איך, דער איבערשיקער, געוואָרן שוין דער אָפּנעמער. עס זענען דאָרט אָנגעקומען פראָטאָקאָלן פון די לאַגערן אין פּלאַשוו, אָשוויענטשים, שעב־ניע, פון די „אַרישע פּאַפּירן“ א. אַ. וו. אין קראָקע האָט אָנגעשריבן איר טאָגבוך די (דעמאָלט) 12־יעריקע יאַנקאַ העשעלעס — וואָס האָט דאָרט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן“ — וועלכע עס איז מיר געלונגען אַרויס־צוראַטעווען פון טויטן־לאַגער און מיט וועלכע עס האָבן זיך פאַרינטע־רעסירט מיינע קראָקעווער פריינד.

די מחברים פון אַרבעטן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דער נויטווענדיקייט צו פאַרייביקן דעם נאַקעטן אמת. האָבן זיי טאַקע לרוב באַשריבן די פאַקטן און דערשיינונגען אָן אַ יעדער פאַרשענערונג און אָן אַ יעדער סטיליזאַציע. ווען איך טראַכט וועגן דעם, דערמאָנט זיך מיר אַ קאָמישער אינצידענט מיט איינעם פון מיינע אייגענע שריפטן. זייענדיק שוין אין מיעכאָווער געגנט, האָב איך אָנגעשריבן צ. אַ. מיינע זכרונות וועגן דער „ליטעראַטור אין לאַגער“. דעם מאַנוסקריפּט האָב איך איבער־געשיקט קיין קראָקע. דאָרט — האָבן מיינע קאָלעגן געלאָזט אים איבער־שרייבן, בכדי צו האָבן אַ פּאָר קאָפּיעס און איינע פאַר וואַרשע. דער טעקסט האָט זיך געפונען ביי אַ קולטורעלער און קרבנותפולער מיטגלידערין פון דער פאַרוואַלטונג פון ראַט — ביי אַ פאַלקע. די דאָזיקע, לייענענדיק דעם מאַנוסקריפּט, איז אַזש פאַרשטומט געוואָרן פון פאַרוואונדערונג; נאָכדעם האָט זי אויך געמאָלדן וועגן דער דערפינדונג די אַנדערע מיט־גלידער פון „ראַט“. מיט וואָס האָב איך זיך דאָ פאַרזינדיקט? און אָט: ציטירנדיק אַ פּאָר לאַגער־לידלעך האָב איך געבראַכט זייער פולן טעקסט.

און אין טעקסט האָבן זיך געפונען אַזעלכע ווערטער און אויסדרוקן וואָס זענען באמת צו טריוויאַל מען זאָל זיי קענען אַרויסרעדן מחוץ אַ לאַגער — ווו שעמעוודיקע אויערן דאַרפן פון זיי באמת געשוואָלן ווערן. איצט — באַטראַכטנדיק דעם ענין פון פערספעקטיוו, פאַרשטיי איך די האַנדלונג פון דער פריינטלעכער פרוי און איר מורא קעגן דער מעגלעכקייט, אַז דאָס וועט אַמאָל אָנקומען צו זייטיקע מענטשן. אָבער דעמאָלט — אַזוי האָב איך עס פאַרשטאַנען — האָט מען געדאַרפט פאַרנאַטירן דעם אמת, נישט קאַלקולירנדיק אַפילו, „וואָס אַנדערע וועלן טראַכטן" וועגן דעם. נאָכן קריג, בשעת איך האָב אָפּגעדרוקט דעם דאָזיקן סקיץ, האָב איך שוין אויסגעפינטלט יענע ווערטער. כ'האָב עס אָבער געמאַכט אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין שום ספק וועגן זייער מיין. איבריקנס: אין דעם בוך האָב איך אָנגעשריבן אַ ספּעציעל קאַפּיטל וועגן דעם ענין פון די נישט-מאָראַלישע ווערטער. און דאָ מוז מען נאָך צוגעבן, אַז נאָכן קריג, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן זכרונות וועגן לאַגער-לעבן — האָט דער לייענער שוין אויפגעהערט צו גלויבן, אַז דער אמת פון פּיין האָט אָנגענומען דעם פּרצוף פון די אָרנטלעכע און עסטעטישע איינדרוקן.

צוריקקערנדיק צו די אויבנדערמאָנטע אַרכיוון: טיילמאָל האָט מען זיי געמוזט באַשיצן, פונקט אַזוי ווי מענטשן. עס האָט למשל געטראָפן, אַז דער אַרכיוו פון דעם קראָקעווער „ראַט פון הילף פאַר יידן" וואָס האָט זיך געפונען אין אַ דירה (אויף דער סטאַראָווישלנאַ גאַס) איז געוועזן באַ־וווינט דורך אַ פאַרפאָלק, וואָס האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן". אין אַ געוויסן טאָג זענען די מענטשן — צוליב מסירה — געוואָרן אַרעס־טירט. מאַריאַנסקאַ האָט באַלד אַלאַרמירט וולאַדיסלאַוו וואָיטשיק (סעק־רעטאַר פון ר. פּ. זש.), דער ווייטער — מאַריאַן באַמבאַ (קאָמענדאַנט פון די פּ. פּ. ס.-שע קאַמף-גרופּן). אויפן אָרט זענען נאָכדעם אַהין אַוועק: מאַריאַנסקאַ, יאַדוויגאַ רישעוויטש (די מוטיקע „מאַמע" פון די קעמפער, דריי האָבן אַראָפּגעריסן דעם געסטאַפּאָ-זיגל און זענען אַריין אין דער דירה. מאַריאַנסקאַ האָט געוואַרט אויפן עק פון די גאַסן סטאַראָווישלנאַ פּסעוודאָנים „זאָכאַ") און צוויי יאַטן פון די קאַמף-גרופּן 1). די לעצטע

1) אַלע — אַ חוץ מאַריאַנסקאַ — נישט יידן.

און דיטלאַ, בכדי אָפּצונעמען דעם אַרכיוו. אָבער נאָכן אַריינגיין אין דער דירה האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די געסטאַפּאָ האָט שוין באַוויזן אַדורכצופירן אַ רעוויזיע. די זאַכן זענען געווען צעוואָרפן און אויסגעמישט, דאָס מעבל צעהאַקט — און דאָס באַהעלטעניש נישט צום געפינען. איינער פון די קעמפער איז תיכף אַרויסגעלאָפן צו מאַריאַנסקאַ — וואָס האָט געקענט די דירה און אירע אַלע ווינקלען. די אָנגעקומענע מאַריאַנסקאַ האָט טאַקע געפונען (דער אַרכיוו איז געלעגן באַהאַלטן אין דאָפּלטן בוידעם פון קוילן־קעסטל). אַ שעה נאָכן וויזיט — איז די געסטאַפּאָ געקומען צום צווייטן מאָל. איצט טאַקע נאָכן אַרכיוו; פונעם באַהעלטעניש זענען זיי געוויר געוואָרן נאָך אַ מערדערלעכע אויספאָרשונג. צוליב דער אויבנאיבערגעגעבענער „אינטערווענץ" — איז שוין זייער איצטיקער וויזיט געווען אַ בחנמדיקער.

VI

וועגן ייִדן אין פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס

די ייִדישע אונטערגרונט־באַוועגונג ווערט באַהאַנדלט אין דעם בוך אויף אַזויפיל, אויף וויפל זי האָט אַ שייכות מיטן ענין „פּאַפּירן“. צוליב די זעלבע טעמים איז אויך נויטיק צו רעדן דאָ וועגן אָנטייל פון ייִדן אין נישט־ייִדישן אונטערגרונט. דער אָנטייל האָט פון זיך אַליין שוין פאַר־לאַנגט צו לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן“.

זבכן, איז נויטיק צו פרעגן מיט וואָס פאַר אַ וועגן און ווי אַזוי האָבן ייִדן געטראָפן צו דער נישט־ייִדישער באַוועגונג?

און אָט: קודם כל — אויפן וועג פון נאָרמאַלער רעקרוטאַציע (די נאָרמאַלקייט איז פאַרשטענדלעך געווען גאָר רעלאַטיוו און אויסגעפּולט מיט פאַרלאַנגען פון אַ נישט נאָרמאַלער פּראָצעדור אין נישט־נאָרמאַלע צייטן). באַטייט טאַקע דאָ אַזאַ וואָרט „נאָרמאַלע“ נאָר אַזויפיל (אויב נישט נעמען ווי אַן אויסגאַנג־פּונקט די באַזונדערע פּסיכישע באַדינגונגען וואָס האָבן באַגלייט דאָס לעבן „אויף פּאַפּירן“) אויף וויפל דאָס זענען געווען די זעלבע וועגן פון נישט־ייִדן.

מען דאַרף געדענקען, אַז אַ מענטש וואָס האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן“ איז ממילא אַריינגעוואַקסן אין דער צופעליקער סביבה, האָט געמאַכט נאָרמאַלע באַקאַנטשאַפטן — און זיי פאַרטיפט. ער האָט געקענט די „פּראָבלעמאַטיק“ פון זיין סביבה און זיך באַטייליקט אין איר. און געשען איז אַזוי — אַז פּונקט ווי דער נישט־ייִד — איז ער געוואָרן אַריינ־געצויגן אין דער „אַרבעט“. מיט דעם אונטערשיד, וואָס זיין ייִדישער אָפּשטאַם (פּונקט אַזוי ווי עס איז געווען אומבאַוווסט זיין ציווילער סביבה)

איז געבליבן אַ סוד פאַר זיינע פּאַרטיי־קאָלעגן אָדער פאַר די מיטאַנטייל־נעמער פון די קאַמף־ און פּאַרטיזאַנער־גרופּן. עס האָט אויך געטראָפן, אַז עפּעס אַ יחיד האָט געוווסט פון זיין אָפּשטאַם. אָפּט טאַקע דער, וואָס האָט אים צוגעהאָלפן איינאָרדענען זיך אויף „אַרישע פּאַפּירן״. און דער זעלבער האָט אים שפּעטער אַריינגעצויגן אין דער אָרגאַניזאַציע. די וואַ־ריאַנטן פון דאָזיקן מין צושטאַנד האָבן מער געהאַט אַ באַטייט ביי די ערשטע שריט — ווי ביי די ווייטערדיקע. פּשוט דערפאַר — וואָס אַזאַ פריינד (אָפּשאַצנדיק די באַדינגונגען און דעם „צייט־אימפּעראַטיוו״) האָט געהיטן דעם סוד צוגלייך מיט דעם דירעקט־פּאַראינטערעסירטן. די ענינים האָבן זיך שוין דעריבער ווייטער אַנטוויקלט לויט זייער אייגענער לאָגיק און מיט אייגענע וועגן.

שוין אַנדערע פאַרבינדונגען האָבן זיך געשאַפן אין דעם פאַל, ווען אַזאַ ייִד איז — מיט דער פאַרבינדונג און ביי דער מיטהילף פון אַ נישט־ייִדישער אָרגאַניזאַציע — אַנטלאָפן פון געטאָ אָדער לאַגער. די אָרגאַני־זאַציע האָט אָפּט גלייכצייטיק — אַ חוץ די הילף ביים איינאָרדענען זיך „אויף פּאַפּירן״ — שוין אַריינגעפירט אים אין דער „אַרבעט״. זיין אָפּ־שטאַם האָבן דעמאָלט געקענט נאָר באַשטימטע יחידים. די אַרבעט גופא האָט ער שוין אויסגעפירט ווי אַן „אַריער״. אויך די מיטאַנטיילנעמער און מיטקעמפער האָבן אים געהאַלטן פאַר אַזעלכן.

בכדי נישט איזאָלירן דעם דאָזיקן מאָטיוו פון אַ פּשוטן אָקופּאַציע־טאָג וועלן מיר דאָ לשם ביישפּיל — פונקט ווי מיר האָבן עס געטון ביים באַהאַנדלען אַנדערע מאָטיוון פון לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן״ — געבן איין לעבנסלויף מיט אַלע דעטאַלן פון זיין תוכן. מיר וועלן אויך איצט אויסקלויבן אַזעלכן וואָס איז נישט איבערגעלאָדעוועט מיט סענסאַציעס און פאַרלאַנגט נישט קיין צוגאָב־אויפקלערונגען. דערביי איז דאָס נישט קיין ביאָגראַפיע פון אַ שטאַב־מיטגליד אָדער פון אַזאַ איינעם וואָס האָט געהאַט קאָנטאַקטן מיטן שטאַב, נאָר להיפּוך — פון אַ גרויען קאָנספּיראַציע־זעלנער:

באָלעסלאַוו זשמיגראָד (געבוירן אין יאָר 1896) איז ביים אָנהויב קריג געווען אין וואַרשע. אין סעפּטעמבער 1939, ד. ה. בעת וואַרשע איז געווען אַרומגערינגלט, האָט ער איבערגענומען די וואַך פון אַ בלאָק

הייזער ביים קעגנלופט־שוץ. נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע, האָט ער באַלד פון ערשטן מאָמענט אָן, איגנאָרירט די אַנטי־ייִדישע פאַראָרדע־נונגען פון אָקופּאַנט. צוזאַמען מיט דער משפּחה, האָט ער זיך באַלד אי־בערגעמעלדעט אויף „רוימיש־קאַטוילישן”. צוערשט איז ער געווען אין דער אַלטער דירה און נאָכדעם האָט ער זיך מיט דער משפּחה איבער־געטראָגן אין דאָרף גאָלאָמבקי (12 קילאָמעטער פון מערב־וואַרשע). נאָך צוויי חדשים (ד. ה. אין נאָוועמבער 1939) איז צו אים געקומען דער סאָלטיס. דער לעצטער האָט געהאַט גענויע ידיעות, אַז זשמיגראָד איז אַ ייִד — און ער האָט אים אויפגעקלערט די געפאַר וואָס דראָט אים. נאָך אַ לענגערן שמועס האָבן זיי אָפּגעשטימט, אַז ער וועט זיך איבערמעלדן אויף „באָלעסלאַוו זשמיגראָדסקי” און ער וועט צוטרעטן צו אַ „צענטל”, וואָס אָרגאַניזירט זיך אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. פון דעמאָלט אָן זענען די זיצונגען פון דעם „צענטל”, ביי דער באַטייליקונג פון וואַרשע־ווער דעלעגאַט, פאָרגעקומען אין זשמיגראָדס וווינונג. זייער טעטיקייט איז באַשטאַנען אין ווייטערדיקער מיליטערישער אויסשולונג, אין פאַר־שפּרייטן אונטערערדישע פּרעסע און אין ווערבירן נייע מיטגלידער.

צוויי זין פון זשמיגראָדן האָבן געאַרבעט אויף פאַלוואַרקן פון דער סביבה. אַ טייל מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע זענען געווען אינפאָר־מירט וועגן זיין אָפּשטאַם. דאָס לעבן האָט זיך, מער־וויניקער, געהאַט זיין נאָרמאַלן לויף.

נאָך איין און אַ האַלבן יאָר וווינען אין גאָלאָמבקי, איז אין אַן אָוונט געקומען צו זשמיגראָדן די „גראַנאַטאָווע פּאָליציי”. זיי האָבן אים שאַנ־טאַזשירט — פאַרלאַנגענדיק געלט. דאָס געלט האָט ער געדאַרפט געבן אין דריי טעג. וועגן דעם פאַל האָט זשמיגראָד געמאָלדן דער אָרגאַניזאַ־ציע, וועלכע האָט אינטערוועניִרט ביים קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי. ווי אַ פּועל־יוצא האָט מען אים געגעבן צו וויסן, אַז ער מוז נישט צאָלן. טראָצדעם — נישט פילנדיק זיך זיכער — האָט ער איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און במשך 7 טעג איבערגעטראָגן זיך אויף אַ „דאַטשע”־אָרט, וואָס איז געלעגן 25 קילאָמעטער אויף מזרח זייט פון וואַרשע. אַ דאַנק פריינד, נישט־ייִדן, האָט ער דאָרט באַקומען אַ הייזל צום וווינען. ער איז אַריינ־געטרעטן אין דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ס. אין וואַרשע

און קאָנטינויִרט זיין קאָנספּיראַטיווע אַרבעט ווי אַ לייטער פון דער פּאַר־בינדונג־קאָמפּאַניע. צוויי, דריי מאָל אין דער וואָך פלעגט ער קומען קיין וואַרשע און דאָרט זיך קאָנטאַקטירן מיט אַ צאָל מענטשן. ער האָט געהאַט צו דיספּאָזיציע אַ ספּעציעלע שטוב און פלעגט העלפן מיט געלט און „פּאַפּירן" אַנטלאָפענע ייִדן פון געטאָ (די „פּאַפּירן" האָט ער באַקומען דורך פאַרבינדלער פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע). ביי די אַלע ענינים האָט אים אַ סך געהאָלפן זיין באַקאַנטע פרוי מאַריאַ באָגדאַני און אַ פריינד פון די פאַרקריגס האַנדל־באַציאונגען, לודוויק אָרלאָוו (דער לעצטער האָט אים צוגעהאָלפן, כאָטש ער האָט נישט געהערט צו קיין שום אָרגאַניזאַציע). אַ פּאָר מאָל האָט די פּאָליציי געזוכט זשמיגראָדן אין זיין פּריוואַטער וווינונג, ווי אויך אין אָרלאָווס ביוראָ. איינמאָל האָט אים דערקענט אויף דער גאַס אַ שאַנטאַזשיסט, וועלכן ער האָט אָפּגעפּטרט מיט אַ קליינע סומע.

אין זיין וווין־אָרט האָט ער פאַרשפּרייט געהיימע אויסגאַבעס און ווערבירט מיטגלידער. זיין עלטערער זון האָט געהערט צו אַ וואַרשעווער געהיימער אָרגאַניזאַציע. דער ייִנגערער, אַ זעכצניעריקער, צו די „באַטאַ־ליאָני כלאָפּסקיע" (אָרגאַניזאַציע פון דער פויערן־פּאַרטיי). דאָרט, האָט מען אים צוליב די שוואַרצע האָר גערופן „זשידעק" (נישט אָפּגעבנדיק זיך איבעריקנס קיין דין וחשבון פון זיין אָפּשטאַם). אין איינעם אַ טאָג, האָט די געסטאַפּאָ אַרומגערינגלט דאָס אָרט — זוכנדיק דאָרט ייִדן. זשמיגראָד מיט זיין פרוי און שוועסטער זענען אַנטלאָפן אין נאָענטן וואַלד, איבער־לאָזנדיק אין דער דירה אַ 70־יעריקע שוויגער. דער אויבנדערמאָנטער ייִנגערער זון, וואָס איז פונקט אַרויס פון שטוב איז אָבער דער ערשטער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון געסטאַפּאָ. אין אָוונט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם זון האָט די געסטאַפּאָ באַנוצט ווי אַ ווייזער — און ווי אַזעלכער האָט ער געשיצט אַ צאָל פּאָליאַקן מיט אַ „ייִדיש" אויסזען. (צ. אַ. דעם שריפטשטעלער קאָרנאַצקי). די אָבלאַווע האָט זיך געענדיקט מיט אויס־שיסן אַ משפחה פון פינף מענטשן.

אין זומער 1944, ווען דער פראָנט איז געוואָרן שוין נאָענטער, זענען פלוצים אַריין אין דעם אָרט סאָוועטישע טאַנקן. דער עלטערער זון האָט שוין נישט געקענט צוריקקומען פון וואַרשע. דער ייִנגערער איז געוואָרן

מאָביליזירט אין די „באַטאַליאָני כלאָפּסקיע״. זשמיגראָד אַליין, נישט קענענדיק שוין קומען קיין וואַרשע, האָט זיך געמאָלדן אין דער „א. ק.״ פון נאָענטן ראַדזימין. די קאַמפן האָבן זיך אָנגעהויבן. אויפן באַפעל פון דער סאָוועטישער לייטונג, איז זשמיגראָד מיט זיין אָפּטיילונג אַריבער קיין וואָלין און נאָכדעם וויטער אויף מזרח. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ דייטשן קעסל. נאָך אַ פּאָר טעג בלאָנדזשען איז זיי געלונגען, טראָץ דעם כסדרדיקן דייטשן פייער, אַדורכצושלאָגן זיך קיין מינסק־מאַזאָוויעצקי. דאָ האָט ער זיך פאַרייניקט מיט אַן אָפּטיילונג פון „א. ק.״ צוויי טעג שפּעטער איז ער געוואָרן אַרעסטירט דורך די רוסן און אָפּטראַנספּאָרטירט קיין לובלין. פון דאַנעט — נאָך אַ זיבן־שעהדיקן פאַרהער — קיין מאַיִדאַנעק און פון מאַיִדאַנעק צו דער פאַרמירנדיקער זיך פּוילישער אַרמיי. (צוליב דעם וואָס מען האָט אָפּיצירן געשיקט קיין רוסלאַנד, האָט ער זיך געמאָלדן פאַר אַ סערזשאַנט). ווידער נע־ונד, אַ פאַרמאַליקע אַרעסטירונג און נאָכדעם דורך הונדערטער קילאָמעטער, צופוס אַהיים — וואָס איז געלעגן דריי קילאָמעטער פון פראָנט. דאָ איז ער געוווּר געוואָרן, אַז דער עלטערער זון איז ערגעץ פאַרלוירן געגאַנגען און דער יינגערער איז געפאַלן אויפן קאַמף־פעלד. טראָץ דעם וואָס דער געפאַלענער איז געוועזן באַגראָבן אויפן שטח פון די קאַמפן — איז דעם פאָטער געלונגען אויפצוגראָבן דעם קערפּער פון זון און זיינע דריי חברים — און באַגראָבן אויפן בית־עולם פון געפאַלענע אין ראַדזימין.

זיינע וווּנדן היילט ער אין רוסישן מיליטער־שפּיטאָל. גלייכצייטיק רופט מען אים אָפּ אויף פאַרהערן פאַר רוסישע באַהערדן.

לסוף אַנטלויפט ער קיין פראַגע, טרעט אַריין אין דער פּוילישער אַרמיי. מיט דער צווייטער אַרמיי האָט ער אַדורכגעמאַכט די קאַמפן אונטער דרעזדן. דעמאָביליזירט נאָכן וואַפנשטילשטאַנד, קערט ער צוריק קיין פּוילן. נאָך איין און אַ האַלב יאָר עמיגרירט ער קיין פראַנקרייך 1).

**
*

העלענאַ שמאָלהאָלץ (געבוירן אין 1886) דערציילט: — כ׳האָב געהאַט אַ ווירטשאַפט אין אוישטשיע יעזואיצקע, אַ דאָרף אין דאָמבראָוער פאַ־

1) מאַטעריאַלן פון „פאַרשונג־צענטער פאַר געשיכטע פון פּוילישן יידן״.

וויאַט, נעבן טאַרנע. מיין משפחה איז באַשטאַנען פון פיר מענטשן: פון מיר, מיין מאַן און צוויי זין. ווען דאָס קריג איז אויסגעבראָכן זענען מיר געווען אַלע צוזאַמען. מיין יינגערער זון שמעון האָט מען גענומען אין מיליטער אין אויגוסט 1939 און נאָך דער קאַפּיטולאַציע האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים. פאַר אונדזער הייזל פאַלט דער דונאַיעץ אַריין אין דער ווייסל. אויף די ברעגעס פון דונאַיעץ פלעגן געוויינלעך זיין באַנדיטן. זייער צאָל איז געווען גרויס, בפרט אין שכנותדיקן דאָרף. זייער אָפּט פלעגן קומען דייטשן און מאַכן אָבלאַוועס אויף די באַנדיטן און ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי אויך געשאָסן יידן. ווען עס איז אָנגעקומען אַ דייטשער אויטאָ, פלעגט מען זאָגן, אַז עס פאָרט דער טויטן־אויטאָ. אַ שרעק איז באַפאַלן בלויז ביים אָנבליק. אין שכנותדיקן דאָרף אין גרענבאַשוב איז געווען אַ וואָיט ווינלאַנד, אַ פאָלקס־דייטש, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. ער האָט געראָפן 200 יונגע מענטשן, מכלומרשט ער וויל זיי געבן אַרבעט, בכדי זיי זאָלן נישט ווערן „אויסגעזידלט". ער האָט אָבער גלייכצייטיק געמאָלדן די געסטאַפּאָ, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס הויז און מיטגענומען די גאַנצע יוגנט קיין מיעלעץ. האָבנדיק אַ שלעכט פאָרגעפיל — דאָרט איז אויך געווען מיין זון — און זעענדיק, אַז ער קומט נישט צוריק, בין איך געגאַנגען קיין גרענבאַשוב און כ'האָב זיך באַהאַלטן אין דער תבואה, אונטער דער פּאָליציי. איך האָב דעמאָלט דערזען ווי מיין זון האָט זיך אַרויסגעריסן פון די דייטשן און צוזאַמען מיט אַ שכן איז ער אַנטלאָפן. אין אויגוסט 1942 האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אונדזערע דערפער דאַרפן ווערן איבערזידלט קיין בזשעסקאָ און אין אַנדערע געטאָס. אין אונדזער דאָרף האָט געוווינט די משפחה פּאַוולין, וועמענס זון, וולאַדיסלאַוו, איז געווען אַ שול־חבר פון מיין זון שמעון. זיין ברודער האָט געהערט צו דער פּאַרטיזאַנטקע ב. כ. (באַטאַליאָני כלאָפּסקיע). מיין זון האָט אים געבעטן, ער זאָל אים נעמען אין דער פּאַרטיזאַנטקע. דער האָט זיך ווידער געוואָנדן צו זיין קאָמענדאַנט, יוזעף מאַשלאַנקאָ (דער שפּעטערדיקער מיניסטער פון פּ. ק. וו. נ. אין לובלין) צי ער דערלויבט אים מיטצונעמען אַ ייד. נאָך זיין הסכמה איז מיין זון אַריין אין דער פּאַרטיזאַנטקע, ווייל זיי האָבן זיך אין אים גענויטיקט, ווי אַ דאָקטער.

מיר זענען געבליבן אין דריי און געפּאָרן אין בזשעסקער געטאָ. דער זון, וואָס איז געווען אין דער פּאַרטיזאַנטקע, פלעגט כסדר געוויר ווערן וואָס עס טוט זיך אין די שטעטלעך און ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ס׳איז שלעכט, האָט ער געבעטן זיין קאָמענדאַנט ער זאָל צופאָרן קיין בזשעסקא אין געטאָ. דער קאָמענדאַנט איז טאַקע געקומען און אַריינגעשיקט אין געטאָ אַ צעטל פון זון: „קומט צופאָרן, איך וואַרט אויף איך מיט אומגעדולד״.

דער קאָמענדאַנט האָט געוואָלט מיטנעמען אונדז דריי. קודם כל האָט ער מיך מיטגענומען אויף זיין פור און צוגעפירט צו זיין שוועסטער. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט ווי אַ פרוי פון אַן אָפיציר, וואָס מוז זיך באַהאַלטן. נאָכדעם האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין בזשעסקא נאָך מיין מאַן און זון. לײַדער איז ער צוריקגעקומען שעלטנדיק — האָבנדיק אַגב דערצו רעכט. מיין מאַן און זון האָבן נישט געוואָלט מיט אים פאָרן. ביז איצט ווייס איך נישט פאַרוואָס, ווייל מיין זון וויל מיר נישט אָנגעבן דעם מאָטיוו. מיין מאַן האָט מען ליקווידירט אין געטאָ און דער זון איז צו מיר געקומען נאָך 10 טעג. ער האָט זיך אַרויסבאַקומען בעת דער ליקווידאַציע. ער האָט זיך באַהאַלטן אין קוימען. נאָך דער „אַקציע״ איז ער אַרויס פון בזשעסקא; באַלד נאָכדעם האָט אונדז מאשלאנקא צעטיילט. איך בין געבליבן אין זיין הויז אין שטשיטניקי 1) ווי זיינס אַ מומע. מיין זון האָט ער אַרויסגעשיקט צו אַ משפחה ווי אַן אינסטרוקטאָר (צו וויבצענטי מישטאַל אין רוטשינאַוו). נאָר ביינאַכט, ווען מיין זון איז געווען נויטיק ווי אַ דאָקטער, זענען די פּאַרטיזאַנער געקומען צו אים. זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז מיין זון איז אַ ייד (זיי וואָלטן אים אפשר אַליין דערמאָרדעט, כאָטש מאשלאנקא האָט זיך באַצויגן צו אים ווי אַ טאַטע). דער צווייטער זון אָזיאַש איז געווען אין קוכארי ווי א פארקאנספירירטער אָפיציר (לויט דער אָנווייזונג פון מאשלאנקא). מאַשלאַנקאָן אַליין האָבן די דייטשן שוין געזוכט אין יאָר 1941, אָבער ער איז אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין וואַלד. צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער האָב איך געפירט די ווירטשאַפט. ביינאַכט פלעגט ער קומען מיט פּאַרטיזאַנער.

1) אַ דאָרף אין מיעכאָווער געגנט (3 קילאָמעטער פון פּראַשאָוויעץ).

כ׳האָב זיי דעמאָלט געקאַכט עסן, געוואַשן זייער ברודיקע וועש און אָנגי־צעס, אויף שנעל געטריקנט און פאַראַכטן, בכדי זיי זאָלן קענען אין דער פרי צוריקקערן זיך אין וואַלד. אַזוי האָט דאָס געדויערט איבער אַ יאָר. אַ יעדע נאַכט זענען געקומען פּאַרטיזאַנער און מען האָט גערייניקט און געפּוצט די וואָפן. זיי האָבן געמאַכט צוגרייטונגען צו עקספּעדיציעס, דערליידיקן די פּאָסט, מיטגעבראַכט געהיימע צייטונגען, וועלכע זיי האָבן געדרוקט אין קיעלץ. לסוף האָט אַ תושב פון דעם דאָרף — אַן אוקראַאינער וואָס האָט דאָס אַלץ אָבסערווירט — געמסרט ביי דער געסטאַפּאָ. אין יוני 1943 אין דער פרי איז געקומען געסטאַפּאָ. מאַשלאַנקאָס פרוי און טאָכטער האָבן נישט געגעכטיקט אין דער היים, ווייל די סיטואַציע איז שוין נישט געוועזן זיכער. איך בין געשלאָפן אין שטוב צוזאַמען מיט דער מוטער פון די פּאַוולינס, יאַדוויגאַ, וואָס איז געווען אַ שותף פון די מאַשלאַנקעס. ווען די געסטאַפּאָ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן אין טיר, האָב איך תיכף ומיד געעפנט. באַלד האָט מיר אַ געסטאַפּאָוויעץ געגעבן אַ האַק איבערן קאָפּ און איך בין געוואָרן פאַרחלשט. כ׳האָב קוים געקענט צוגיין צום בעט, בכדי זיך אָנצוטון. זיי האָבן מיך אַרעסטירט ווי די קעכין פון די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן אויך אַרעסטירט מאַשלאַנקעס פרוי, צו וועלכער מען האָט זיי געפירט. זיי האָבן מיר צוגעפירט צו דער טיר און אַוועקגעשטעלט פאַר מיר צוויי אויסוווּרפן מיט ביקסן. ווען כ׳האָב זיך נאָר אַ ריר געטון, האָט מיר איינער געגעבן אַ האַק איבערן אויער, אַזוי, אַז ער האָט מיר אַרויסגעריסן די האָר. זיי האָבן מיר כסדר געפרעגט ווו איז מאַשלאַנקאָ און ווו די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן מיר געקאָפּעט און געשלאָגן. כ׳האָב זיך נאָר געהאַלטן ביי איינס, אַז כ׳וויס גאָר נישט און, אַז איך פּאַשע די קי. כ׳האָב געוווּסט, אַז כ׳גיי צום טויט און כ׳האָב קיינעם נישט געוואָלט פאַראַטן; כ׳האָב געפילט, אַז כ׳מוז זיי ראַטעווען.

צוזאַמען מיט מאַשלאַנקעס פרוי האָבן זיי מיר גענומען אין בוסקאָ־זדרוי. כ׳האָב זיך אָפּגעשמועסט מיט איר, אַז זי האָט נישט קיין שום קאָנטאַקט מיטן מאַן, אַז זי לעבט נישט מיט אים, אַז ער שלאָגט זי און נאָך אַזעלכע זאַכן. מיר האָבן געדאַרפט גלייך עדות זאָגן. האָבן מיר טאַקע אַזוי געטון אין בוסק און אויסגערעדט אַלדאָס בייז אויף מאַשלאַנקאָ. אַ דייטש האָט מיר געוויזן אַ ביקס און געפרעגט צי איך קען דאָס. כ׳האָב

מיר געמאַכט נישט פאַרשטיק דייטש און געענטפערט, אַז קיינמאָל האָב איך אַזוינס נישט געזען. נאָכדעם האָט ער מיר געוויזן אַ רעוואָלווער; האָב איך געענטפערט, אַז אפשר האָט דאָס עמעץ געטראָגן אין דער טאַש, אָבער איך האָב קיינעם נישט אַריינגעקוקט אין די טאַשן. אויף דעם זאָגט ער מיר: „דו ביסט אַ קאַטוילישע און דו קענסט זאָגן אַזויפיל ליגנס". האָב איך געענטפערט, אַז ער פאַרלאַנגט איך זאָל זאָגן ליגן, אַנשטאָט דעם אמת. לסוף האָט ער מיר געפרעגט: „און דו האָסט נישט מורא פאַרן טויט?" האָב איך געענטפערט: „כ'האָב מורא — און איר האָט נישט מורא? אַפילו אַ ווערעמל גייט אַראָפּ פון דער ערד בכדי מען זאָל עס נישט צו־טרעטן. אָבער אַזוי איז אונדזער גורל". דעמאָלט האָט ער אויפגעהויבן זיין ביקס און געוואָלט מיך שלאָגן. כ'האָב אָנגעכאַפּט דעם ביקס און אויסגעשריגן: „הייליקע מאַמע, פאַרוואָס ווילט איר מיר שלאָגן, איך בין דאָך גאָט די נשמה שולדיק". נישט קענענדיק פון מיר גאָרנישט אַרויס־באַקומען, האָבן זיי געהייסן אָנקלינגען אין דאָרף צום סאָלטיס און גע־וויר ווערן צי איך בין דאָרט געמאָלדן. דער דאָלמעטשער איז צוגעגאַנ־גען צום טעלעפאָן און געפרווט זיך פאַרשטענדיקן טעלעפאָניש. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער טעלעפאָן איז פונקט קאַליע געוואָרן. דעמאָלט האָט דער דייטש געזאָגט: „זאָל זי נעמען דער טייוול", און אָנגע־הויבן שרייבן אַ פּראָטאָקאָל. כ'האָב נישט געוווסט וואָס כ'שרייב אונטער, אָבער כ'האָב אונטערגעשריבן. דער דייטש האָט געקוקט און געזאָגט: „קוק נאָר ווי שיין זי שרייבט". ער האָט מיר געפרעגט פון וואַנען איך קען אַזוי שרייבן. כ'האָב אים געענטפערט, אַז ביי אונדז האָט מען שוין קליינע קינדער געלערנט שרייבן. ער האָט מיר געהייסן אַרויספירן פון זאָל. כ'בין געגאַנגען מיט וואַקלדיקע שריט. כ'האָב נישט געוווסט וויפל רוצחים עס גייען מיר נאָך און ווו זיי וועלן מיך דערשיסן. כ'האָב גע־וואָלט מען זאָל מיך כאָטש דערשיסן אויפן יידישן בית־עולם. צום סוף האָב איך זיך אויסגעדרייט און דערזען, אַז קיינער געפינט זיך נישט הינטער מיר. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז כ'בין פריי. כ'האָב אָנגעהויבן לויפן; בכדי ווי צום שנעלסטן אַרויס פון שטאָט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יעדע איינער וויזט אָן אויף מיר.

כ'האָב געטראָפן אַ באַקאַנטע, וואָס האָט מיר געדונגען אַ פור און

כ׳בין צוגעפאָרן צום הויז פון מאַשלאַנקאַ. מאַשלאַנקעס פרוי איז שוין געווען אין הויז. כ׳האָב נאָר גענומען דאָס טיכל און אָנגעהויבן צו גיין און שוין האָט די געסטאַפּאָ פאַרשלאָסן די גאַס און קיינעם נישט אַרויס־געלאָזט. מאַשלאַנקאָס פרוי איז געבליבן און איך בין אַריין אין וואַלד און צום סוף צו באַקאַנטע. די דייטשן האָבן דעמאָלירט דאָס הויז, צוגע־נומען די בהמות און צעהאַקט דאָס מעבל (ווען איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן מיט וולאַדעק סאָוולינאַ און געגאַנגען מיט אים, האָבן מיר שוין געטראָפן רואינען פון הויז און מאַשלאַנקאָס פרוי האַלב לעבעדיק פון די באַקומענע קלעפּ. מאַשלאַנקאַ איז פון אַלעם געוואָרן געוויר אין וואַלד. ער האָט צו אונדז געשיקט אַ בריוו, אַז די פרוי, טאָכטער און די מומע (איך) זאָלן קומען אין דער פּאַרטיזאַנטקע. מיר זענען געגאַנגען אין וואַלד צו אונדזערע באַקאַנטע פּאַרטיזאַנער און בײַנאַכט, זיצנדיק, האָבן מיר געזען אַ פייער. מיר. האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס ברענט אונדזער הויז. די דייטשן זענען טאָקע געקומען צום דריטן מאָל, באַגאָסן דאָס הויז מיט בענזין און עס אונטערגעצונדן. איצט האָבן שוין די מאַשלאַנקאָס אויך נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ. אַזוי אַרום האָב איך אויך נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטון. מאַשלאַנקאַ האָט מיר דעמאָלט געגעבן אַ בריוו צו דער פרוי מישטאַל, ווו מיין זון האָט געלערנט איר קינד, מיט דעם אויפטראָג זי זאָלן מיט מיר גיין אין דער געמיינדע. זי האָט זיך אויסגעשטעלט אויף אַ געפאַר און געגאַנגען מיט מיר אין דער גע־מיינדע. דער גלח און די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן געקענט די סודות פון די פּאַרטיזאַנער, האָבן מיר געגעבן פּאַפּירן, ווי אַ שוועסטער פון דער פרוי מישטאַל. אויפן סמך פון די פּאַפּירן האָב איך באַקומען אַ שטעלע אין בוסקאָ־זדרוי, ווו איך האָב געמוזט אַרבעטן איבער מיינע כוחות. כ׳האָב דאָרט געדינט 5 חדשים און נאָכדעם האָב איך זיך צוריק־געקערט צו דער פרוי מאַשלאַנקאַ און דאָרט געווען שוין ביז ענדע פון קריג. נאָכדעם, אַנטלויפנדיק פון די דייטשן, וואָס האָבן זיך נאָך צוריק־געקערט, זענען מיר געגאַנגען צופוס קיין לובלין, ווו מיר האָבן שוין געטראָפן די רויטע אַרמיי, פּוילישע אַרמיי, דעם „פּ. ק. וו. נ.״ מאַשלאַנקאַ זוי אַ מיניסטער האָט אונדז געוואָלט איינאָרדענען, אָבער איך מיט מיינע

זין ווילן נאָר פאָרן אין אונדזער לאַנד, קיין ישראל און לעבן אויף דער אייגענער ערד" 1).

**
*

אין פרינציפ (דערביי שליסט יעדער פרינציפ נישט אויס — ווי באַוווּסט — קיין אויסנאַם): אויב אַ ייִד האָט זיך אָרגאַניזאַציאָנעל קאָנטאַקטירט מיט אַ מענטש, וואָס האָט געוווּסט וועגן זיין „ראַסע" — האָט אַזאַ פרט באַשווערט דאָס אַריינגיין צו דער „אַרבעט". אַפילו דעמאָלט ווען דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון מענטשן, וואָס זענען נישט געווען קיין אַנטיסעמיטן אָדער נישט געוואָלט אָנגיין פאַר אַנטיסעמיטן. זייער אַרגומענט איז געווען, אַז אַ ייִד (ווי אַ מער אויסגעשטעלטער אויף געפאַרן ווי אַן אַנדערער) קען לייכטער אַריינפאַלן צ. אַ. האָט מען מיט אַזעלכע אַרגומענטן אָפּערירט אין די ערשטע אָקופּאַציע־יאָרן — בעת ייִדן, פּוילישע אָפיצירן האָבן, דורך דער פאַרמיטלונג פון אָפיצירן נישט־ייִדן, דערקלערט זייער גרייטקייט אַריינצוטרעטן אין דער שאַפנדיקער זיך אונטערערדישער אַרמיי. מיט דער צייט האָט די דאָזיקע מאָטיווירונג אַוואַנסירט אויף אַ דיפּלאָמאַטישן פאָרמול, וואָס האָט פאַרדעקט... אַנדערע מאָטיוון.

די נויטווענדיקייט צו פירן „קאָנספּיראַציע אין דער קאָנספּיראַציע" האָט גורם געווען אַ סך אייגנאַרטיקע פּראָבלעמען. קודם כל ריין פּסיכישע. שטענדיק אין דער „אַרבעט", אין אירע אַלע אָפּצווייגונגען, קרייצונגען און כאַאָסן — האָט נישט איין ייִד זיך אָנגערירט אין „ייִדישן פּראָבלעם". די באַציאונג פון זיינע מיטאַרבעטער צום דאָזיקן פּראָבלעם איז געווען אַ פאַרשידענע. וועגן דער באַציאונג זענען לפרטים מעיד די דערשיינונגען, באַשריבענע אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. עס האָבן דאָרט נישט געפעלט קיין שעמעוודיקע און עמפּינדלעכע, קיין ווייטאָגלעכע און פאַרוווּנדערנדיקע טענדענצן. איך רעד דאָ נישט וועגן אָרגאַניזאַציעס מיט אַן אַנטיסעמיטישן פּראָגראַם. די זאַך איז שוין פּשוט און קלאָר 2). אָבער אויך ביי

1) ייד. ה. ק. פּראָטאָקאָל נומ. 602.

2) עס האָט געטראָפן, אַז „ייִדן אויף פאַפּירן" האָבן אויך דאָרט פאַרבלאָנדזשעט. ווי אַזוי? זאָגן מ׳יר, אַז אין דער סביבה ווי עס האָט געלעבט צופעליק אַזאַ

די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָט דער קלימאַט „געטון זיינס". אָפּט — קעגן דער ווירקונג פון באַוווסטזיניקע אָנפירער. דאָס צונויפטרעפן זיך מיט די קאָמפּליקאַציעס, האָט פאַרלאַנגט — פאַרשטענדלעך — אַ סך צוריקגעהאַלטנקייט און אַ סך שכל.

דאָס באַהאַלטן די „ראַסע" האָט געשאַפן אַ שווער געמיט נאָך צוליב אַנדערע טעמים. ווי אָפּט (און טאַקע צוליב דער נאַטירלעכער נטיה קעגן קלימאַט, קעגן דער פּאָפּולערקייט פון לייכטע מיינונגען, וואָס זענען זיך סומך אויף אַ גראָבער איגנאָראַנץ) האָבן ייִדן — בעת זיי האָבן געקעמפט — געוואָלט טאַקע קעמפן און נישט באַהאַלטן דערביי זייער ייִדישקייט. אויף דערווייל האָבן זיי אָבער זיך געמוזט אָפּזאָגן דערפון, צוליב די באַדינגונגען.

און לסוף פּשוטע, מענטשלעכע טעמים. ווי לאַנג און ביי וועמען עס בלייבט אין זכרון דער זעלנער וואָס איז געפאַלן אויפן קאַמף־פעלד — דאָס איז שוין אַן ענין פאַר מחשבות פון שניט „הכל הבל". אָבער מענטש־לעך איז דער פאַרלאַנג צו פאַרהאַלטן זיין אייגענעם פּנים אין זכרון פון די וואָס וועלן איבערלעבן די געפאַלענע. אפשר אין זכרון פון קאַמף־חברים, אפשר נאָר אין זכרון פון אַ וויטן קרוב אָדער קאָלעגע — צי

ייִד, האָט זיך געפונען אַן אונטערערדישע קאַמף־גרופּע. (בפרט אין די ערשטע יאָרן) האָט די באַפעלקערונג נישט פונאַנדערגעשיידט: אַן אָרגאַניזאַציע, דאָס איז אַן אָרגאַניזאַציע. בעיקר קעגן דייטשן. מען איז אַריין. און ערשט די פּראַקטיק האָט באַוווסטזיניק געמאַכט, אַז אַ חוץ קאַמפן מיטן אָקופּאַנט האָט די גרופּע נאָך אַנדערע „אויפגאַבן", נענטערע, לייכטערע און דעריבער אין דער פּראַקטיק אַ סך אַקטי־ווער אויסגעפירטע. גענוג צו דערמאָנען, אַז עס זענען געווען פאַלן, ווען ייִדן האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין... נ. ס. ז. אָבער אין אַלגעמיינעם אז אַזאַ פאַרבלאָנדזשעי פאָר־געקומען אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן: דער ייִד איז אַריין אין דער אָרגאַניזאַציע (אָדער אין אַן אָפּטיילונג פון דער אָרגאַניזאַציע) וואָס אַנטיסעמיטיזם האָט נישט געהערט צו איר פּראָגראַם. פאָרמעל האָט דער רוב פּאַרטייען נישט געהאַט אַזאַ פּראָגראַם. אָבער טאַקע אין דעם קרייז, אָדער אין דער אָפּטיילונג האָט די פירונג געהערט צו אַקטיווע און דעצידירטע ייִדנפרעסער (דאָס וואָרט „אַקטיווע" האָט בעת דער אָקופּאַציע געהאַט אַ בפירוש־נישטצווייִדייטיקן באַטייט). אַ ייִד וואָס האָט זיך געפונען אין אַזאַ אָפּטיילונג, האָט אינערלעך געקעמפט צווישן דעם (פּלאַטאָנישן) מפרש זיין זיך דעם אָפּיציעלן פּראָגראַם — און צווישן דער... פּראַקטיק פון זיין אָפּטיילונג. פאַרלאָזן די אָפּטיילונג איז פאַרשטענדלעך נישט געווען אַזוי לייכט. און זאָגן מיר לסוף, אַז עס זענען אויך געווען אַזעלכע פאַלן ווען אַ זעלנער־ייִד איז געפאַלן פון די הענט פון זיינע מיטזעלנער — בעת זיין אָפּשטאַם איז געוואָרן דעקאָנספּירירט.

פון איין מענטש און אפשר נאָר אויף איין געפיל־מאָמענט. אָבער אַ געפיל וועלכע עס קען פאַרבלאָנדזשען אַזאַ קורצע ידיעה. אפשר נאָר איין זכרון נאָך אַ רעאַלן, באַשטימטן מענטש, און נישט נאָך אַ גאַרנישט־זאָגנדיקן פּסיידאָנים.

די דאָזיקע פּראָבלעמען באַרירט אַגב־אורחהדיק מאַקסימיליאַן טויכנער אין זיין אַרטיקל א. ג. „צום צווייטן יאָרצייט פון וואַרשעווער אויפשטאַנד" 1). דאָרט געפינט זיך אַ בינטל משלים:

„... נישט געווען — שרייבט ער — אין די ערשטע אויגוסט־טעג קיין אונטערשידן צווישן די בירגער פון דעם באַפרייענדיקן זיך וואַרשע. קיינער האָט נישט אָפּגעזאָגט דעם צווייטן דאָס רעכט פון אויספילן די פּאַטריאָטישע פליכט. אַלע האָט פאַרבונדן אַ בשותפותדיקער ענטוזיאַזם און אַ הייסער ווילן אָפּצושלאָגן דעם פאַרהאַסטן שונא. אויף קיין שום אָרט האָט מען נישט בעסער מאַניפעסטירט ברידערלעכקייט און אַחדות — ווי אין וואַרשע אין די ערשטע טעג פון אויגוסט 1944. פאַר זיי אַלע איז דאָס צעברעכן דעם היטלעריזם געווען אַ הייליקער חוב און לעבן־ציל.

אין יענע ערשטע טעג האָב איך באַמערקט אַן אויפריכטיקע פרייד פון פּאָליאַקן בעת יידן האָבן זיך באַוויזן ביי די באַריקאַדן. איך האָב איבערגעלעבט דעם ערשטן פּאַטריאָטישן ציטער, ווען אַ זייגער האַלב זעקס דעם 1טן אויגוסט האָבן צוויי יידן געהרגעט צוויי דייטשן אויף דער טאמקא גאַס — און געפינענדיק נאָכדעם אַ ווייס־רויטע פאָן, האָבן זיי גערופן די סטרוזשעס צו דעקאָרירן מיט פּוילישע פענער די פּוילישע הייזער.

דאָס זענען געווען די ערשטע טעג פון אויגוסט. אָבער נאָכדעם האָט עפּעס אָנגעהויבן קאַלט ווערן. די סיטואַציע איז געוואָרן שווערער, דער ענטוזיאַזם האָט זיך אָנגעהויבן צו לעשן. קליינע מענטשן האָבן געהאַט טענות. אייביקע מאַלקאָנטענטן. און טענות האָט מען געהאַט צו... יידן. ביי די באַריקאַדן און ברונעמס האָט מען שוין אויף זיי געטייטלט מיט די פינגער.

1) „אפּיניא" נר. 3, פון 20. 8. 1946. דאָרט האַנדלט זיך וועגן וואַרשעווער אויפשטאַנד אין יאָר 1944.

און די געבוירענע אָפּטימיסטן, וואָס זענען מיט אַזאַ ענטוזיאַזם אַרויס פון באַהעלטעניש — ווייל זיי האָבן שוין דערזען די אויפלעבנדיקע פרייהייט — האָבן ביזן סוף נישט געוואָלט גלויבן, אַז עס וועלן צוריקקערן די שרעקלעכע דייטשע צייטן. און זיי האָבן געגעבן פון זיך אַ סך, אָפּט מער ווי אַלע מענטשלעכע כוחות, בכדי צו באַזייטיקן די מעגלעכקייט.

אַ סך ייִדן האָבן געקעמפט אין אויפשטאַנד. לרוב האָבן זיי אָנגענומען „אַרישע“ נעמען. געווען צווישן זיי פאַרשידענע. געווען אַזעלכע וועגן וועלכע קיינער האָט נישט געוווסט אַז זיי זענען ייִדן. זיי האָבן זיך געמאַלדן אין די רייען פון פּאָליאַקן — זייענדיק שוין פריִער טעטיק אין אונטערגרונט. אין די אויפשטענדלערישע רייען האָבן זיי קאָנטינויִרט דאָס „אַרישע“ לעבן פון פאַרן אויפשטאַנד. אַ סך האָבן אַפילו, אין די ערשטע טעג, זיך געוואָלט דעקאָנספּירירן... שנעל האָבן זיי אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז שווער צו פאַראייניקן מיט הויפּט־ציל, ד. ה. מיטן קאַמף אין די רייען פון אויפשטאַנד. ... געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן באַהאַלטן זייער אָפּשטאַם לויט דער עצה פון קאַמף־פירער, ווען זיי האָבן יאָ אַלץ דערציילט. נאָר דער פירער האָט געקענט זייער סוד. מיט אַ סך געפיל דערמאָן איך דעם קאַפּיטאַן סטעפאַן פון „שרודמיעשטשיע“, וואָס האָט מיר איבערגעגעבן דעם ערשטן סוד פון געפאַלענעם „יורעק“ און וואָס באמת האָט ער געהייסן שמואל גרינבערג. נאָר אַ קליינע צאָל ייִדן האָבן געקעמפט אין דער אָפיציעל־ייִדישער קאַמף־אָפּטיילונג ביי דער „אַרמיאַ לודאָוואַ“. די אַנדערע — דאָס זענען געווען ייִדן־פּאָליאַקן. מענטשן אָן נעמען — נאָמענלאָזע.

שווער, גאָר שווער איז געווען דאָס גיין אין קאַמף — ווו דער טויט איז געווען אַ נאָרמאַלע, טאָג־טעגלעכע דערשיינונג — אונטער אַן אַנדערן, פאַר קיינעם נישט־באַוווסטן נאָמען. „ווער וועט פון אונדז וויסן, ווער וועט וויסן, אַז מיר האָבן געקעמפט און זענען געפאַלן אין וואַרשעווער אויפשטאַנד?“ — האָבן געפרעגט יונגע ייִדישע ייִנגלעך. שטייענדיק פאַרן טויט, וויל יעדער זיך מתודה זיין, און דער נאָמענלאָזער, ווייל האָבן זיין נאָמען. ער וויל נישט פאַרלאָזן די וועלט אָן אַ נאָמען; דאָס פּלאָגט פיזיש און איז גלייך צו אַ נישט־אויסגעפירטע פליכט. וויפל האָט געליטן בערנאַרד ב. — דער פירער פונעם קאַמף־אָפּשניט אויפן שטח פון שיענאַ

— בעת ער האָט פאַר אַ העלדישער טאַט באַקומען דעם קרייץ „ווירטוטי מיליטאַרי" און אַגב געמוזט פאַרשווייגן זיין אָפּשטאַם?

וויפל בשותפותדיקע קברים האָבן אין זיך אַריינגענומען ייִדישע אויפשטענדלער מיט פרעמדע נעמען. זיי זענען געגאַנגען אין קאַמף מיט אַ פייערדיקן ברען, ווייל צום קאַמף האָט זיי געשטויסן זייער ייִדיש געוויסן. די בירגער־פליכט, דער חשק אויסצוגלייכן דעם פאַרבויגענעם רוקן און באַווייזן זייער נאַציאָנאַלן שטאָלץ... ... אין אויגוסט־אויפשטאַנד האָבן אויך געקעמפט אַנטיילנעמער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. זיי האָבן אַדורכגעמאַכט זייער קאַמף־דערפאַרונג אין אַ נישט־גלייכער מלחמה, וואָס לכתחילה איז זי שוין געווען אַ פאַרשפּילטע, ווען זייער קאַמף האָט נאָר באַטייט — אַ געשריי און פּראָטעסט. אָבער דעמאָלט זענען זיי געווען ייִדן. און די וועלט האָט באַנומען דעם העראָישן אַקט פון ייִדן — ווי אַ היינטצייטיקן טערמאָפּילע.

און די נאָמענלאָזע, אומבאַקאַנטע זעלנער פונעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, וואָס האָבן מקריב געווען פאַר וואַרשע אַזויפיל האַרץ, פלאַם, העלדישקייט און ייִדישן אָפּטימיזם, זענען געלעגן אין די זעלנער־קברים, אונטער פרעמדע נעמען. ווי אַ פּועל־יוצא פון טראַגישע, פינצטערע און גרויליקע באַדינגונגען — האָבן זיי געמוזט באַהאַלטן זייערע נעמען. די קעמפער פאַר פרייהייט און פּראָגרעס — קרבנות פון צוריקגעשטאַנענקייט און חשכות. אין קאַמף מיטן פאַרהאַסטן אָקופּאַנט, האָט מען געמוזט אויף „אַריש̇ע פּאַפּירן" פאַרגיסן זיין בלוט און אָפּגעבן זיין לעבן... ... די פאַרבינדלערין סטאַשיאַ — „קוועקזילבער" — האָבן זי גערופן חברים — וואָס האָט זיך תמיד אונטערגענומען די שווערסטע אויפגאַבן, איז געווען אַ ייִדישע. העלדיש איז געפאַלן די פאַרבינדלערין סטאַשיאַ, וואָס באמת האָט זי געהייסן זאָפיאַ פרידענטאַל. בשעת קיינער האָט שוין נישט געגלויבט, אַז מען קען זיך דורכשלאָגן פון „שרודמיעשטשיע" צום פאַר־נומענעם טשערניאַקווו — האָט דאָס געמאַכט די פאַרבינדלערין זאָפיאַ פרידענטאַל. זי האָט זיך אַדורכגעשלאָגן, אָנגעקניפּט אַ פאַרבינדונג און מיט אַ מעלדונג זיך געלאָזט אויף צוריק. זי איז אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט, אָבער דאָך אַנטלאָפן. ביים עק לודנאַ און טשערניאַקאָווסקאַ האָט זי צעריסן אַ דייטשער גראַנאַט... ... די פאַרבינדלערינס „מאַריאַ", „יאַנקאַ",

„סטעפּאַ" און „עמיליאַ" — העלדישע אויפשטאַנד־זעלנער, וועמענס יונגע קערפּערס ליגן אין די זעלנער־קברים אויף ווספּולנאַ, מאַרשאַלקאָווסקאַ און מאַקאָטאָווסקאַ — דאָס זענען ייִדן.

נאָך פאַרן אויפשטאַנד האָב איך געאַרבעט אין קאָנספּיראַטיוון ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און ווי אַזעלכער האָב איך געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט אַ סך ייִדן — אויפשטאַנד־אָנטיילנעמער.

איך האָב געקענט אַן עלטערן מענטש, וואָס איז געוואָרן באַפרייט פונעם פּאַוויאַק האָט מען אים — ווי אַ ייִד — נישט געוואָלט אָננעמען אין די רייען פון „א. ק." כאָטש ער האָט זיך געמאָלדן גאַנץ פרייוויליק. אַן עלטערער אָפיציר פון ערשטן וועלט־קריג. ער האָט אָנגענומען אַ פּויליש נאָמען. מען האָט אים אָנגענומען אין „א. ק." איך האָב אים שפּעטער געזען אין די לעצטע שעהן פון „סטאַרוווקאַ" ווו ער האָט דורך קאַנאַלן איבערגעפירט אַ גרופּע זעלנער אויף „פּאָווישלע". ער האָט גוט געקענט דעם וועג און עס גוט אַדורכגעפירט. אָבער מיט אַן אָנגעשטרענגטער אָדער אויפן שטערן און מיט אַ פאַרווייטיקט האַרץ וואָרום אינעם גליקלעכן מאָמענט פון קענען זיך מקריב זיין פאַר אַן אַלגעמיינעם ענין — האָט ער געמוזט באַהאַלטן זיין איך.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער ייִד יחזקאל באַפרייט פון פּאַוויאַק און אָפּגעראַטעוועט פון „טאַרוווקאַ" און „פּאָווישלע" — געפאַלן ביים אויספירן זיינע דינסט־פליכטן אויפן פּלאַץ „טשעך קשיזשי". ער פלעגט פריִער כסדר פרעגן: פאַרוואָס מוז איך מיך באַהאַלטן... מיר האָבן אים נישט געקענט געבן קיין תשובה. ער איז אַוועק, נישט אויפקלערנדיק דעם סוד. אויפן פּלאַץ „טשעך קשיזשי" ליגט ער אונטער אַ פרעמדן נאָמען.

איך האָב באַקענט אַ יונגן ייִדישן דאָקטער מיכאל לייפּונער. ווי אַן אָפיציר פון דער פּוילישער אַרמיי, האָט ער זיך אין די ערשטע אויפשטאַנד־טעג געמאָלדן צו דער דיספּאָזיציע פון דער אויפשטאַנד־מאַכט אויף „סטאַרוווקאַ". „סטאַרוווקאַ" האָט געקענט דעם דאָקטער פעליקס סקאָוראָנסקי. ביי דער אַרבעט איז ער געווען אומדערמידלעך. איבעראַל, ווו מען האָט נאָר געדאַרפט הילף — איז ער געווען. און „סטאַרוווקאַ" האָט זיך געניטיקט אין הילף בייטאָג און ביינאַכט. אים האָבן נישט

אָפּגעשראָקן נישט קיין באָמבעס, קיין פייער, קיין קוילן. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס הייסט אָפּרוען זיך. — „איך, דאָקטער, באַרירן נישט די קוילן" — האָבן צו אים געזאָגט חברים־זעלנער, בעת ער האָט ביים גרעסטן פייער באַקוקט די פאַרוווּנדעטע. „נאָר אַ פּאָליאַק קען זיך אַזוי מקריב זיין" — האָט אים געזאָגט אַ מאָל אַ פּרוי — בעת ער האָט זי אַרויסגעשלעפּט פון די חורבות פון אַ צעפאַלנדיק זיך הויז.

די קוילן האָבן אים נישט באַרירט. אָבער ביז אַ צייט.

ער האָט איבערגעלעבט „סטאַרוווקאַ" און „שרודמיעשטשיע". דער אויפשטאַנד איז געפאַלן. בעת די דייטשע זשאַנדאַרמען זענען אַריין, האָט אַ פּרוי אויף אים אָנגעוויזן ווי אַ ייד. אפשר איז דאָס געווען אַ שוועסטער פון דער, וועלכע ער האָט געראַטעוועט פון די חורבות. דאָס איז איבעריקנס נישט וויכטיק. אַ סעריע פון זשאַנדאַרמישע געווער האָט אַדורכגעלעכערט דעם קערפּער פון דאָקטער לייפונער־סקאָוראָנסקי, ווען די קוילן פלעגן נישט באַרירן.

העלדיש איז געפאַלן אין אויפשטאַנד אינזש. העגריק גרינשפּאַן פון ביליץ, אַ פּוילישער אָפיציר. אין דער אָרגאַניזאַציע איז ער אַריין, ווי אַ פּאָליאַק, נאָך פאַרן אויפשטאַנד. נישט געווען קיין אַקציע אין וועלכער ער זאָל זיך נישט באַטייליקן דער „פּאָרוטשניק העגריק". ער האָט כסדר נאָר געזוכט אַן — „אַרבעט". זיין מוט און אינטעליגענץ האָט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט ביי זיינע פירער. ער איז געוואָרן מאַיאָר. דער אויפשטאַנד האָט אים געטראָפן אין „זשאָליבאָזש". נישט קענענדיק שוין דערגרייכן זיין צוטיילונג־פּונקט — האָט ער זיך געמאָלדן צו דער זשאָליבאָזשער גרופּע פון מאַיאָר „זשובר" („זשיוויטשעל"). באַלד האָט מען דאָרט באַקענט דעם מוטיקן — און גרייטן אויף אַלעם — אָפיציר. ער האָט דאָס אונטערגעצונדן די שול אויף זשאָליבאָזש אין וועלכער עס זענען פאַרברענט געוואָרן איבער 50 דייטשן. דאָס איז געווען זיין ליכטיקער טאָג. ער האָט געהאַט נאָך אַזעלכע ענלעכע טעג, ביז עס איז געקומען דער סוף פונעם יונגן זעלנער. אָנפירנדיק מיט דריי קאָמפּאַניעס, בעתן אַטאַק אויף דער אייל־פאַבריק, איז ער געוואָרן שטערבלעך פאַרוווּנדעט. ער האָט אָנגעפירט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. דעם פּאָרוטשניק העגריק האָט מען באַגראָבן אויפן הויף פון דער גרעבאָוויעצקאַ גאַס נר.

6. בעת דער זעלנערישער לויה האָט מאַיאָר „זשובר" דערקלערט, אַז דער געפאַלענער פּאַרטשניק הענריק איז געווען אַ מוסטער פון אַן אייפער־דיקן פּאָליאַק.

אין די אויפשטאַנד־רייען זענען אויך געווען יידישע קינדער. קינ־דער, וואָס זענען דורכן טראַגיזם פון זייער סיטואַציע געווען צו פרי רייף, וואָס האָבן געטראַכט ווי גרויסע.

הענריק אַרנאָלד, אַ 13־יעריק יינגל פון לעמבערג, איז אַריינגעטרעטן אין די אויפשטאַנד־רייען ווי רישארד רודזשינסקי, דער לעבעדיקער פעי־קער און גרייטער צו יעדער טאַט „רישיאָ" — האָט באַלד אַוואַנסירט אויף אַ פאַרבינדלער פון דער גרופּע פון מאַיאָר „לאלקא" מיטן הויפּט־שטאַב. ער האָט אַדורכגעמאַכט די גאַנצע קאַמפּאַניע. ער האָט זיך געשלאָגן אין די שיס־גרובן, אין די „אַלייען" אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ, ביים „פּלאַץ זבאַוויטשיעלאַ"; צווייםאָל פאַרוואונדעט, איז ער אַריינגעפאַלן אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט...

... איך ווייס נישט וואָס איז געשען מיט די אַנדערע יידישע יינגלעך אויפשטענדלער. צי זיי האָבן איבערגעלעבט, אָדער זיי ליגן אין אַ בשות־פותדיקן גרוב, אויף די וואַרשעווער גאַסן. איך שעץ אייער זכרון און אייער מוט, קליינע זעלנער „מיקי", „צוואַניאַק", „פּיסטאָלעט" און עוגענ־יוש קראַוטשיק. ווי וואָלט איך דאָס געוואָלט, אַז איר זאָלט אייך ערגעץ נאָך אָנרופן.

איך קען אויך נישט דעם גורל פון שמואל און אַלעקסאַנדער סיטמאַן, וואָס זענען אונטערן נאָמען סקאָלסקי אַריינגעטרעטן אויפן שטח פון דער קאָמענדע אויף לעשנאַ 13.

און איך גיב אויך צוריק זיין נאָמען, דעם זעלנער רישאַרד טאָמאַ־שעק. אַן אָנטיילנעמער פון אונטערערד נאָך פאַרן אויפשטאַנד, אַ קאָל־פּאָרטער פון דער געהיימער פּרעסע — איז ער געפאַלן אין אויפשטאַנד, קעמפנדיק אויפן זשאָליבאָזש. ער איז געפאַלן מיטן זעלנער־טויט, בעתן באַדינען דעם מאַשין־געווער. דער זעלנער־קבר האָט פאַרמעל צוגענומען דעם זעלנער רישאַרד טאָמאַשעק. באמת איז געפאַלן ליפּשיץ.

און אויך דיין סוד וועל איך איצט מגלה זיין, דו נאָמענלאָזער, העל־דישער זעלנער — באָלעסלאַוו קראַוויעץ. אונטער דעם נאָמען האָט דיך

געקענט די „אָרגאַניזאַציע״ אין וואַרשע און אונטער דעם נאָמען האָסטו געקעמפּט אין וואַרשעווער אויפשטאַנד. כ׳זע דיך, טייער יינגל, ווי דו ביזט תמיד פאַריאָגט און באַלאַדעוועט מיט פרעמדע ענינים. כ׳זע דיינע גרויסע, שוין זייער אַלטע שיך און כ׳זע ווי דו פאַריכסט אין הויף דאָס פּעקל „צייטונגען״ וואָס זענען געוויקלט אַרום דעם פּוס. — כ׳זע, ווי דו אַנטלויפסט פאַר די זשאַנדאַרמען מיט אַ וויכטיק פּעקל און כ׳זע דיך אויפן דאַך פון זעקסשטאָקיקן הויז — בעת אַ בלאָקאַדע — מיט דרוק מכשירים. תמיד אָנגעפילט מיט אָפּטימיזם, תמיד שמייכלדיק — „באַלעק צו אַלעם״ און אין אויגוסט־קאַמפן דער זעלבער. אויפן ברענענדיקסטן אָרט — אויף „סטאַרוווקאַ״, באַלעסלאַוו קראַוויעץ און באמת פישל טע־נענבוים... איך ווייס נישט אויב דו האָסט איבערלעבט דעם אויפשטאַנד. איך ווייס נאָר, אַז אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן טו איך דיר אַ טובה — צוריקגעבנדיק דיר דיין פאַרלוירענעם נאָמען, נאָך וועלכן דו האָסט גע־לעכצט: דו און אַזויפיל אַנדערע, וועלכע איך קען דאָ נישט אויסרעכענען״...

**
*

פאַרשטענדלעך: דער קלימאַט, די אַטמאָספער און זייערע קאָנסעק־ווענצן, דאָס איז נאָר איין זייט פון דער מטבע. די צווייטע זייט, דאָס זע־נען די פאַקטן ווו דער אָדער אַן אַנדערער מיטזעלנער און מיטעסקן פון אַ ייִד אויף „אַרישע פאַפּירן״ — האָט געוווסט זיין „ראַסע״. אָפּשאַצנדיק דעם שלימות פון באַדינגונגען, האָט ער דאָס באַהאַלטן פאַר זיך און אין דער פּראַקטיק אַרויסגעוויזן ברידערלעכקייט, וואָס האָט זיך אין אַזעלכע פאַלן נאָך פאַרפעסטיקט און לסוף — די וואָפנברידערשאַפט אין באַדינ־גונגען, ווען (כאָטש עס איז נישט געקומען צו קיין ווידוי און צו קיין דע־קאָנספּיראַציע) דאָס לאַנגע צוזאַמענלעבן האָט פאַרביידע צדדים אַנט־פּלעקט דאָס חברישע מענטשלעכקייט: אַ פּשוטע, אַ נישט־אויסגעטראַכטע, אַן ערלעכע און זיכערע.

פאַרשטענדלעך אָבער: תמיד בלייבט דאָ נאָך די פראַגע פון דער צאַל, פון די פּראָפּאָרציעס. אַן אָנגעווייטיקטע.

**
*

די אויבנדערמאָנטע פאַקטן האָבן זיך אָפּגעשפּילט במשך פון אַלע אָקופּאַציע־יאָרן און אויף פאַרשידענע שטחים. עס איז „אַריינגעפאַלן" דער פאַרשפּרייטער פון דער אונטערערדישער פרעסע... „אַריינגעפאַלן" איז דער פאַרבינדלער... געפאַלן איז אַ קעמפער... אין וואַרשע (אויף פּראַגע) האָבן למשל געלעבט צוויי עסקנים, וואָס זענען געווען רעדאַקטאָרן, דרוי־קער און קאָלפּאָרטערן פון דער אונטערערדישער פרעסע. אַלץ די זעלבע מענטשן. עס האָט זיי געמסרט אַ משרת, אַ פאָלקס־דייטשין. מען האָט זיי אַרעסטירט און „ליקווידירט". די אָנטיילנעמער פון דער „אַרבעט" האָבן געוואָלט מודיע זיין דער משפחה אָדער פריינט וועגן טויט. מען האָט נישט געקענט פעסטשטעלן די נעמען פון די געפאַלענע; זיי האָבן געהאַט פאַלשע נעמען. ווי אַזוי האָבן די מיטאַרבעטער געזאָלט וויסן, אַז די צוויי קרבנות, דאָס זענען געווען צוויי יידן: אינזש. אַלעקסאַנדער שענגוט און אינזש. זדזשיסלאַוו דיאַמאַנט?

מען וואָלט געקענט אויפציילן אַ סך אינצידענטן פון דעם מין. נאָכן קריג האָט מען פאַרעפנטלעכט דאָ און דאָרט זכרונות וועגן יידן. פּוילישע זעלנער פון אונטערערדישע גרופּן, וואָס האָבן געלעבט אויף „אַרישע פּאַ־פּירן" — און געפאַלן. דאָס זענען — פאַרשטענדלעך — נאָר ברעקלעך. לרוב האָט די קאָנספּיראַציע שוין צוגעדעקט לעולם ועד דעם אַנאָנים.

עס איז אויך פאַראַן אַ ביסל מאַטעריאַלן אין דער פאָרם פון גבית־עדות פון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט. און פאַראַנען נאָך גענוג אַ סך אַנעקדאָטן פון די ערשטע צוניפטרעפן נאָכן קריג. אַ שאָד, וואָס מען האָט זיי נישט אויפגעאָטירט:

אינזש. ל. (אַ נישט־ייד) אַ געוועזענער אָפיציר פון א. ק. האָט באַזוכט נאָכן קריג, אַ משפחה פון אַ יידישן דאָקטער — זיינס אַ חבר. בעת דער אָקופּאַציע האָט ער זיי אַ סך געהאָלפן און איצט איז ער געקומען זען, ווי אַזוי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. אין זייער דירה האָט ער געטראָפן (צופעליק איינגעלאַדן אין דעם זעלבן טאָג) אַ יונגן מענטש ה. דער לעצ־טער האָט אין דעם אינזש. באַלד דערקענט זיין פריערדיקן מיליטער־פירער, דער אינזש ווידער האָט אין ה. באַלד דערקענט זיינס אַ זעלנער. צווישן די אָנוועזנדיקע איז פאָרגעקומען אַ שמועס, אויסגעפּילט —

ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן — מיט פּערזענלעכע זכרונות. און אַלץ וואָלט געווען זייער שיין, ווען נישט דאָס, וואָס פון אַ צופעליקער באַמער־קונג איז אַרויסגעקומען, אַז — דער פריִערדיקער זעלנער זיינער איז אַ ייִד. נאָכדעם האָט ער — נישט רעכענענדיק זיך מיט דער סעודה־שטימונג — זיך צו אים געווענדעט מיט אַ זעלנערישן טאָן און זעלנערישן סטיל.

— און פאַרוואָס האָסטו עס (דו אַזעלכער און אַזעלכער) מיר דעמאָלט נישט געזאָגט?

ה. איז געוואָרן צעמישט דורכן טאָן פון זיין פריערדיקן לייטער. און אַנשטאָט אויפצונעמען זיין געשריי ווי אַ וויץ האָט ער זיך אָנגעהויבן ערנסט צו פאַרענטפערן: אַז די באַדינגונגען...

אויף דעם דער אינזשעניער:

— שטותים, באַדינגונגען. אָבער פאַרוואָס האָסטו, יונגאַטש איינער, מיר דאָס דעמאָלט נישט געזאָגט?

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז נישט בלויז נישט געווען קיין וויץ, נאָר באמת — אַ פאַרוואָרף.

ערשט שפּעטער האָט דער אינזשעניער אַלץ אויפגעקלערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער סביבה — וווּ עס האָט סטאַציאָנירט זיין אָפּטיילונג — האָבן זיך באַהאַלטן ייִדן און אַז ער טאַקע האָט זיך מיט זיי פאַרינטערעסירט. נישט האָבנדיק (אויף דעם אָפּשניט) צו קיינעם קיין פאַרטרויען, האָט ער אַלץ אַליין דערלידיקט.

— ווען איך וואָלט געוווּסט — האָט ער מיט אַ פאַרוואָרף פאַרענ־דיקט — אַז דו ביזט אַ ייִד, וואָלסטו מיר, היצעל איינער, געווען ביי דעם אַרויסגעהאָלפן. און דעמאָלט ווען דו האָסט געשלאָפן, האָב איך זיך געמוזט אַרומשלעפּן, בכדי אַלץ אַליין דערלידיקן. זעקס קילאָמעטער דאָ, זעקס קילאָמעטער דאָרט 1).

**
*

וועגן דערווירקלעכקייט פון יענע צייטן גיבן פאַקטן (איבערגעבן אַפילו ערלעך, בפרטות און אַ גרויסער צאָל) נאָר אַ טיילווייזן באַנעם. און

1) אויף איך האָב געהאַט ענלעכע פאַלן ביים צונויפטרעפן זיך מיט מיינע זעלנער. אַ טייל פון זיי האָב איך איבערגעגעבן ביים סוף פון מיינע פערזענלעכע זכרונות (אין 3טן טייל פונעם בוך).

אפשר דערפֿאַר, לייענענדיק פֿאַרשידענע באַשרייבונגען און זכרונות, האָבן מיר האָפּט דעם איינדרוק, אַז זיי מיידן זיך מיט עפּעס אַן עיקרדיקער זאַך. ווי אַ פּועל־יוצא (טראָץ דעם אמת און טראָץ דער גרעסערער צאָל פֿון פּרטים) פֿאַרבלייבט פֿאַר אַ סך לייענער — דער גאַנצער מעכאַניזם פֿון דערשיינונגען. גאָר אַ פֿאַרוויקלטער קנויל; בכדי צו האָבן דעם שליסל פֿאַר די וועגן (און אומוועגן) פֿון דעמאָלטיקן קלימאַט — גענוגנט נישט צו באַנעמען נאָר די לאָגיק פֿון די פֿאַקטן; מען דאַרף אויך פֿאַרשטיין די לאָגיק פֿון דעמאָלטיקן כאָאָס. אַ כאָאָס מיט אַ מעטאָד, מיט אַ פֿאַרשטעקטן מעכאַניזם. מיט טענדענצן אין אַ באַשטימטער ריכטונג 1).

בכדי אינפֿאָרמירן, האָט מען דעם אמת געדאַרפֿט דעמאָלט זייער אָפֿט פֿאַרפּוצן „רעטושירן"... אַפֿילו מענטשן פֿון גוטן ווילן האָבן דאָס געמוזט מאַכן לויט דעם אייגענעם צופֿעליקן בליק און לויט דער אייגענער שרעק פֿון פֿאַראורטיילן מאַסיוו. אין רעזולטאַט האָבן זיך די „רעטושן" נאָך מער געענדערט און צעמישט. צום סוף האָט מען שוין נישט געוווּסט וואָס באַהעלט דעם אַרומיקן חשכות און וואָס מאַכט אים געדיכטער און פֿאַרשטאַרקט אים.

גוסטע דרענגער (וואָס האָט אין דער קראָקעווער תּפֿיסה געשריבן דעם שוין דערמאָנטן „יוסטינעס טאָג־בוך") האָט דאָרט אויסגעטראַכט אַ צוגאָבלעכן פּלאַן, בכדי איבעררייסן דעם בונד פֿון שווייגעניש. אין צעלע 15 האָבן צוזאַמען מיט איר געוואַרט אויפֿן טויט נאָך אַנדערע חברות: — „הער אויס — האָט גוסטע געזאָגט צו איינער — מיר וועלן עפּעס אָרגאַניזירן... אויף נעילה. מיר דאַרפֿן זיי באַשווערן די אַרבעט"... 2).

דער פּלאַן איז באַשטאַנען דעריין, אַז בעתן „טראַנספּאָרט" (ווען די דייטשן האָבן זיי געדאַרפֿט פֿירן פֿון העלצלווו אויפֿן הויף פֿון דער שכינות־דיקער תּפֿיסה מאָנטעלופּי — און איבערשיקן מיטן אויטאָ אויפֿן פּלאַשע־ווער „בערגל", צו ליקווידאַציע) האָבן זיי געדאַרפֿט מאַכן אַ מין דעמאָנסט־ראַציע. „אויפֿן וועג, פֿאַר דער תּפֿיסה, וועלן מיר זיך וואַרפֿן אין דער

1) פֿאַרגלייך מיין אָפּהאַנדלונג א. נ. „דאָס אָרגאַניזירן פֿון רציחה" (אויסגאַבע פֿון דער אַלפּוילישער ליגע פֿון קאַמף קעגן ראַסיזם. וואַרשע 1947).

2) פֿאַרגלייך: „זכרונות" פֿון ע. מעלדער־שענבערג („אָפּיניאַ" נר. 32־19, יוני 1947).

זייט פון דעם אַנדערן גאַסן־אויסגאַנג — דאָרט, ווו עס איז די נאָרמאַלע באַוועגונג. מען וועט אָנהויבן שיסן און די דייטשן וועלן אונדז נאָכיאָגן. נאָכדעם וועלן זיי אונדז שיסן אויף דער גאַס און די שטאָט, די גאַנצע שטאָט וועט וויסן"...

„... מיר וואָלטן געוואָלט נאָך זיך צוריקלאָזן דעם נאָכטויט־רום. צי איז דאָס אַ סך? וועגן אַ מעגלעכקייט פון פּאַקטישן אַנטלויפן פון די פּייניקערס העגט האָט קיינער נישט געחלומט. קיין איינער פון אונדז האָט נישט געהאַט ווו אַהין צו גיין. מיר זענען געווען אָרעם, ברודיק אָנגעטון און אָן דאָקומענטן"... 1).

צום אויספירן דעם פּלאַן איז געקומען, דער 29טער אַפּריל 1943. די אַרויסגעפירטע פון דער תפיסה ביי דער העלצלווו־גאַס, האָבן זיך טאַקע געפונען אויף דעם פּאַראויסגעזעענעם וועג צו דער תפיסה אויף דער גאַס מאָנטעלופּיך. דעמאָלט... „די אין אָנהויב פון דער גרופּע, פּאַרלאַנגזאַמערן זייערע טריט. מיר גייען שוין נישט לויט אַ ריי, מיר טוען זיך עפּעס צונויפפרעסן. ביי דעם גאַסן־אויסגאַנג איז דער צווייטער ס.ס.־מאַן. זיין האַנט אויפן פּוטראַל, דער ס.ס.־מאַן קוקט אויף אונדז, דערמאָנט אונדז כסדר מיט ווערטער, אויף זיין פּנים אַ מיאוסער גרימאַס פון אַ שמייכל. און מיר פּרעסן זיך נאָך מער צונויף. שוין קיין שריט פּאָראויס. מיר שטייען אומבאַוועגלעך אינמיטן גאַס. אויף דעם ס.ס.־יש מויל נאָך אַ שמייכל, אָבער אין מויל אַ פּאַרווונדערונג, פּלוצים — ווי אַ מורא... פּאַר מיר יוסטינאַ און לידיאַ, אונטער מיר עוואַ — די וואָס האָט געדאַרפט געבן דעם צייכן. יוסטינאַ קוקט אין דער זייט פון ס.ס.־מאַן, ביי דעם גאַסן־אויסגאַנג... עוואַ שלעפּט מיך פון אונטן ביים זשאַקעט".

מען אַנטלויפט, שיסערייען, מען יאָגט נאָך — און די טויטע גופים פון די אסורים־מיידלעך פּאַלן אויף דער גאַס.

דער גאַנצער ציל פון דער „דעמאָנסטראַציע" איז באַשטאַנען אין דעם גלויבן, אַז די טויטן וועלן אויפמערקזאַם מאַכן די שטאָטישע ציווילע

1) אַגב: ווי אָפּהענגיק פון זיך עס זענען אַנטשטאַנען ענלעכע פּלענער איז מעין אַן ענלעכע (אין כאַראַקטער) „דעמאָנסטראַציע", געמאַכט אויף אַ סך אַ גרעסערן פּאַרנעם דורך מיין גרופּע אין „יאַנאָווער" לאַגער אין לעמבערג. (די „דעמאָנסטראַציע" איז באַשריבן אין מיין בוך „דער אוניווערזיטעט פון תלינים" — אַרויסגעגעבן דורך דער יי. ה. ק. קראָקע 1946).

באַפּעלקערונג אויף דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און וועלן זיי ברענגען צום נאָכטראַכטן; אפשר וועט דאָס זיי אויפליייכטן.

דער פאַל האָט טאַקע אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט. אין דער פּויִלישער געהיימער פּרעסע האָט זיך געפונען דער פאָלגנדיקער קאָמוניקאַט וועגן דעם פאַקט:

„דעם 29טן אַפּריל 1943, בעתן טראַנספּאָרט פון דער פּרוויאישער תפיסה אויף העלצלווו אין קראָקע צום אָרט פון דער עקזעקוציע — האָבן זיך אַרעסטירטע צעבונטעוועט — און אַ טייל זענען אַנטלאָפן. די געכאַפּטע אויף דער גאַס, האָבן די דייטשן דערהרגעט אויף אַ שווידערלעכן אופן. צוויי פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן טראַנספּאָרט־וואָקזאַל; מיט די פּנימער צו דער וואַנט, מיט דעם א. ג. קאָטין־סיסטעם. בכדי איינשטילן די סימפּאַטיעס פון דער באַפעלקערונג, האָבן די דייטשן פאַרשפּרייט אַ מימרא, אַז די אַנטלאָפענע זענען געווען ייִדישקעס".

— „בכדי איינשטילן די סימפּאַטיעס פון דער באַפעלקערונג"... דער קורצער און שיין־צוגעשניטענער זאַץ האָט זיין געווען מעלאַנכאָלישער אויסשפּראַך. ווי אַ צולאָג איז נאָך געווען אַזוי: „בכדי איינשטילן די סימפּאַטיעס פון דער באַפעלקערונג האָבן די דייטשן פאַרשפּרייט אַ מימרא, אַז די אַנטלאָפענע זענען געווען ייִדישקעס".

אויף דעם דער רעדאַקטאָר פון אַן אונטערערדישער צייטונג (איבעריקנס צוליב איידעלע מאָטיוון), צעמענטירט די „מימרא" מיט דער הילף פון אַ גראַציעזן נישט־דערזאָגעניש, בכדי אָקעגנווירקן דאָס „איינשטילן די סימפּאַטיעס".

וואָס קען מען אָבער מאַכן, ווען די דאָזיקע אַרעסטירטע — נו — זענען באמת געווען ייִדישקעס..?

אָט אַזעלכע פּרטים האָבן אין די אָקופּאַציע־יאָרן געהאַט אַ מוראדיקן איינפלוס ביים געשטאַלטיקן די „ידיעות" וועגן ייִדישן אונטערגרונט. און נאָר אויפן ראַנד פון דעם קלימאַט קען מען ערשט פאַרשטיין, אויף וואָס פאַראַ שוועריקייטן מיר האָבן אָנגעטראָפן אין אונדזער אינפאָרמאַציע־אַרבעט.

סוף פון צווייטן בוך

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — הימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ח. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947“ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע“
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראָצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספארקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) יהושע פערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספארקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פּולער וואָך
83—82) יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
86־85) מרדכי שטריגלער — גורלות
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)
89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספארקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
92־91) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין געריש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)
96—95) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (זכרונות)
98—97) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) י. הירשהויט — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע
103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) — י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
107־106־105) — מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

109־108) מרדכי שטריגלער — געאַרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש

עס גרייט זיך צום דרוק:

ברוך האַגער — מלכות חסידות
ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (זכרונות)
פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען
ש. בערלינסקי — ירושה
מאַקס ווײנרייך — פון ביידע זייטן פּלויט (וועגן אורי קאָוונער)

דאָס פּוילישע ייִדנטום

★

שמואל ראָזשאַנסקי שרייבט אין צוזאַמענהאַנג מיט די פייערונגען לכבוד 100 בענד פון דער סעריע אין זיין אַרטיקל א. נ. „דאָס פּוילישע ייִדנטום — אויף דער אַרגענטינער ערד" („די ייִדישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 23טער אויגוסט 1954):

דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" — וואָס פייערט היינט זיין יום טוב צום דערשיינען פון זיין הונדערטסטן בוך — ווערט אין דער גאַנצער וועלט באַטראַכט ווי אַן אויפטו, וואָס איז נישט צופעליק אויפגעקומען אויף דער אַרגענטינער ערד. ווו נאָר מען לויבט די ווערטפולע קאָלעקציע ביכער, וואָס דער דאָזיקער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, האָלט מען פאַר נאַטירלעך אויך צו מאַכן קאָמפּלימענטן דעם אַרגענטינער ישוב.

ביידע זענען געקניפּט און געבונדן. פאַרשותפט.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, למשל, געפינען זיך מסתמא אויך אַמביציעזע מענטשן, וועלכע וואָלטן געהאַט אינטערעס צו מאַכן אַן ענלעכע אַרבעט ווי דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום". די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון פּוילישע ייִדן האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיכער גרעסערע קרייזן, ביי וועלכע זיי וואָלטן באַדאַרפט געפינען די נייטיקע הילף פאַר אַזאַ שיינער און וויכטיקער אַרבעט. אין ניו יאָרק זענען דאָך דאָ מער פּוילישע ייִדן ווי אין גאַנץ דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע! פונדעסטוועגן האָט קיינער דאָרטן, און אַוודאַי נישט אין קיין אַנדערן ישוב, אַפילו נישט געפּרוווט אַנצוהויבן טון עפּעס, וואָס זאָל זיין ענלעך צום פאַרלאַג פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין בוענאָס איירעס.

דאָס וויל זאָגן, אַז דער גייסט פון דעם פּוילישן ייִד — די ייִדישע פאָלקסטימלעכקייט — האָט אין בוענאָס איירעס געפונען אַזאַ גינציקן באָדן, אַז דאָ איז מעגלעך געווען צו

טון און אויפצוטון דאָס וואָס איז אין אַנדערע ערטער נישט מעגלעך געווען.

פילן מיר, ווי מיטן אַרויסגעבן די פּאַרביקע סעריע ביכער „דאָס פּוילישע ייִדנטום" ווערט פעסטגעשטעלט, אַז אויף דער אַרגענטינער ערד האָט דער פּוילישער ייִד אפשר בעסער ווי ערגעץ־ווו באַוויזן אויפצוהיטן זיין ירושה, וואָס איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די פאַרברענטע היימען.

* * *

אָנגעהויבן האָט זיך די אַרבעט פון פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" מיט ביכער, וועלכע האָבן דערציילט, דורך זכרונות, פון אייגענע איבערלעבונגען, ווי דורך דאָקומענטן און געשיכטלעכע סקיצן, שילדערן די ליידן, דעם צער, דעם בראָך און דעם חורבן פון די ייִדן אונטערן היטלעריסטישן יאָך. אַרויסגעראַטעוועטע פון געטאָס און פון „פאַבריקן פון טויט" האָבן גע־פּרוווט אויפצולעבן און אויסצומאָלן די אומגליקן און וואָגל־און־וואַנדער, וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט. דורך דעם איז אַנטפּלעקט געוואָרן דער גרויל פון דער בלוטיקסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטשהייט. פון זכרונות האָבן זיי אויסגעשיילט קינסטלערישע אימאַזשן. אייניקע מעמואַריסטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין גרויסע קינסטלערס. אייניקע ביכער, וועלכע האָבן לכתחילה באַדאַרפט „איבערגעבן זייערע איבערלעבונגען", זענען גאָר דערשינען ווי גרויסע קינסטלערישע ווערק. מרדכי שטריגלער האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן.

ווען דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" וואָלט מער נישט אַרויסגעגעבן ווי מרדכי שטריגלערס ביכער, איבערהויפּט „מיידאַנעק", וואָלט שוין מיט דעם אַליין זיין אויפטו געווען אַ גרויסער.

ווען דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום" וואָלט מער נישט אַרויסגעגעבן ווי די ביכער וועגן די געטאָס, לאַגערן, קרעמאַטאָריעס און וואַרשעווער אויפשטאַנד, וואָלט שוין די קאָלעקציע פאַרזיגלט געוואָרן אין אונדזער ליטעראַטור פאַר דורות.

דער פאַרלאַג באַנוגנט זיך אָבער נישט מיט דעם. ער ברענגט אויך אַריין אַנדערע מינים לייענשטאָף, נישט בלויז פון דער גרויל־תקופה, נייערט פון אַמאָליקע צייטן, צומאָל אויך נישט בלויז פון פּוילן, נאָר אַפילו פון די ווייטערע פּעריפעריעס, ווי פון דער ליטווישער ליטע, אאַז"וו, ממילא אויך פון אַמאָל, ווען דאָס פּוילישע ייִדנטום און

דאָס ליטווישע ייִדנטום זענען געווען די שפּרודלדיקסטע קוואַלן פון לעבן, פון קאַמפן, פון האָפענונגען.

דאָ קענען שוין זיין פאַרשידענע מיינונגען וועגן אויסקלייב פון לייענשטאָף, וועגן סיסטעם, וועגן אָריענטאַציע. מען קען פרעגן: וואָס איז בילכער?

דער פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום" האָט אָבער געמאַכט פוראָר דווקא מיט דעם אימפּולסיוון צוגאַנג: טון! און וואָס גיכער! וואָס מערער!

* * *

„דאָס פוילישע ייִדנטום" איז טאַקע אַ רייכע דערפאַרונג פון „געזאָגט און געטון", אוז אפשר — פון פריִער טון און ערשט נאָכדעם זאָגן...

עס איז אויסער יעדן ספק, אַז דער פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום" האָט קודם כל געגעבן אַ לעקציע דער פאַרלעגערישער וועלט, אז מען קען מיט ייִדיש אָנשפּאַרן אין ארבע פינות עולם — אויך נאָכן חורבן. מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטעלבערג האָבן, אַזוי אַרום, געהויבן דעם מוט אין דער געשלאָגענער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט. אמת, זיי האָבן אויפגענומען דעם שפּאַנענדיקסטן לייענשטאָף, וואָס צעטרייסלט מאַסן לייענערס, וועלכע האָבן די אויפטרייסלונג געזוכט... זיי אָפּערירן מיט אַ ליטעראַטור, וואָס האָט אויף זיך די קרוין פון מאַרטיראָלאָגיע. דאָס איז אַ באַזונדערע זכיה, אַ טרויעריקע, דאָך אַ זכיה.

עס איז אָבער נישט קיין סוד, אַז עס זענען דאָ ייִדישע לייענערס, פאַר וועלכע די ליידן־ליטעראַטור איז א צו שטאַרקער לייענשטאָף. פאַראַן אויך אַזעלכע, פאַר וועלכע דאָס מין ליטעראַטור איז נאָר אזוי לאַנג דריַנגענדיק געווען, ווי לאַנג די גרויסע און טרויעריקע געשעענישן זענען פאַר זיי געווען פאַרהוילן, אומבאַקאַנט. נאָר האָבן זיי אַ ביסל זיך אָנגעלייענט, פילן זיי זיך „פאַרמאַטערט".

דער פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום", אַקטיוו, אימפּולסיוו, העלפט צעטרייבן די מרה־שחורה פון די פּראָפעסיאָנעלע מקוננים און באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור, ספּעציעל מיט דער ירושה פון דער וועלט, וואָס איז חרוב געוואָרן...

יעקב באַטאַשאַנסקי שרייבט וועגן מאַרק טורקאָווס בוך „די לעצטע פון אַ גרויסן דור“ און וועגן דער פייערונג לכבוד דעם דערשיינען פון הונדערט בענד („די פרעסע“, בוענאָס איירעס, 22טער אויגוסט 1954):

דאָס ערשטע בוך פון דער סעריע „דאָס פוילישע יידנטום“, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1948 איז געוועז פון מ. טורקאָוו — ס'הייסט

„מלכה אָוושאַני דערציילט“. מלכה אָוושאַני איז געווען די ערשטע יידישע נשמה פון דער פוילישער שארית הפליטה, וואָס האָט זיך דערשלאָגן צו די ברעגן פון פלאַטאַ. זי האָט דערציילט אירע איבערלעבונגען און מ. ט. האָט זיי פאַרשריבן און דאָס דאָזיקע האָט געגעבן דעם ערשטן שטויס צו דער גרינדונג פון דעם פאַרלאַג ביים צענטראַל פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און דער פאַרוואַלטונג פון אַברהם מיטלבערג. קיינער האָט דעמאָלט ניט געקענט פאָראויסזען, אַז די דערמאָנטע סעריע וועט גרייכן ביז דעם נומער הונדערט און וועט גיין ווייטער. און אָט געשעט דאָס: מאָרגן, מאָנטיק דעם 23טן אויגוסט, ווערט אין טעאַטער „קאָריענטעס“ פון דער יידישער „קונסט־בינע“ אין אַרגענטינע געפייערט די דערשיינונג פון דעם הונדערטסטן בוך פון אָט דער סעריע מיט דער באַטייליקונג פון ישראל־מיניסטער אין אַרגענטינע ד״ר א. ל. קובאָווי און פון די ספּעציעל פון ניו יאָרק געבראַכטע שארית־הפליטה־שוישפּילער יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד (דער ערשטער איז אַ מחבר פון פיר ביכער פון אָט דער סעריע) און אָנגעשלאָסן איז אין אָט דעם יום טוב דער גאַנצער יידישער ישוב אין אַרגענטינע, אַן אַ שיער גרויסע אינסטיטוציעס און ערשטראַנגיקע פּערזענלעכקייטן פון

מדינת ישראל, פּאַראייניקטע שטאַ־
טן אין נאָרד־אַמעריקע און אַן אַ
שיער יידישע אַנשטאַלטן און פער־
זענלעכקייטן אין דער גאַנצער ווע־
לט, אויסער פוילן גופא... און אפשר
באַטייליקן זיך אויך ייִדן, וואָס זע־
נען היינט אין פוילן, אין אַט דעם
יום טוב און עס באַטייליקן זיך אין
אים אויך ייִדן, וואָס געפינען זיך
אין ראַטנפאַרבאַנד, רומעניע און
אונגאַרן, אָבער זיי טוען דאָס אין
דער פאַרבאָרגעניש, אַזוי ווי די
אַנוסים האָבן געפּראַוועט שבת...

דאָס הונדערטסטע בוך פון דער
סעריע איז אויך פון מאַרק טור־
קאָוו. דער נאָמען פון בוך הייסט
„די לעצטע פון אַ גרויסן דור".
אין זיין קורצן „אַ וואָרט פאַראויס"
דערקלערט דער מחבר זייער לאַ־
קאָניש, וואָס ער איז אויסן מיט זיי־
נע מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע
משפחות, וואָס האָבן געשפּילט אַ
וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע
פון דעם פאַרשניטענעם פוילישן
יידנטום. מ. ט. האַלט, אַז „עטלעכע
פון די געשילדערטע עפּיזאָדן, אַ
סך פון די דערציילטע פאַקטן, גיי־
בן... זייער אַ סך נאָכצוטראַכטן
דווקא פאַר די רייכע ייִדן אין די
לענדער פון דעם נייעם קאָנטינענט,
ווו יידישע דינאַסטיע־משפחות זענען
אויפגעשטעלט... יעדער פאַרשטענ־
דיקער לייענער וועט אַליין, לויט
זיין וויסן און געוויסן, קענען אַרויס־
ציִען אַ געוויסן מוסר־השכל פאַר
אונדזער היינטיקן יידישן לעבן..."
דער מחבר דריקט אויס זיין ווילן,
אַז די מאָנאָגראַפיעס „דאַרפן זיין
אַן אָנהויב פאַר ווייטערדיקע זאַמ־
לונגען פון באַקאַנטע יידישע משפּ־
חות און יחידים", אַן אָנהויב פאַר
אים אַליין (און אפשר אויך פאַר
אַנדערע י. ב.) און ער גלויבט, מיט
רעכט, אַז „דאָס קען דינען ווי אַ
מאַטעריאַל פאַרן היסטאָריקער פון
יידישן לעבן אין פוילן. לויט אַט
דער באַהויפּטונג, וואָלט אפשר מער
געפּאַסט, אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל
זיין דאָס הונדערט־ערשטע און זאָל
בכלל דינען ווי אַן אָנהויב פאַר —
ווער ווייסט? — אַ צווייטער הונ־
דערט ־ ביכערדיקער סעריע... מען
וואָלט אפשר סיי ווי געדאַרפט צום
יום טוב דאָס הונדערטסטער בוך,
לויט דעם שטייגער פון אונדזער
טראַדיציע, וואָס הייסט באַלד נאָך
„וזאת הברכה" אָנהייבן „בראשית"...

דאָס בוך, וואָס פאַרנעמט אַרי־
בער 330 זייטן, האָט אַכט מאָנאָג־
ראַפיעס. זיי זענען זייער אינטערע־
סאַנט און באַלערנדיק. דער מחבר
האָט זיך גענוצט מיט די פאַרשידנ־
סטע מקורים פאַר זיינע ארבעטן
אויף אַרויסצוברענגען די גענעאַלאָ־
גיע און דעם גאַנצן אַנטוויקלונג־
גאַנג פון די משפחות, וואָס ער באַ־

שרייבט און די פינאַלן האָט ער צום מייסטן איבערגעגעבן לויט פערזענלעכע זכרונות און איינדרוקן. אַלע עפּיזאָדן ווירקן ממש ווי טראַגעדיעס. טאַקע די סאַמע ערשטע מאָנאָגראַפיע וואָס טראָגט דעם לאַקאָנישן נאָמען „אייגער“. עס האַנדלט זיך אין דער משפחה פון איינעם פון די גרעסטע רבנים און תלמודיסטן פון דער ערשטער העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, ר' עקיבא אייגער — 1761־1837 — וועלכער איז די לעצטע 23 יאָר פון זיין לעבן געווען רב אין פּויזן און איז געווען, ווי נחום סאָקאָלאָוו האָט זיך אויסגעדריקט וועגן אים, „אַ תורה־גענעראַל פעסט ווי אַ פעלדז און לויטער ווי קרישטאָל“. די קינדער פון ר' עקיבא אייגער האָבן זיך דערווייטערט פון כלי קודש און זיינען אַריבער צו וועלטלעכע פּראָפעסיעס געוואָרן סוחרים און אינדוסטריאַלן. אָבער זיי האָבן שטאָלצירט מיט זייער אָפּשטאַם. פון זיי האָבן זיך ביים אָנהויב פון היינטיקן יאָרהונדערט אַרויסגערוקט אייניקלעך פון ר' עקיבאַן, דריי ברידער אייגער, וואָס האָבן שוין געהייסן יוליוש, בראָניסלאַוו און באָלעסלאַוו. און האָבן געהערט צו די פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון דער פוילישער אַסימילאַציע. דערקייקלענדיק זיך שוין ביז שמד פון אַלע אירע דריי קינדער, האָט דיאַנאַ די אַלמנה פון באָלעסלאַוון, זיך דערנענטערט צום נאַציאָנאַלן ייִדישן לאַגער. צוויי פון אירע דריי קינדער זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן און איינער דער ייִנגסטער קאַזשימיעזש (אַ נאָמען נאָך עקיבא), וועלכן מען האָט גערופן קאַזשיק, האָט זיך געפונען אויף דער שיף „קאַבאָ בוענאָ עספּעראַנסאַ“, וואָס האָט געפירט 42 ייִדן — אייניקע געשמדטע — פון פאַרשידענע לענדער, וועלכע האָבן געהאַט בראַזיליענער וויזעס, אָבער מען האָט זיי אין בראַזיל נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן און אויך אין אַנדערע לענדער האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט און ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביי צוריקגעשיקט ווערן קיין אייראָפּע, האָט זיי האָלאַנד אַריינגעלאָזט קיין קוראַסאַאָ. קאַזשיק, דאָס אור־אור־אייניקל פון עקיבא אייגער, איז דער לעצטער לעבנגעבליבענער פון דער אייגער־דינאַסטיע און ער איז לערער פון פראַנצויזיש אין באָגאָטאָ — הויפּטשטאָט פון קאָלאָמביע — אין אַ גימנאַזיע פון אַ יעזואיטן קלויסטער...

מיר וועט אויסקומען ביי אַן אַנדער געלעגנהייט זיך אָפּשטעלן לענגער אויף די אַנדערע מאָנאָגראַפיעס פון בוך וואָס צוויי פון זיי זענען וועגן דער קינסטלער־משפחה זיידנבייטלער, וואָס אַ לעצטער פון

זיי, אַליין אַ טאַלאַנטירטער קינסט־לער, איז געווען שמש אין דער הי־גער פּאַסאַ שול און וועגן דער משפּ־חה פון הלל צייטלין. אויך די אַנ־דערע מאָנאָגראַפיעס דערציילן וועגן תכליתים, וואָס ס'איז געוואָרן פון גרויסע משפחות, וואָס דער אָנהייב פון זיי שטעקט אין דער טראַדיציאָ־נעלער ייִדישקייט, אָט ווי די דיי־נאַסטיע דאַווידזאָן, וואָס איר ראש איז געווען אַ גרויסער גביר און אַ גרויסער וואַרשעווער רב. אָט די פאַמיליע האָט אַרויסגעגעבן דעם באַוווסטן ציוניסט נח דאַווידזאָן און דער לעצטער לעבט מיט דער פרוי און צוויי זין אירע, ד"ר יוסף דאַ־ווידזאָן, לעבט מיט דער פרוי און צוויי קינדער אין ישראל, ערגער האָבן אָפּגעשניטן די פאַמיליעס טעפּליץ, וואַוועלבערג, ברעגמאַן. און אַנדערש איז פאַרענדיקט געוואָ־רן די דינאַסטיע פון באַנקיר שע־רעשאָווסקי, וואָס זענען אַ שם דבר נישט בלויז ביי פּוילישע ייִדן. די פּערזענלעכע דערינערונגען וועגן לעצטע פון משפחות, מיט וועלכע מ. טורקאָוו האָט זיך געטראָפן אין ניו יאָרק און בראַזיל, לייענען זיך ווי פראַגמענטן פון ראָמאַנען, אָדער דערציילונגען. הײַנט האָב איך גע־וואָלט בלויז יום טובדיק דערמאָנען דאָס 100טע בוך פון דער סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום".

די פייערונג אינעם טעאַטער „קאַריענטעס" פון די הונדערט בי־כער, וואָס זענען דערשינען אַ דאַנק דער איבערמענטשלעכער אָנשטרענ־גונג און קאָלאָסאַלער ענערגיע פון מאַרק טורקאָוו און אַברהם מיטל־בערג, וועלכע האָבן טיילווייז געהאַט אַן אָנשפּאַר אין צענטראַל פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע און טאַקע אין גאַנצן ישוב אין אונ־דזערן, איז אַ געשעעניש פון אַ זעל־טענעם מין... עס איז אַ געשעעניש, וואָס דערמאָנט פון איין זייט דעם גרעסטן חורבן פון אונדזער לעבן און וואָס גיט אַ מעלאַנכאָלישע סאַ־טיספאַקציע דורך דעם, וואָס וועגן די פאַרשניטענע זענען ביז איצטער דערשינען הונדערט ביכער דווקא אין אַרגענטינע, אין אַ ישוב, וואָס ציילט קוים 65 יאָר... פון אַ פּולסי־רנדיק לעבן האָבן מיר רעשטן אין ביכער. אָבער מיר זענען דאָך אַן עם הספר, וואַקסן מיר ווידער אַריין און אַרויס דורך אונדזערע ספרים... לעבן דעם בדמיך חיי, דאַרף צו־געגעבן ווערן אויך אַ בספריך חיי — מיר לעבן דורך אונדזער בלוט און דורך אונדזערע ביכער...

ד"ר נ. סווערדלין שרייבט וועגן די צוויי בענד פון יאַנאַס טורקאָוו „פאַרלאָשענע שטערן" („דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", ניו יאָרק, 15־טער יולי 1954):

...„און ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז פון אַלע מיינע 187 טעאַטער־חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ — זענען

פאַרבליבן ביים לעבן בלויז איך און מיין פרוי דיאַנאַ בלומענפעלד, גייט מיר דורך אַ ציטער איבערן לייב... פאַרוואָס גראָד מיר ביידע און נישט קיין אַנדערע?!

„און איך פיל מיך אַ פאַרשעמטער, וואָס דער גורל האָט גראָד אונדז אויסגעקליבן צו זיין די אויס־דערוויילטע.

„ווען איך וואָלט ווו עס איז גע־פונען אייערע קברים, מיינע טייע־רע חברים, וואָלט איך צו זיי אַריינ־געשריען: זייט מיר מוחל, וואָס איך לעב!

„איך פאַרזיכער אייך, אַז איך האָב קיין שום מיטל נישט אָנגענו־מען, כדי צו בלייבן ביים לעבן. איך בין נישט געגאַנגען מיט קיין עלענ־בויגנס, נישט דורכגעשטופּט זיך אויפן חשבון פון אַנדערע, פונקט ווי איר, מיינע טייערע, אומפאַר־געסלעכע חברים, האָבן עס נישט געטון.

„איך האָב נישט געטון קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיין קעגן אונדזער עטיק און מאָראַל. איך בין נישט געווען קיין מיטאַרבעטער פון דער יידישער געטאָ־פּאָליציי; איך בין נישט געווען טעטיק אין קיין שום אינסטיטוציע, וואָס האָט מיטגעאַר־בעט מיט די דייטשן.

„צי בין איך שולדיק, וואָס איך בין נישט געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן ביים טראָגן געווער פאַר דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַ־ציע?

„צי בין איך שולדיק, וואָס איך בין בעת דער דייטשער אָקופּאַציע באַפרייט געוואָרן פון תפיסה, ווו איך בין געזעסן פאַר סאַבאָטאַזש?

„צי בין איך שולדיק, אַז זייענדיק אין אַזויפיל טויט־געפאַרן, בין איך פאַרט פאַרבליבן לעבן?

„צי בין איך שולדיק, וואָס מען האָט מיך בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ נישט דערשאָסן אויפן אָרט, נאָר מיך געבראַכט אין אַ לאַגער אַריין?

„צי בין איך שולדיק, וואָס די אונטערערדישע באַוועגונג האָט מיך פון לאַגער אַרויסגעגנבעט אַ פּאָר טעג, איידער מען האָט אַלע ייִדן פון דאָרט אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע און זיי דאָרט פאַרגאַזט?

...„עס איז דאָך געווען בלויז אַ צופאַל, וואָס איך און מיין פרוי זענען געבליבן לעבן... און פאַר דעם דאָזיקן גליקלעכן צופאַל — זייט מיר מוחל!

„איך וויל אָבער מיין חטא, וואָס איך בין געבליבן לעבן, אויסקויפן דערמיט, וואָס ביז צום סוף פון מיין לעבן וועל איך נישט לאָזן מען זאָל אייך פאַרגעסן... זאָלן די יזכור־בלעטלעך זיין אַ דענקמאָל, אַן אָנדענק, אַ דערמאָנונג אָן אייער ליכטיקן, נישט־פאַרענדיקטן לעבן. זאָלן זיי אַריבער לדור־דורות ווי אַ וועגווייזער פון דערהויבנקייט, געלייטערקייט און הערויִזם, און גלייכצייטיק זאָלן זיי דינען ווי אַ וואָרענונג פאַר אַ צייט, וואָס טאָר זיך מער נישט איבערחזרן"...

***

די דאָזיקע איינפאַכע, אויפריכטיקע שורות, געשריבן מיטן בלוט פון האַרצן און אויסגעוויקט אין יסורים און טרערן, זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון אַ הקדמה, וועלכע דער גוט באַקאַנטער שוישפילער און רעזשיסאָר יאָנאַס טורקאָוו האָט אָנגעשריבן צו זיינע צוויי בענדער „פאַרלאָרענע שטערן", וואָס זענען נאָרוואָס דערשינען.

כ'האָב אויפגעעפנט דעם ערשטן באַנד, גענומען לייענען, און זיך ניט געקענט אָפּרייסן. דער אָוונט איז אַוועק און די נאַכט האָט זיך אַריינגעשליכט. כ'בין געזעסן און געלייענט. ערשט ביים שפּריץ פון זונענשטראַל האָב איך דעם ערשטן באַנד פאַרענדיקט. אַ גאַנצן טאָג האָב איך זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון בוך. אין אָוונט האָט מיך געצויגן צום צווייטן באַנד. די „פאַרלאָשענע שטערן" האָבן צו מיר גערעדט מיט טויזנטער לשונות, און זכרונות פון דעם נאָענטן עבר האָבן אויפגעטויכט און נישט געלאָזט רוען.

יאָ, כ'האָב אין טורקאָווס בוך אויך אַרויסגעלייענט בלעטער פון אַ שטיק אייגן לעבן, ווען אַ לעבן איז געווען מעבר לים.

כ'האָב דאָך אָט די „פאַרלאָשענע שטערן" פון יידישן טעאַטער אין פוילן געקענט. אַנדערע מער, אַנ־

דערע ווייניקער, מיט געוויסע נאָ־ענט באַפריינדעט, און מיט געוויסע ווייניקער.

מיט וויפל פון אָט די גאָט־גע־בענטשטע קינסטלער פלעג איך עס אָוונטן און נעכט נאָך אַ פאַרשטע־לונג אָפּזיצן אין וועלפקעס רעסטאָ־ראַן אין ירושלים ד׳ליטא, און צו־זאַמען ריידן, שמועסן און טיילן זיך מיט אַ ביסעלע פרייד און אויך מיט אַ שטיקל צער.

ווו זענט איר, גוטע, טייערע חברים? נישטאָ מער אייער שמייכל, נישטאָ אַפילו אייער בייזער, נישטאָ, נישטאָ. דער נאַצי, דער רוצח, האָט אייך פריציייטיק פאַרשניטן, געקוי־לעט, פאַרגאַזט!

ווו זענט איר, נאָענטע פריינד, איר אַלע, פאַר וועמען יידיש טעאַ־טער איז געווען קדושה?

ווו זענט איר, די אַלע, פאַר וועמען אַ נייע יידישע טעאַטער־אויפ־פירונג איז געווען אַ יום טוב און אַ דערהויבענע יידישע קולטור־דער־גרייכונג?

ווו זענט איר, אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ טיפן, איניקן דרך־ארץ פאַרן יידישן וואָרט?

ווו זענט איר, יידישע שוישפּי־לער, וואָס האָבן נאָך דעם זעלבן טאָג ווען אַ קריטיקער האָט אייך „אַרונטערגעריסן“, אים, דעם קרי־טיקער, האַרציק־חבריש באַגריסט?

איר האָט אים קיינמאָל פאַר קיין שונא נישט באַטראַכט. איר האָט גוט געוווּסט, אַז דער טעאַטער־קריטי־קער איז אייער בעסטער פריינט און אַז איר און ער, צוזאַמען, צוזאַמען, ווילן דאָך איינס, און דאָס איז, אַז דער יידישער טעאַטער זאָל בלייען און ווערן אַ טעמפּל פון קונסט.

ווו זענט איר, שטערן פון יידישן טעאַטער? ווו?

***

אין יאַנאָס טורקאָווס צווי בענ־דער האָב איך געפונען דעם ענט־פער, דעם טרויעריקן ענטפער, דעם ענטפער, וואָס איז דאָקומענטירט פון אַ ראַיעלן, געוויסנהאַפטן עד־ראיה.

כ׳האָב זיך דערוווּסט וועגן איי־זיק סאַמבערגן און וועגן קלאַראַ סעגאַלאָוויטש; וועגן שלמה קוט־נערן, מרים אָרלעסקאָ, און וועגן דעם רוח החיים פון דער „ווילנער טרופּע“, מיין געוועזענעם לערער פון דער ערשטער יידישער רעאַל־גימ־נאַזיע, מרדכי מאַזאָ. און אָט לייען איך וועגן מיין פריינד זשאַק לעווי און מיין יוגנט־חבר מאַקס (מיטקע) וויסקינד, וועמענס ערשטע טריט אין דער ווילנער העברעיִשער סטו־דיע כ׳האָב אַזוי גוט געקענט. וויס־קינד איז געוואָרן אַ וויכטיקער רע־זשיסער און ער האָט דאָך געקענט

אזוי ווייט אָנשפּאַרן מיט זיין טאַלאַנט און וויסן, ווען נישט דער רוצח... טרערן זענען מיר געשטאַנען אין די אויגן ווען כ׳האָב געלייענט וועגן דעם טראַגישן טויט פון וויסקינדס פרוי, מיין אוניווערזיטעט־חברה, מאַשע באַביצקא, און וואָס איז געוואָרן פון דעם בעסטן שלום עליכם פאָרלעזער און וווּנדערלעכן קאָמיקער, לייב שריפטזעצער? און פון די ליפּאָווסקיס און פון דעם מערקווירדיקן טעאַטער־דירעקטאָר משה קאַרפּינאָוויטש?

און ווי שוידערלעך ס׳איז אומגעקומען דער „טאַטע פון די ווילנער ייִדן און פאַנאַטישער ליבהאָבער פון ייִדישן טעאַטער", ד"ר יעקב ווינאָדסקי. מען האָט אים געפּייניקט, געמאַטערט, אָבער ער, דער זקן, האָט אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן געטרייסט און געמונטערט און אויפגעפאָדערט ווילנער ייִדן נישט אויסצופירן די באַפעלן פון די רוצחים.

על קידוש השם זענען אומגעקומען די פאַרלאָשענע שטערן...

דער נאַצי האָט אַ סוף געמאַכט צו די שומרים און וווּנדערלעכע אינטערפּרעטירער פון ייִדישן פאָלקס־ליד, מנחם קיפּניס און זמרה זעליגפעלד; די נאַטאַן־משפחה, די אַריסטאָקראַטישע גניא שליט; דעם גרויסן פאָלקס־דיכטער און קאָמפּאָזיטאָר מרדכי געבירטיק; דוד בייגעלמאַנען; אדאם דאָמב און ס. אַלטבוים; קאַדיש־כאַש; ז. קאַץ; י. קאַמען; ה. מ"ץ; ל. לעוויצקאַ און נאָך, און נאָך, און נאָך...

קדושים וטהורים!

אייער נאָמען וועט קיינמאָל, קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן!

***

יאָנאַס טורקאָוו צווי בענדער זענען מער ווי בלויז פאַרצייכענונגען פון אַן עד־ראיה, פון אַ כראָניקער.

דאָס זענען וויכטיקע היסטאָרישע מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער און פון ייִדישן מאַרטירערטום.

ס׳איז אַן אומפאַרגעסלעך ווערק וועגן „פאַרלאָשענע שטערן".

ס׳איז מער.

יאָנאַס טורקאָוו האָט געשטעלט אַ ווירדיקע מצבה נאָך 187 טעאַטער־חברים. ס׳איז מער. יאָנאַס טורקאָוו האָט אָנגעצונדן אַ העל ליכט נאָך פאַרלאָשענע שטערן, וועמענס שיין און אָפּשיין איז אייביק...

נ. שמן שרייבט וועגן ד״ר יוסף טענענבוימס בוך „גאַליציע — מיין אַלטע היים“ („דער ייִדישער זשורנאַל“ טאָראָנטאָ, 19טער יוני 1953):

דאָס איז דער 87טער באַנד פון דעם באַרימט געוואָרענעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום“, אונטער דער ענערגישער און פאַכמענישער

רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו און פאַרלאַג-לייטער אברהם מיטלבערג. אַ דערגרייכונג פאַר אַ ייִדישן פאַר־לאַג; בולטע סימנים פון שוווּנג, התלהבות און פעיִקייט פון אַ רע־דאַקציע און אַ פאַרוואַלטונג.

דאָס ווערק, פערזענלעכע מעמואַ־רן, אָבער דאָך שטעלט עס מיט זיך פאָר אַ גאַר וויכטיקן בייטראַג צו דער געשיכטע פון גאַליציש־פּוי־לישן ייִדנטום! דאָס זענען זכרונות וועלכע דאַרפן און מוזן באַטראַכט ווערן פאַר געשיכטע, נישט אַכטנ־דיק די באַשיידנקייט פונעם מחבר, אַז ער איז בלויז „אַ געמעל פון אַ תקופה וועלכע איך האָב פערזענ־לעך מיטגעמאַכט, מיטגעפילט און מיטגעווירקט אין איר“ (הקדמה).

אמת, ס׳פעלן נישט אויפן בי־כער־מאַרק, באַזונדערס די לעצטע יאָרן, ביכער פון מעמואַרן כאַראַק־טער, פון גרעסערן אָדער קלענערן פאַרמעסט. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז מען איז אָביעקטיו אין צוגאַנג, אַז „גאַליציע מיין אַלטע היים“ איז „עולה על כולם“ און דאַרף באַגריסט ווערן פון אַ סך שטאַנדפּונקטן. עס איז אַ קלאַסיש מעמואַרן־בוך, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס בעסטע פון אַזאַ ווערק און דעם פאַרלאַג קומט אַ באַזונדערן יישר־כוח פאַר דערמעגלעכן די דערשיינונג פון אַט דעם ווערק אַלס אַ רינג אין דער קייט פון זייערע וויכטיקע אויסגאַ־בעס פאַר דער פולער, לעבעדיקער געשיכטע פון פוילישן ייִדנטום.

ד״ר יוסף טענענבוים פאַנגט־אָן זיינע מעמואַרן מיט אַ געשיכטלעכן אַריינפיר וועגן גאַליצישן ייִדנטום, מיט דער געשיכטע פון לעמבערג

און „רויט־רייסען״ (מזרח־גאַליציע) וואָס רעכנט איר באַגין פון 10טן יאָרהונדערט.

עס איז אַ „קורצער געשיכטלע־כער איבערבליק״, אָבער אַ גרינט־לעכער, באַזירט אויף די בעסטע מקורות, לעבעדיקע פאַקטן און די־נאַמישע פּאַסירונגען... לעמבערג, ברענגט ער, איז געגרינדעט געוואָרן אַרום דעם יאָר 1250 און טראָגט דעם נאָמען פון פּרינץ לעוו, זון פון הערשער דאַנילאָ... אין יאָר 1340, איז די שטאָט איינגענומען געוואָרן פון פּוילישן קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער און אַזוי איז זי איי־בערגעגאַנגען פון הערשער צו הער־שער, פון מלוכה צו מלוכה...

פאַר ייִדן איז דאָס לעבן אין דער שטאָט געווען זייער שווער. זיי האָבן געהאָט וווינרעכט אין אַ ווינקל פון שטאָט, אין דער „פאָרשטאָט״ צווישן דעם טייך פעלטאַוו און דעם אַלטן רינעק — אונטער דער „פאַזאַמ־טשע״ (אונטערן שלאָס).

ד״ר טענענבוים לערנט מיט אונדז אַ קאַפּיטל געשיכטע מיט אַלע וויכ־טיקע פּרטים, פון מזרח־גאַליציש ווּקס, אַלס אַלגעמיינעם ישוב און באַזונדערס אַלס ייִדישער ישוב; דער צושטאַנד פון אָרטיקן ייִדנטום ביז דער צעטיילונג פון פּוילן. ער גיט אָבער סיי די מיאוסע ברוטאַלע מע־שים פון די מאַכט־אָרגאַנען און סיי די (זאָל זיין זעלטענע) שענערע מעשים פון לעמבערגער שטאָט־מאַכט, ברענגענדיג צוויי באַזונדערע פאַקטן פון צוויי ספּעציפישע פער־יאָדן ווען דער לעמבערגער מאַגיס־טראַט האָט נישט געוואָלט אַרויס־געבן די ייִדן און די **לעצטע זענען** בלויז אָפּגעקומען מיט שרעק און אויסלייז־געלט, איין מאָל אין 1463, ווען דער פּויפּסט האָט פּראָקלאַמירט אַ קרייצצוג קעגן די טערקן און דאָס צווייטער מאָל אין צייט פון כמעלניצקי אין יאָר 1648 (שנת ת״ח).

לעמבערגער ייִדן האָבן אָבער גע־האַט גענוג אויסצושטיין אין אַלע צייטן, פון די אָפטע אָנפאַלן אויף זיי מצד די שטאָטישע און אַרומיקע איינוווינער. אין יוני 1664, האָבן די יעזויִטן באַפאַלן די ייִדישע באַפעל־קערונג. 129 ייִדן זענען אומגעקו־מען, צווישן זיי, די צוויי זין פון ט״ז, די קדושים ר׳ מרדכי און ר׳ שלמה. אַזעלכע געשעענישן זענען געווען אַן אָפטע דערשיינונג און ד״ר טענענבוים אין זיין ווערק שרייבט אַ סך וועגן אָט די פאַלן און לײַדנס־געשיכטע פון גאַליצישן ייִדנטום. עס לייענט זיך זייער געשפּאַנט און איבַ־טערעסאַנט.

אין צווייטן קאַפּיטל, באַהאַנדלט דער מחבר די עפּאָכע פון דער ערש־טער צעטיילונג פון פּוילן (1772)

און די עסטרייכישע אָקופּאַציע פֿון גאַליציע אין צייט ווען אין רוסלאַנד האָט רעגירט אַ פּרוי, קאַטערינע די צווייטע און אין עסטרייך — מאַריע טערעזע. די מאַפּע איז אַלעמאָל גע־ענדערט געוואָרן. מ׳האָט צווישן זיך נישט געקענט אויסקומען מיט דער חלוקה פֿון רויב. ערשט אין 1748, אין צייט ווען אין מערב האָט זיך אָנגעפאַנגען דער פֿעלקער פרילינג, די רעוואָלוציעס, האָט עסטרייך פֿאַרנומען סטאַביל רויטרייסען (מזרח גאַליציע) און קליין־פּוילן (מערב־גאַליציע). דער מחבר גיט דאָ אַ סך פּרטים פֿון דעמאָלטיקן ייִדישן לעבן ביז 1918, פּוילנס באַפרייונג, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און די פֿאַרשידענע צרות וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אויף ייִדן, באַגלייט מיט דעם עקאָנאָמישן דרוק, הויכע שטייערן און באַשרענקונגען אויף ייִדישן מסחר... און דאָך זענען ייִדן געשטיגן גאָר הויך קולטורעל און גייסטיק!

ווען דעם רעדט ער פּרטימדיק אין דריטן קאַפּיטל, זיך אָפּשטעלנ־דיק באַריכות וועגן דער השׂכּלה, אָנהייבנדיק פֿון ר׳ אַהרן בן משה צבי, פֿון גריידינג (מחבר פֿונעם דקדוק־ספר „אהל למשה״, 1765) ביז די משׂכּילים פֿון אונדזער צייט. אַ גרויס אָרט פֿאַרנעמט אין דער השׂכּלה, דער משׂכּילישער „בית ספר״ און דאָ גיט ער איבער איינ־טערעסאַנטע שטריכן פֿון יוסף פּע־רלס „פּריישולע״ אין טאַרנאָפּאָל, זיינע פּאַרדינסטן אַלס דערציִער פֿון דעם השׂכּלה־דור, העצערישע מע־שים, מסירות אאַ״וו. צו באַקעמפֿן חסידות. ער שרייבט אויך וועגן דעם באַרימטן משׂכּיל שלמה יהודה ראַ־פּאַפּאָרט (שי״ר) רב אין טאַרנאָפּאָל, שפּעטער אין פּראַג, ווערנדיק איי־נער פֿון די באַרימטסטע משׂכּילים אין דור.

דער פֿערטער קאַפּיטל איז גע־ווידמעט רבנים און רביים אין גאַ־ליציע, איבערהויפּט אין לעמבערג. ער גיט אַ פֿולע רשימה פֿון לעמ־בערגער רבנים פֿון 18טן און 19טן יאָרהונדערט ביז דעם לעצטן לעמ־בערגער רב, ר׳ חיים לייב ברוידאָ, דער פֿירער פֿון די שטרענג אָרטאָ־דאָקסישע ייִדן און דעם ראַבינער ד״ר יחזקאל לעווין (אייניקל פֿון ר׳ יצחק שמעלקעס) ווען די אוקראַיִ־נער האָבן אומגעבראַכט אין די ערשטע טעג פֿון דער נאַצי־אָקופּאַ־ציע (זע, ז״ז 39־45).

דער מחבר ווייזט אַרויס נישט ווייניקער בקיאות וועגן חסידות אין גאַליציע, די רבייאישע הויפֿן. ער שרייבט וועגן דעם, נישט ווי אַ זיי־טיקער, פֿרעמדער נאָר ווי אַן אייגע־נער היימישער מענטש... ער קאָן דאָס חסידות פֿונדערנאָענט, איז באַ־

קענט מיט אירע גרונט־לייגער און זייערע נאָכפאָלגער. ער שרייבט ניט בלויז פון דער ליכטיקער זייט, נאָר אויך פון דער שאָטנדיקער, פון די אייניקלעך וועלכע האָבן דעם חסידיזם פאַרוואַנדלט אין אַ קאַריקאַטור... עס איז אַ גאָר אינטערעסאַנטער קאַלײדאָסקאָפּישער שפּאַציר איבער די חסידישע דינאַסטיעס: ריזשין, הוסיאַטין, טשאָרטקאָוו, בעלז, קאָסאָוו, וויזשניץ, סאַנדז, באָבאָוו אאַ״וו. ער באַשרייבט די מחלוקת לגבי חוץ און די אינערלעכע רייסערייען און קריגערייען. זיין רעזומע, חסידיזם האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויפן גאַליציש־יידישן לעבן נישט בלויז אין גייסטיקע זין, נאָר אויך סאָציאַל, פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך.

ד״ר טענענבוים לערנט מיט אונדז אַ פּרק עסטרייכישע געשיכטע, די ירידות און עליות פון דער האַבסבורגער דינאַסטיע, די הויף־סקאַנדאַלן, די אינטריגעס, בלוט־פּאַרגיסונגען, אויפשטאַנדן — און דעם יידישן אָנטייל אין אָט די קאַמפן, קעמפנדיק פאַר דער יידישער רעכט, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אָפּיציעל נאָך דער עמאַנציפּאַציע פון 1867. ער שרייבט וועגן אַלץ מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט, ווי ער דריקט זיך אויס: „ווין די שטאָט פון מיינע חלומות...". זיין ליבע צו לעמבערג און ווין! זיי זענען אים טיף איינגעבאַקן „איינגעקריצט אין זיין מוח און איינגעוואָרצלט אין זיין נשמה"... ער לעבט אין ניו־יאָרק און שטעלט זיך פאָר לעמבערג און ווין ווו ער האָט „געלערנט מעדיצין ביי די גרעסטע וועלט־אויטאָריטעטן"... ער רעכנט אויס די קינסטלער, מוזיקער, שריפטשטעלער, דיכטער און וויסנשאַפטלער פון ווין און אין גרויס עקסטאַז, דריקט ער זיך אויס: „איך וואָלט געקענט אויסנוצן ימים און טינט און אַלץ נישט בלייבן גערעכט צו דער גרויסקייט פון ווין!" (ז׳ 86). אָבער דער עיקר ווילן מיר קומען צו זיינע מעמואַרן פון לעמבערגער פּאָגראָם, זיינע דערינערונגען פון די יאָרן 1918־1920, ביז ער פאַרלאָזט זיין אַלטע היים, באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק, די אַדאָפּטירטע נייע היים. ווי אַ מעמואַריסט פון קלאַסישן פאַרנעם, איז די שפּראַך רייך, לעבעדיק, לייכט און בילדלעך וואָס גיט צו ספּעציעלן חן.

ד״ר טענענבוים שילדערט פּרעכטיק די פּאַרטייען, באַוועגונגען, פירנדיקע פיגורן, אַסימילאַנטן און בכלל אַלע ווירקנדיקע כוחות. ער שילדערט דעם מצב פון דער העברעיִשער, יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, אירע וויכטיקע אָנפירער און אַלץ מיט אַזאַ וואַרעמקייט און פאַרערונג. ער רעדט מיט פאַרערונג פון

דעם וועטעראַן פירער פון פוילישן ייִדנטום, ד״ר עמיל זאָמערשטיין, וואָס געפינט זיך אַ קראַנקער אין ניו־יאָרק — און צום סוף אַ פולע רשימה פון די גאַליצישע וואָרט־פירער, דיכטער, זשורנאַליסטן, שריפטשטעלער, פען־מענטשן פון באַרוף, סיי פון פריִערדיקן און סיי פון אונדזער דור — באַדייטנדיקע שאַפנדיקע כוחות אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

אין קאַפּיטל „צווישן האַמער און קאָוואַדלע״, שילדערט ער דאָס טראַגישע קאַפּיטל פון גאַליצישן ייִדנטום בעת און נאָך דעם ערשטן וועלט קריג, די פּאָגראָמען אין לעמבערג און אין אַנדערע שטעט, וועלכע זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פּאָליאַקן, בעתן פאַנאַנדערפאַל פון דער אַלטער עסטרייכישער אימפּעריע. די סיטואַציע איז באַזונדערס שווער געווען פאַר די ייִדן. אַ מעכטיקער ישוב פון איבער צוויי מיליאָן, איז צעטיילט געוואָרן, דער שטח אויף וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן איז פלוצים לויז געוואָרן און זענען זיך „צעפלויגן אין אַלע ריכטונגען...״.

ער שילדערט אַלע פּרטים פון יענער עפּאָכע און ווייזט אַרויס געוואַלטיקע בקיאות, באַהאַוונטקייט און פאַרשטענדעניש — אין אַ סך פאַקטן איז ער אויטענטיש און היסטאָריקער פון דער עפּאָכע וועלן זיך זיך מוזן באַנוצן מיט זיין געניויעם באַשרייבן די פּאָגראָם־כוואַליע, די שרעקלעכע שחיטה אין לעמבערג... מיר וועלן ציטירן בלויז איין פּאַראַגראַף:

„די שטאָט לעמבערג האָט אָנגענומען דעם אויסזען פון אַ שלאַכטפעלד. דער מאַגיסטראַט האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. קיין פּאָליציי איז נישט געווען און עס איז געווען קלאָר, אַז די ייִדן מוזן זיך אַליין באַשיצן קעגן רויב, מאָרד און גנבה...״.

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישע „זיכערקייט אויסשוס״, צונויפגעשטעלט פון כמעט אַלע פּאַרטייען (ער רעכנט אויס די נעמען, גיט אייבער די פּראָקלאַמאַציעס און קולקוראַס). עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט צו באַזאָרגן דער ייִדישער באַפעלקערונג מיט שפּייז; ער אַליין האָט פאַרנומען אַ פירנדע פּאָזיציע אין דעם קאָמיטעט און אַלץ איז געגאַנגען כשורה; די ייִדן האָבן זיך געהאַלטן שטאַרק נייטראַל, אינעם קאַמף צווישן די אוקראַינער און די פּאָליאַקן, נישט געוואָלט אַרויסרופן קעגן זיך דעם צאָרן פון וועלכן ניט איז, צד, און דאָך, ווען די לעצטע האָבן מנצח געווען, פאַרכאַפּט די שטאָט, האָבן זיי צום ערשט זיך גענומען צו דער ייִדישער באַפעלקערונג, דורכגעפירט דעם שרעקלעכן,

ביז דאַן אומפּאַרגלייכלעכן פּאָגראָם (ז״ז 229־253), די לעמבערגער שחי־טה, ווי ער שילדערט אין זיין בוך:

"Der Lemberger Jundenpogrom", von Joseph Bendov (Dr. Tenenbaum) M. Hickel varlag, Wien Brunn 1919.

וואָס איז דערשינען אין עטלעכע שפּראַכן.

דער לעמבערגער פּאָגראָם האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם פרימאָרגן פון 22טן נאָוועמבער 1918 און אָנגע־האַלטן דריי טעג און דריי נעכט; דער יידישער קוואַרטאַל האָט גע־ברענט און דער רויך האָט פאַרדעקט די הימלען, ווייט איבער די גרע־נעצן פון דער געטאָ. עס זענען גע־ווען 72 טויטע, 443 פאַרוווּנדעטע, אומצאָליקע פאַרגוואַלטיקונגען און שענדונגען — און די לעבנגעבליבע־נע, קוים געראַטעוועט האָבן זיך גע־שטיקט אינעם רויך און קוים אויס־געהאַלטן די צעיושעטקייט פון די כוליגאַנעס מיט זייער אַליאירט גע־ווער. „אַזעלכעס — שרייבט ער — איז נישט געשען זינט די כמעלניצ־קי־באַנדעס״.

ד״ר טענענבוים גיט אַ גענויע רשימה פון די קדושים, דערציילט ווי הילפלאָז זיי זענען געווען, גע־שיקט טעלעגראַמעס קיין אַמעריקע, אָבער אין אַנהויב אָן רעזולטאַטן — ביז דער אינטערווענץ פון פּרעזי־דענט ווילסאָן, איז שיעור קיין שריד ופליט נישט געבליבן, אָבער די אַזוי גערופענע „עקספּערטן״, דעם אַמע־ריקאַנער אַמבאַסאַדאָר ג י ב ס אָ ן אַריינגערעכנט, האָבן אָט דער שחי־טה געמאַכט צו קליינגעלט, ראַטנדיק דעם „שטאַטס דעפּאַרטאַמענט״, ניט צו אינטערווענירן, ניט אויפצוהויבן קיין פּראָטעסט קעגן די פּוילישע כוליגאַנעס. אים האָט אויך נאָכגע־פאָלגט, דער אַסימילירטער העברי מאָרגענטוי (דעם היינטיקן העברי מאָרגענטויס פאָטער), געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין טער־קיי, וועמען פּרעזידענט ווילסאָן האָט פאַרטרויט די מיסיע אויסצופאָרשן די געשעענישן אין פּוילן.

אַן ערלעכער באַריכט צו דער וועלט, איז געקומען פון ענגלאַנד פון אַן ענגלישן ייִד, ישראל כהן, אַ ציוניסטישער טוער און שרייבער, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט זיין באַריכט, א. ב. „עי ריפּאָרט אָן דהי פּאָגראָם אין פּאָלענד, 1919״. מיר קענען דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט אַריינלאָזן אין דעטאַלן, וועגן יענע געשעענישן ווי זיי ווערן איבערגע־געבן אין כהנס בוך, דעם דעמאָלטי־קן אָפּרוף אין דער פּרעסע, און בעיקר ווי ד״ר טענענבוים באַ־שרייבט מיט אַלע איינצלהייטן.

וואָס שייך זיין איצטיקן בוך, ווילן מיר דאָ נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז ד״ר טענענבוים גיט אונדז אַ פול קלאָר בילד פון גאַ־

ליצישן לעבנס־שטייגער, די אַטמאָס־פערע פון גאַליצישן ייִד, די גייסטי־קע אַנטוויקלונגען, די עליות און ירידות, פּאָגראָמען און שחיטות, קריטישע יאָרן, דערהויבענע מאָ־מענטן, ביז דער גרעסטער פון אַלע חורבנות, דער היטלער־חורבן — און דאָ וועלן מיר זיך באַנוצן מיט ד״ר טענענבוימס סוף וואָרט:

„אין דער צייט משך פון 1945—192? האָבן די גאַליצישע ייִדן גע־טיילט מיטן גאַנצן מעכטיקן שטאַם פונעם דריי מיליאָניקן פּוילישן ייִדנ־טום אַלע ליידן און פריידן, דעם גע־זעלשאַפטלעכן אויפשטייג, דעם קול־טורעלן הויך־פּונקט און דעם שרעק־לעכן אומקום פונעם גאַנצן גרויסן ייִדישן ישוב אין פּוילן״.

ד״ר טענענבוים, נישט אַכטנדיק זיין פּליס אין שטודיע, זייענדיק נאָך גאָר יונג אַ דערפּאָלגרייכער מעדי־קער, איז ער שטענדיק געווען אַק־טיוו סיי אין געזעלשאַפטלעכן און סיי אין ליטעראַרישן לעבן פון לאַנד. נאָך אַלס סטודענט רעדאַקטירט ער העברעיִשע שריפטן, אַרויסגעגעבן אין לעמבערג דעם זשורנאַל „סנו־נית (די שוואַלב) חודשלעך אין די יאָרן 1912—1910, און אַליין גע־שריבן אַרטיקלען, מערסטנס אונ־טערן פּסעוודאָנים בן־דוב — און דעריבער קאָן ער אַזוי גוט דאָס גאַ־ליצישע לעבן אין אַלע זיינע שטרע־מונגען.

ער פאַרענדיקט זיין הקדמה מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„דער קורצער געשיכטלעכער טייל, איז נישט מער ווי אַן אַריינ־פיר צו דער עפּאָכע וואָס ווערט באַ־שריבן פון דער אייגענער דערפאַ־רונג. ווי אַזוינס, איז ער נישט מער ווי אַ פּערספּעקטיוו, אַן טאָלן, אַן בערג־שפּיצן און אָן פּרעטענזיעס פון טיפקייט. דאָס בוך ענדיקט זיך מיט די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1918־1919. אין יאָר 1919, איז דער מחבר באַשטימט געוואָרן אַלס דע־לעגאַט צו דער שלום־קאָנפערענץ אין פאַריז און האָט זיך באַטייליקט אין די זיצונגען און אַרבעטן פון די ייִדישע דעלעגאַציעס צו דער פּרי־דנס־קאָנפערענץ״.

„אָבער, זאָגט ער, דאָס איז שוין אַן אַנדער עניִן, וועגן וועלכן מען וועט אַמאָל באַזונדער שרייבן״.

דערוואַרטן מיר פון אָט דעם אויס־געצייכנטן מעמואַריסט אויך זיינע מעמואַרן און רעמיניסענצן וועגן יענער תקופה אין פאַריז, די ייִדישע פאַרהאַנדלונגען און דערגרייכונגען ביי אָט דער היסטאָרישער קאָנפע־רענץ.

מיר באַוווּנדערן ד״ר טענענבוימס פּרוכפּערדיקן שאַפן אויף עטלעכע געביטן אין ביידע שפּראַכן, ענגליש

און ייִדיש. ווי מיר דערוויסן זיך, אַרבעט ער איצט אויף אַ גרויס ווערק מעמואַרן, פּובליציסטישע און אַנדערע אַרבעטן. עס איז די טרייב־קראַפט פון שעפערישן מענטש וועל־כער שרייבט מיט אַ פּאַטאָס געמישט מיט אַנאַליטישן שכל... עלעמענטן וואָס מאַכן אַ ווערק אינטערעסאַנט און לעבעדיק און האַלטן דעם לייע־נער געשפּאַנט... דאָס זענען מעמואַ־רן פון וועלכע ס'ווייעט נייקייט, פרישקייט און גיט אַ מעגלעכקייט זיך מתדבק זיין מיט פאַרגעסענע עפּאָכעס...

דער מחבר האָט זיך געשטעלט אינעם פאָדער־גרונט פון מעמואַ־ריסטן־שרייבער, אַריינברענגענדיק זיינע אייגנאַרטיקע מאָטיוון, זיינע אויפפאַסונגען און זיין אַריינבליק אי־נעם היימיש ייִדישן שטעטל. עס איז אַ וויכטיק ווערק סיי פון היסטאָרישן און סיי פון מעמואַריסטישן שטאַנד־פּונקט.

דאָס בוך איז אויך פאַרזען מיט אַ צאָל אינטערעסאַנטע בילדער, ווי בילדער פון די פּרעכטיקע שולן פון זשאָלקעוו, לעמבערג, טאַרנאָפּאָל, בעלז און אַנדערע.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום" זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 106

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
MICHAL BORWICZ, Paris

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 1º DE DICIEMBRE DE 1954 EN LOS "TALLERES GRAFICOS ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

MICHAL BORWICZ

DOCUMENTOS "ARIOS"

(ARISHE PAPIRN)

TOMO II

✶

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires - 1954